STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05700

DER ALEF-BEYS FUN KOMUNIZM

Nikolai Ivanovich Bukharin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וועלכע פּאַרטיי
איז אייערע?

אויב איר זייט אַ דענקענדער און באַוואוסטזיניגער ארבעטער, מוזט איר באַלאַנגען צו אַ פּאָליטישער פּאַרטיי. דערין טאַקע באַשטייט דער באַוואוסטזיין פון ארבעטער׳ס אינטערעסן, אַז די ערשטע באַדינגונג פאַר דער באַפרייאונג פון ארבעטער־קלאַס איז די אויסבילדונג פון אַ שטאַרקער און מעכטיגער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער־פּאַרטיי. דאָס איז אין אמעריקע

די
„וואָרקערס פּאַרטי"

אויב איר באַלאַנגט נאָך ניט צו איר, דאַרפט איר זיך אָן איר אָנשליסן. — אויב איר אינטערעסירט זיך מיט דעם פּראָגראַם פון דער „וואָרקערס פּאַרטי" און מיט אונזער טעגלאַכער צייטונג די „פרייהייט", שיקט אונז אריין אייער נאָמען און אדרעס, וועלען מיר אייך צושיקען אַלע נויטיגע אינפאָרמאַציע.

JEWISH SECTION *of the*
WORKERS PARTY

47 Chrystie Street, New York, N. Y.

דער אלף-בית פון קאָמוניזם

פון
נ. בוכאַרין און י. פּרעאָבראַזשענסקי

מיט א פאָרוואָרט פון
מ. אָלגין

אידיש פון
רחל האָלטמאַן

אונטער דער רעדאקציע פון
מ. האָלטמאַן.

ארויסגעגעבען פון דער
אידישער פעדעראַציע וואָרקערס פּאַרטי פון אַמעריקע

אינהאַלט.

פאָרוואָרט פון די פּראָפעסערס צו דער רוסישער אויסגאַבע.

דאַס „ערפורטער פּראָגראַם", דער „קאָמוניסטישער מאַני־פעסט" און דער „אלף־בית פון קאָמוניזם"

אָדער

פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם צום קאָמוניזם.

זייט

פאָרוואָרט פון מ. אָלגין — — — — — — — — — — — I—XXXII

דער אלף בית פון קאָמוניזם:

קאַפּיטעל א.

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטס־אָרדנונג.

1. פּראָדוקט און סחורה — — — — — — — — — — — — — — 1
2. די מאָנאָפּאָליזירונג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען דורך דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס — — — — — — — — — — — — — 3
3. לוין־ארבייט — — — — — — — — — — — — — — — 4
4. די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָנס־באַציהונגען — — — — — — 7
5. די עקספּלואַטאַציע פון דער ארבייט־קראַפט — — — — — — 9
6. דער קאַפּיטאַל — — — — — — — — — — — — — — 15
7. די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג — — — — — — — — — 19
8. די גרונד־ווידערשפּרוכען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג 27

קאַפּיטעל ב.

די ענטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפטס־אָרדנונג.

9. דער קאַמף צווישען דער קליינער און גרויסער פּראָדוקציע 31
10. די אָפּהענגיגקייט פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, די רעזערוו־ארמיי, די פרויען־ און קינדער־ארבייט — — — — — — — — — — — 40
11. אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע, קאָנקורענץ און קריזיסען — 45
12. די אנטוויקלונג פונ'ם קאַפּיטאַליזם און די קלאַסען — — — 50
13. די קאָנצענטרירונג און צענטראַליזירונג פון קאַפּיטאַל אלס באַדינגונגען פאר דער פארווירקליכונג פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג — — — — — — — — 56

קאפיטעל ג.

קאָמוניזם און דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

זייט

14. די כאַראַקטעריסטיק פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפטס־אָרדנונג — — — — — — — — — — — — — — — 59
15. די פאַרטיילונג אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט — — 63
16. די פאַרוואַלטונג אין דער קאָמוניסטישער אָרדנונג — — — 64
17. די אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען אין דער קאָמוניסטישער אָרדנונג (די מעלות פונ'ם קאָמוניזם) — — — 67
18. די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט — — — — — — — — — 72
19. די עראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט — — — — — — 76
20. די קאָמוניסטישע פּארטיי און די קלאַסען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט — — — — — — — — — — — — 78

קאפּיטעל ד.

ווי אזוי די ענטוויקלונג פונ'ם קאַפּיטאַליזם האָט געפירט צו דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע.

21. דער פינאַנס־קאַפּיטאַל — — — — — — — — — — — — — 89
22. דער אימפּעריאַליזם — — — — — — — — — — — — — — 99
23. דער מיליטאַריזם — — — — — — — — — — — — — — — 111
24. דער אימפּעריאַליסטישער קריג פון די יאָהרען 1914—1918 114
25. דער מלוכה־קאַפּיטאַליזם און די קלאַסען — — — — — — — — 118
26. דער צוזאַמענברוך פונ'ם קאַפּיטאַליזם און דער ארבייטער קלאַס 123
27. דער בירגער־קריג — — — — — — — — — — — — — — — 132
28. די פאָרמען פון בירגער־קריג און ווי אַזוי ער ווערט פינאַנסירט 136
29. אַן אַלגעמיינע רואינע אָדער קאָמוניזם? — — — — — — 145

קאַפּיטעל ה.

דער צווייטער און דריטער אינטערנאַציאָנאַל.

30. דער אינטערנאַציאָנאַליזם פון דער ארבייטער־באַוועגונג אלס באַדינגונג פאַר'ן זיג פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע — 149
31. דער צוזאַמענברוך פונ'ם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל און די אורזאַכען דערפון — — — — — — — — — — — — — — — 152
22. די לאָזונגען פון פאַטערלאַנד־פאַרטיידיגונג און פון פּאַציפיזם 156
33. די סאָציאַל־שאָוויניסטען — — — — — — — — — — — — 161
34. דער „צענטער“ — — — — — — — — — — — — — — — 164
35. דער דריטער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל — — — — — 168

פאָרוואָרט.

דער „אלף בית” פון קאָמוניזם האָט געדארפט, לויט אונזער חשבון, זיין א לעהר־ביכעל פון דער קאָמוניסטישער תורה פאר אָנפאנגער. די אלטעגליכע פראקטיק פון פראָפאָגאַנדיסטען און אגיטאַטאָרען האָט אונז באוויזען, אז עס פיהלט זיך א גרויסע בעדערפניש אין אזא „לעהר־בוך”. צו אונז קומען צו אלץ נייע און נייע רייהען. לעקטאָרס האָבען מיר אָבער גאנץ ווייניג, און קיין האנד־ביכער איז ניט פאראַן אפילו פאר אזעלכע אנשטאלטען ווי פארטיי־שולען. די א ל ט ע מארקסיסטישע ליטעראטור ווי א שטייגער דאָס „ערפורטער פראָגראם”, טויג אינגאנצען ניט אין איהר גרעסטען טייל, און אנטוואָרטען אויף נייע פראגען איז אין איהר זעהר שווער צו קריגען: זיי זיינען צוואָרפען איבער באזונדערע זשורנאלען, ביכלאך און בראָשורען.

אָט דעם חסרון האָבען מיר באשלאָסען אויסצובעסערען. אויף אונזער „אלף בית” קוקען מיר ווי אויף אַן עלעמענטארען קורס, וועלכען מ'דארף דורכשטודירען אין די פארטיי־שולען; מיר האָבען זיך אָבער באמיהט אָנצושרייבען איהם אזוי, אז איהם זאָל קאָנען זעלבסטשטענדיג איבערלייענען יעדער ארבייטער אָדער פויער, וואָס וויל זיך באקענען מיט'ן פראָגראם פון אונזער פארטיי.

יעדער חבר, וואָס וועט נעהמען אין האנט דאָס ביכעל, דארף עס דורכלייענען ביז'ן סוף, כדי צו באקומען א באגריף וועגען די צילען און אויפגאבען פון'ם קאָמוניזם.

די פונדאמענטאלע זאכען זיינען אפגעדרוקט מיט'ן געוויינלי־כען שריפט; מיט א קלענערען שריפט זיינען אפגעדרוקט מעהר אויספירליכע ערקלערונגען, ביישפילען, ציפערן א. א. וו. דאס איז הויפטזעכליך א מאטעריאל פאר חברים־ארבייטער, וועלכע ס'קומט אפט אוים ארויסטרעטען אויף פארזאמלונגען און וועלכע האבען ניט געפונען דעם פאקטישען מאטעריאל.

פאר די, וואס ווילען אין דעם פרט געהן ווייטער, איז צום סוף אנגעוויזען די וויכטיגסטע ליטעראטור פאר יעדען קאפיטעל.

די פארפאסער ווייסען גאנץ גוט, אז אין בוך וועלען זיך געפינען א סך חסרונות; דאס בוך איז געשריבען געווארען „צווי־שען דער ארבייט". קאמוניסטען קומט בכלל אוים צו פארנעמען זיך מיט ליטעראַרישער ארבייט ביי זעהר ניט קיין געוועהנליכע באדינגונגען, און אין דעם פרט שטעלט מיט זיך אט דאס ביכעל גראדע פאר אן אינטערעסאנטען ביישפיעל: דער מאנוסקריפט איז שיער ניט פארפאלען געגאנגען (צוזאמען מיטביידע מחברים) ביי דעם אויפריים אין מאסקעווער קאמיטעט. נאר, ניט קוקענדיג אויף אלע חסרונות פון בוך, האלטען מיר פארט פאר נויטיג ארוים־צולאזען איהם וואס שנעלער. מיר וואלטען נאר בעטען די חברים מאכען אונז די אנווייזונגען, וואס זייער פראקטיק וועט זיי אונ־טערזאגען.

דער גאנצער טעארעטישער (דער ערשטער) טייל, דער אנהויב פון'ם צווייטען און אויך די קאפיטלען וועגען דער סאוועטען־מאכט, וועגען דער ארגאניזאציע פון דער אינדוסטריע און וועגען געזונט־הייטס־פארהיטונג זיינען אנגעשריבען פון בוכארינ'ען. די איבע־ריגע — פון פרעאבראזשענסקי'ן. נאר, עס פארשטייט זיך, אז מיר טראגען די פולע פאראנטווארטליכקייט איינער פאר'ן צווייטען.

דער נאָמען פון אונזער בוך („אלף־בית") זאָגט, וואָס פאַר אַן אויפגאבען מיר האָבען זיך געשטעלט. אויב אונזער ביכעל וועט קומען צו הילף אונזערע חברים־אָנפאנגער און די ארבייטער־פּראָפּאָגאנדיסטען, וועלען מיר האלטען, אז מיר האָבען געטאָן אַט די ארבייט ניט אומזיסט.

נ. בוכארין.
י. פּרעאָבראזשענסקי.

מאָסקווע, דעם 15טען אָקטאָבער, 1919.

דאָס „ערפורטער פראָגראַם“, דער „קאָמוניסטי־שער מאַניפעסט“ און דער „אלף בית פון קאָמוניזם“

אָדער

פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם צום קאָמוניזם

(פאַרוואָרט צו דער אידישער איבערזעצונג פונ׳ם „אלף בית פון קאָמוניזם“)

פון מ. אָלגין.

וואָס זאָל אַן אַרבייטער לייענען צו פאַרשטיין די גרונד־פרינציפּען פון סאָציאַליזם?

צוריק מיט עטליכע יאָהר איז געווען איין ענטפער: מען דאַרף לייענען דאָס „ערפורטער פּראָגראַם“.

איצט ענטפערען די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען איבער דער גאַנצער וועלט: מען דאַרף לייענען דעם „אלף־בית פון קאָמוניזם“.

די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטען האָבען זיך איצט אָפּ־געזאָגט פונ׳ם נאָמען „סאָציאַליסטען“ און רופען זיך „קאָמו־ניסטען“.

דאָס „ערפורטער פּראָגראַם“ האָט אויפגעהערט צו זיין אַ וועג־ווייזער פונ׳ם קעמפענדיגען אַרבייטער־קלאַס, און די ראָלע איז איבערגעגאַנגען צום „אלף־בית פון קאָמוניזם“.

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי געשעהן?

ווען אפילו ס׳וואָלטען ניט געווען קיין אַנדערע סבות, וואָלט געווען גענוג דער פאַקט, וואָס דער „אלף־בית“ איז אינגער מיט 28 יאָהר. דאָס „ערפורטער פּראָגראַם“ איז געשריבען געוואָרען אין יאָהר 1891. דער „אלף־בית פון קאָמוניזם“ איז געשריבען געוואָרען אין 1919. אין אָט דער צייט איז די געזעלשאַפטליכע אַנטוויקלונג ניט געשטאַנען. קיין

שום געזעלשאפט בלייבט ניט שטעהן אויף איין אָרט אין אַ משך פון איבער אַ פערטעל יאָהרהונדערט. ווען אפילו ס'וואָלטען געווען אזוי גערופענע „פרידליכע יאָהרען”, ווי ביז 1914, וואָלט אויך געווען נויטיג איבערצוקוקען דאָס פּראָגראם פון קלאסען־קאמף, ערשטענס, צוליב די נייע מאָמענטען אין דער אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם, צווייטענס, צוליב די נייע אָרגאניזאציע־פאָרמען פונ'ם ארבייטער־קלאס, דריטענס, צוליב די נייע מעטאָדען פון קאמף, וואָס דער ארבייטער־קלאס האָט אנטוויקעלט (אַ שטייגער דער גענעראל־סטרייק, וועלכער איז נאָך אין יאָהר 1891 געווען אזוי גוט ווי אומבאקאנט), פערטענס, צוליב די טענדענצען, וואָס האָבען זיך אין אַ משך פון יאָהרען ארויסגעוויזען אין די פּראָלעטארישע פּארטייען גופא. מארקס און ענגעלס האָבען געלערנט, אז אַ פּראָלעטאריש פּראָגראם דארף זיך שטיצען אויף אַ גענויעם אנאליז פון דער געזעלשאפט; עס דארף אונטערזוכען די פארשיידענע קרעפטען, וואָס ווירקען אין אַ געזעלשאפט אין אַ געוויסער צייט, און אָנמערקען די אויפגאבע פונ'ם ארבייטער־קלאס אין אָט דער קאָמבינאציע פון קרעפטען. עס איז דעריבער אַ פליכט פון פּראָלעטארישע דענקער אלעמאָל צוצופאסען דאָס פּראָגראם פון זייער קלאס צו דער געענדערטער היסטאָרישער סביבה, אפילו ווען עס קומען ניט פאָר קיין קאטאקליזמען.

זינט 1914 זיינען אָבער פאָרגעקומען ברייטערע און טיפערע געזעלשאפטליכע דערשיטערונגען, איידער מיר געפינען אין אַ משך פון הונדערט יאָהר אין אַן אנדער היסטאָרישען פעריאָד. עס איז פאָרגעקומען דער וועלט־קריג, מיט זיינע עלף מיליאָן טויטע און מיליאָנען פארוואונדעטע, מיט דער שוידערליכער פארוויסטונג פון דעם אייראָפּעאישען עקאָנאָמישען אפּאראט; עס איז געשלאָסען געוואָרען דער ווערסאַלער אזוי גערופענער „פרידען”, וועלכער האָט איבערגעטראָגען די מלחמה פון אַ שארפער אין אַ כראָנישע פאָרם, און האָט געבראכט דערצו, אז ווען אָט די שורות ווערען געשריבען (יולי 1923) איז דאָ ווייניגער האָפנונג אויף שלום און אויף אַ וויטערדיגער פרידליכער אנטוויקלונג פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, איידער ס'איז געווען פאַר 1914; עס

זיינען פאָרגעקומען רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן — אומעטום מיט׳ן אַרבייטער־קלאַס אין דער הויפּט־ראָלע און מיט אַן אויסגעשפּראָכענער שטרעבונג פון די אַרבייטער צו פאַרכאַפּן די מלוכה־מאַכט — און אין רוסלאַנד איז איינגעפירט געוואָרן און ס׳האָט זיך באַפעסטיגט די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור; עס זיינען, ענדליך, פאָרגעקומען היסטאָרישע ענדערונגען אין דער האַלטונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטייען: די אַמאָליגע קעמפער געגען דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג האָבן אין דער צייט פון דער מלחמה געשלאָסן אַ „שלום־בית“ מיט די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען, און פון דעמאָלט אָן האָבן זיי זיך פאַרוואַנדעלט אין רעפאָרמיסטען, וואָס מיינען, אַז מיט „גיטע“ געזעצען פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרלאַמענטען קען מען אָפּשאַפן די עקספּלואַטירונג פונ׳ם אַרבייטער־קלאַס און ראַטעווען די מענשהייט פון דעם בלוטיגען זומפּ, וואוהין עס שטופּט זי מיט בלינדער רציחה די קאַפּיטאַליסטישע רויב־געוואַלט. די לאַגע פונ׳ם אַרבייטער־קלאַס גופא האָט זיך אומגעהייער געביטען אין די לעצטע צעהן יאָהר. אפילו אין די לענדער פון די זיגער, און אפילו דאָרט, וואו דער אַרבייטער־קלאַס האָט נאָך ניט אָנגענומען קיין אויסגעשפּראָכען רעוואָלוציאָנערע פּראָגראַם — ווי אין ענגלאַנד און די פאַראייניגטע שטאַטען — איז זיין פּרעסטיזש אויסגעוואַקסען און זיין מאַכט ווערט אַ שרעק פאַר די עקספּלואַטאָרים. זיין פּרעסטיזש איז אויסגעוואַקסען צוליב דעם, וואָס אפילו די בורזשואַזיע האָט געמוזט מודה זיין אין די קריטישע קריגס־יאָהרען, אַז אויפ׳ן אַרבייטער־קלאַס האַלט זיך דער גאַנצער בנין פון דער געזעלשאַפט; און זיין מאַכט וואַרפט אַ שרעק אויפ׳ן קלאַס פון באַזיצער, ווייל אין איהם וועקט זיך שוין אַ שטאַרקער, הגם ניט שטענדיג קלאָר־באַוואוסטער רעוואָלט געגען דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל.

דאָס אַלעס האָט געצוואונגען די רעוואָלוציאָנערע אַרבייטער פון דער גאַנצער וועלט צו רעווידירען ניט נאָר זייער טאַקטיק, נאָר אויך אַ טראַכט צו טאָן, וואו עס האַלט מיט אַ סך אָנגענומענע פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען. ווען מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט נאָך דער מלחמה — אייניגע פון די רעוואָ־

לוציאָנערסטע און קלאָר־זעהענדיגסטע חברים האָבען דאָס אָנ־געהויבען נאָך אין דער צייט פון דער מלחמה גופא, נאָך אויף דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ אין צימערוואַלד, וואָס פון איהר איז אַרויסגעוואַקסען דער דריטער, קאָמונים־טישער אינטערנאַציאָנאַל — האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אַ סך פון די פיהרער, וואָס מ׳האָט זיי גערעכענט פאַר רעוואָלוציאָ־נערען, האָבען זיך שוין לאַנג אויסגעקירעוועט מיט׳ן רוקען צום רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם, און אַז אַ סך פונדאַמענ־טאַלע ווערק, וואָס האָבען געזאָלט לייכטען פאַר די אַרבייטער אינ׳ם שטורעם פון היסטאָרישען קאַמף, האָבען אונטער אַ מאַסקע פון רעוואָלוציאָנערע ווערטער פאַרבאָרגען אַ קליינ־בירגערליכען אַנטי־רעוואָלוציאָנערען אינהאַלט. אין דער צייט פון שטורעם און דראַנג זיינען אָט די ווערק געוואָרען דער שלחן־עורך פון אַלע געוועזענע קעמפער, וואָס האָבען פאַר־ראַטען דעם אַרבייטער־קלאַס.

צו אַזוינע ווערק געהערט דאָס באַרימטע „ערפורטער פּראָגראַם“.

מען דאַרף זיך ניט וואונדערן, וואָס אין אַ משך פון יאָהרען האָבען סאָציאַליסטען ניט איינגעזעהן דעם כאַראַקטער פון אָט דעם ווערט. מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז קאַרל קאַוטסקי, דער פּראָפעסער, איז געווען אַ זייל אינ׳ם אָרטאָ־דאָקסאַלען מאַרקסיזם און האָט מלחמה געהאַלטען געגען זיינע ברידער — די רעוויזיאָניסטען פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. (דער רעוויזיאָניזם, אונטער דער פיהרערשאַפט פון עדוארד בערנשטיין, האָט אָפען געזאָגט, אַז ער גלויבט ניט אין דער אומפאַרמיידליכקייט פון אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג און אַז ער לעגט זיין גאַנצע האָפנונג אויף רעפאָרמען; קאַרל קאַוטסקי האָט מיט ציפערן און פאַקטען, מיט פּאָליטישער עקאָנאָמיע און סאָציאָלאָגיע באַוויזען, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג גראָבט זיך אַליין אַ קבר און אַז דער איינציגער יורש קען זיין דער אַרבייטער־קלאַס). מען דאַרף אויך ניט פאַר־געסען, אַז די אָרטאָדאָקסאַלע מאַרקסיסטען האָבען געברויכט אַזוינע ווערטער, ווי „אומוואַרפען דעם קאַפּיטאַליזם“, „איבער־נעמען די מאַכט“, „סאָציאַלע רעוואָלוציע“, „סאָציאַליסטישע אָרדנונג“ און די גאַנצע פראַזעאָלאָגיע פון רעוואָלוציאָנערען

סאָציאַליזם, וואָס האָט געקלונגען גאַנץ שאַרף אין דעם פּעריאָד פאַר'ן וועלט־קריג. אמת, דאָס „ערפורטער פּראָגראַם" האָט זיך מיט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, ו ו י א ז ו י דער פּראָפעסער שטעלט זיך פאַר דעם איבערגאַנג פון דער מלוכה־מאַכט אין די הענט פונ'ם ארבייטער־קלאַס; אמת, דאָס „ערפורטער פּראָגראַם" האָט זיך זעהר געהיט ניט אָנצומער־קען אפילו מיט קיין איינציג וואָרט די אויפגאַבען, וואָס דער ארבייטער־קלאַס וועט דאַרפען דערפילען, ווען ער וועט באַ־קומען די מאַכט. אָבער די סאָציאַליסטען פון דער וועלט האָבען קיינמאָל ניט געצוויפעלט, אַז דאָ ליגט אַן אמת־רעוואָלוציאָנערער אינהאַלט. די סאָציאַליסטען פון דער וועלט האָבען ניט איינגעזעהן דעם ד י פּ ל אָ מ א ט י ש ע ן כאַראַקטער פון אַזאַ שווייגען אָדער פאַרשווייגען. מיר האָבען אַלע געגלויבט אינ'ם פּראָפעסער, און מיר האָבען אין אַ סך צווייטיגע פּאַראַגראַפען אריינגעלעגט אַזאַ אינהאַלט, ווי אונז האָט געפּאַסט לויט דעם גראַד פון אונזער רעוואָלוציאָנערען באוואוסטזיין. מיר האָבען ניט איינגעזעהן, אַז די אַנטי־רעוואָלוציאָנערע כלומרשט'דיגע סאָציאַליסטען קענען אין די זעלביגע פּאַראַגראַפען אריינלעגען פּונקט אַ פּאַרקערטען אינהאַלט. מיר האָבען ניט פאַרשטאַנען די א ו מ ק ל אָ ר ־ ק י י ט און צ ע ש ו ו א ו מ ע נ ק י י ט פון דעם „ערפורטער פּראָגראַם" אין זיינע וויכטיגסטע טיילען. מיר האָבען — מערקווירדיג! — פאַרגעסען, אַז דאָס פּראָגראַם איז לכתחילה געשאַפען געוואָרען צו באַפרידיגען ב י י ד ע צדדים פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, סיי די אָרטאָ־דאָקסאַלע מאַרקסיסטען און סיי די רעוויזאָניסטען, און אַז אויף דעם זעלביגען קאָנגרעס פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין ערפורט, וואו ס'איז אָנגענומען געוואָרען דאָס פּראָגראַם — קאַוטסקי'ס בוך איז נאָר געווען אַ פּאָפּו־לערע דערקלערונג צו דעם פּראָגראַם, פּונקט ווי בוכאַרין'ס בוך איז אַ דערקלערונג צום פּראָגראַם פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — האָט מען געמאַכט אַ פּ ש ר ה מיט פאָלמאַר'ן, דעם בייערשען רעוויזיאָניסטישען פיהרער, וועלכער האָט געפאָדערט, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך אינגאַנצען אָפּזאָגען פון איהר סאָציאַליסטישען ענד־ציל און זיך באַ־

גרעניצען מיט טאָג־טעגליכע קליינע רעפאָרמען. אויף דעם זעלביגען קאָנגרעס, אגב, האָט מען מיט א געוואַלטיגער מערהייט אויסגעשלאָסען פון דער פּאַרטיי די פיהרער פון די „יונגע“, וויילדבערגער׳ן און וועדער־נער׳ן, צוויי ארבייטער, וועלכע האָבען געפיהרט אַן אגיטאַציע צו באווייזען, אז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַר־טיי איז ניט גענוג פּראָלעטאַריש און ניט גענוג רעוואָלוציאָ־נער. מיר האָבען די אַלע פאַקטען פאַרזעהען ניט דערפאַר, ווייל מיר זיינען דעמאָלט געווען בלינד אָדער אומפאָרזיכטיג, נאָר דערפאַר, וואָס די געשיכטע האָט נאָך ניט געהאַט אויפ־גערעקט די גאַנצע באַדייטונג פון די ווידערשפּרוכען, וואָס זיינען געלעגען פאַרבאָרגען אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, און ווייל די געשעהענישען האָבען נאָך ניט געהאַט געוויזען, וואָס פאַר א געברויך די געגען־רעוואָלוציע קען מאַכען פון אזא אזא גלאַטען, געשליפענעם און אויבען־אויף אָרטאָדאָקסאַ־לען ווערק ווי קאַוטסקי׳ס „ערפורטער פּראָגראַם“.

ערשט איצט, אינ׳ם ליכט פון דער געשיכטע פון די לעצטע ניין יאָהר, האָבען מיר א פולע מעגליכקייט צו פאַר־שטעהן דעם אמת׳ען זין פונ׳ם „ערפורטער פּראָגראַם“, און דער קריטישער פּראָלעטאַרישער לעזער מוז קומען צום אומבאַ־שטרייטבאַרען שלוס, אז דאָס ווערק האָט ניט געקענט און קען ניט דערציהען דעם פּראָלעטאַריער צום רעוואָלוציאָנערען קאַמף.

וואָס איז דען א פּראָגראַם און א דערקלערונג צום פּראָ־גראַם? אויפ׳ן אכטען צוזאַמענפאָהר פון דער רוסלענדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (18—23 מערץ, 1919), וואו עס איז אָנגענומען געוואָרען דאָס נייע פּראָגראַם, האָט לענין אזוי געזאָגט: „אונזער פּראָגראַם דאַרף דערקלערען די מאַסען, ווי אזוי די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע איז אַנטשטאַנען, פאַרוואָס זי איז אומפאַרמיידליך, אין וואָס איז איהר באַדייטונג, איהר וועזען, איהר קראַפט, וואָס דאַרף זי לעזען. אונזער פּראָגראַם דאַרף זיין א האַנדבוך פאַר אגיטאַציע, א סך־הכל פון אונ־זערע פּרינציפּען, ווי עס זיינען געווען אַלע פּראָגראַמען, ווי עס איז געווען, א שטייגער, דאָס „ערפורטער פּראָגראַם“. יעדער פּאַראַגראַף פון יענעם פּראָגראַם האָט אין זיך אַנטהאַלטען

הונדערט טויזענטער רעדעס און ארטיקלען פון אגיטאטארס. אין אונזער פראגראם איז יעדער פאראגראף דאס, וואס ס'דארף וויסען, אויסלערנען און פארשטעהן יעדער איינער, וואס ארבייט".

דאס „ערפורטער פראגראם" איז, לויט לענין'ס עדות, געווען דער קוואל, וואו עס איז אין א קאנצענטרירטער פארם געלעגען דער גאנצער אינהאלט פון דעם, וואס אן ארבייטער דארף וויסען. יעדער פאראגראף איז געווען א קערענדל, וואס אנטהאלט אין זיך א גאנצען בוים מיט אלע זיינע ווארצלען, שטאם און צווייגען. עס איז דעריבער נויטיג א קוק צו טאן, וואס פאר קערנדלאך דאס זיינען געווען און אויף וויפיל דער ארבייטער האט אין יענעם קוואל געקענט שעפען רעוואלוציא־נערען פייער.

דער טייל, וואס באשרייבט די קאפיטאליסטישע ארדנונג, די צוטיילונג אויף קלאסען, די עקספלואטאציע פון ארבייט, די קאנצענטראציע פון קאפיטאל, די ווידערשפרוכען פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג, איז א קורצע ווידערהאלונג פון מארקס'עס לעהרע און בלייבט ריכטיג ביז'ן היינטיגען טאג. איינציגע אויספיהרונגען קלינגען אויך גענוג רעוואלוציאנער. דאס „פראגראם" קאנסטאטירט, אז „דער מאדערנער שטאאט איז אין גרונד נאר א פראדוקט און א געצייג פון דעם קאפיטא־ליסטישען פראדוקציע־אופן" און אז „די עקאנאמישע אל־מעכטיגקייט פונ'ם שטאאט... אנטוויקעלט זיך אלס א נויט־ווענדיגער פועל יוצא פון דעם קאפיטאליסטישען פראדוקציע־אופן", (קאפיטעל: „ווירטשאפטליכע באדייטונג פונ'ם שטאאט"), הגם עס ווערט ניט גענוג אונטערגעשטראכען, ווי אזוי דער קאפיטאליסטישער שטאאט ווירקט אויף דעם ארבייטער־קלאס, כדי צו האלטען איהם אין פיזישער און גייסטיגער שקלאפעריי. דאס „פראגראם" איז געגען שטאאט־סאציאליזם אלס א רפואה פון אלע סאציאלע איבלען, ווייל, „ווי יעדע שטאאט־ארגאניזאציע, איז דער מאדערנער שטאאט קודם כל א געצייג צו שיצען די אלגעמיינע אינטערעסען פון די הערשענדע קלאסען (קאפיטעל: „שטאאט־סאציאליזם"). דאס „פראגראם" גלויבט ניט אין דער רעטונגס־קראפט פון רעפארמען. „די פראלעטאריזירונג פון די פאלקס־מאסען",

שרייבט עס, ‏„די פאראייניגונג פונ׳ם גאנצען קאפיטאל אין ווענינע הענט, וואס באהערשען דאס גאנצעווירטשאפטליכע לעבען פון די קאפיטאליסטישע פעלקער, די קריזיסען, די אומזיכערהייט פון דעם לעבען, די דאזיגע אלע ווירקונגען פון דעם קאפיטאליסטישען פראדוקציע־אופן, וואס מאטערן און עמפערן, קענען ניט אפגעשטעלט ווערען אין זייער באשטענדיגען וואוקס דורך קיין שום רעפארמען אויפ׳ן באדען פון דער איצטיגער אייגענטום־ארדנונג, ווי ברייט די רעפארמען זאלען ניט זיין״ („סאציאלע רעפארם און רעוואלוציע״).

נאך מעהר: דאס „פראגראם״ קאנסטאטירט, אז די זעלביגע ארדנונג, וואס באשאפט דעם עלענד פון די מאסען, באשאפט די קרעפטען, וואס וועלען די ארדנונג באקעמפען. „אלע צאהלרייכער און מעכטיגער ווערען די מחנות פון די באזיצלאזע ארבייטער, וואס דער איצטיגער פראדוקציע־אופן איז פאר זיי געווארען אונערטרעגליך, וואס דורך דעם אומווארפען פון אט דעם פראדוקציע־אופן האבען זיי גארניט צו פארלירען און קענען אלעם געווינען, וואס זיי מוזען צושטאנד ברייגגען א נייע געזעלשאפט־פארמע, וועלכע זאל זיין צוגעפאסט צו זייערע אינטערעסען, אויב זיי זאלען ניט געהן צו גרונט און מיט זיי די גאנצע געזעלשאפט, וואס זיי זיינען איהר וויכטיגסטער טייל״ („אויפבוי פונ׳ם צוקונפט־שטאאט״). און ווייטער: „מיר האלטען דעם צוזאמענברוך פון דער איצטיגער געזעלשאפט פאר אומפארמיידליך, ווייל מיר ווייסען, אז די עקאנאמישע אנטוויקלונג באשאפט מיט נאטור־נויטווענדיגקייט אזוינע צושטענדען, וועלכע צווינגען די עקספלואטירטע צו קעמפען געגען פריוואט־אייגענטום; אז זי פארגרעסערט די צאהל און די קראפט פון די עקספלואטירטע און פארקלענערט די צאהל און די קראפט פון די עקספלואטאטארם, וועלכע האלטען זיך פאר דעם איצטיגען; אז זי פיהרט סוף כל סוף צו אונערטרעגליכע צושטאנדען פאר די באפעלקערונגס־מאסען, פאר וועלכע עס בלייבט נאר איין ברירה: ענטוועדער טאטלאז פארגעהן אדער טאטקרעפטיג אומווארפען די עקזיסטירענדיגע אייגענטום־ארדנונג״.

דאס קלינגט מוטיג. „אומווארפען דעם איצטיגען „פראדוקציע־אופן״. „אומווארפען די עקזיסטירענדיגע אייגענטום־

אָרדנונג"! „נאַטור־נויטוועגדיגער וואוקס פון די מאַסען!" איז
דאָס ניט רעוואָלוציאָנער? מיינט ניט דער פּאַרפאַסער, אַז
אין איין שיינעם פריהמאָרגען וועלען די מאַסען אויפשטעהן
און מיט אַ באַוואַפענטער האַנט אומוואַרפען דעם קאַפּיטאַ־
ליזם? אמת, עס קומט אויס מאָדנע, וואָס עפּעס מאַלט דער
אויטאָר דעם וואוקס פונ'ם אַרבייטער־קלאַס אין זיין קאַמף
ווי אַ נ א ט ו ר ־ ד ע ר ש י י נ ו נ ג , וואו דער
ווילען שפּילט אַ קנאַפּע ראָלע. אמת, עפּעס קלינגט עס צו
אַבסטראַקט, צו ווייט, אַקוראַט ווי מ'וואָלט גערעדט פון אַ
סאָציאָלאָגישער טעאָריע און ניט פון לעבעדיגע, צאָרענדיגע
אַרבייטער, וואָס בלוטען און פּייניגען זיך און קעמפען און
זוכען באַפרייאונג. אָבער אַ מליץ יושר וואָלט געקענט גע־
פינען אַן ענטפער, אַז, ערשטענס, האָט דער פּאַרפאַסער גע־
וואָלט זיין אַ וויסענשאַפטליכער מאַרקסיסט ביז'ן סוף, און
לויט'ן מאַרקסיזם איז דער ווילען פון אַרבייטער־קלאַס און זיין
קאַמף־לוסט אויך נאָר אַ פּראָדוקט פון דעם נאַטור־נויטווענ־
דיגען וואוקס פון קאַפּיטאַליזם, צווייטענס, האָט מען זיך אפשר
ניט געקענט אויסדריקען שאַרפער אין דייטשלאַנד אַ יאָהר־צוויי
נאָך דעם אָפּשאַף פונ'ם סאָציאַליסטען־געזעץ, וואָס האָט גע־
מאַכט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אומלעגאַל.

לייענט מען אָבער אביסעל ווייטער, ווערט מען געוואָר,
אַז אָט די פּראָפעסאָרישע קאַלטקייט, אָט די אַבסטראַקטע
באַטראַכטונג נעמט זיך פּשוט דערפון, וואָס דער אויטאָר
פאַרשטעהט דאָס וואָרט „רעוואָלוציע" אינ'ם פ י ל אָ ז אָ ־
פ י ש ע ן און ניט אינ'ם ר ע ו ו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע ן
זין פונ'ם וואָרט. פאַר אַ רעוואָלוציאָנער איז אַ רעוואָלוציע —
אַ געוואַלט־טעטיגער קאַמף פון מאַסען, וועלכע וואַרפען אום
אַ געוויסע אָרדנונג דורך אַ רייע מעכטיגע אָנפאַלען, וואָס
קומען פאָר שנעל איינער נאָכ'ן צווייטען. פאַר אַ פילאָזאָף איז
אַ רעוואָלוציע — אַ פאָלשטענדיגע ענדערונג, וועלכע מעג
דויערן זעהר לאַנג און וועלכע מעג פאָרקומען גאָר אָהן דער
אָנווענדונג פון געוואַלט. פאַר'ן „ערפורטער פּראָגראַם" איז
„אומוואַרפען די עקזיסטירענדיגע אָרדנונג" גאָר ניט דאָס,
וואָס יעדער אַרבייטער וואָלט געניגט געווען צו פאַרשטעהן
אונטער דעם וואָרט. ריידענדיג וועגען דעם „אויפבוי פון דעם

צוקונפט־שטאאט", זאָגט דאָס „פּראָגראַם", אַז מען מוז זיך רעכענען מיט דער ערפאַרונג פון דער געשיכטע, און די געשיכטע האָט באַוויזען אָט וואָס: „אַ נייע געזעלשאַפט־אָרדנונג איז ביז אַהער שטענדיג געווען דער רעזולטאַט פון לאַנגע קאַמפען, וואָס האָבען זיך געהאַלטען אין איין בייטען. עס האָבען געקעמפט די עקספּלואַטירטע קלאַסען געגען די עקספּלואַטאַטאָרס. עס האָבען געקעמפט די אונטערגעהענדיגע, רעאַקציאָנערע געגען די אויפשטרעבענדיגע, רעוואָלוציאָנערע קלאַסען. אין די דאָזיגע קאַמפען האָבען די פאַרשיידענע קלאַסען זיך פאַרבונדען איינער מיט'ן אַנדערן אויפ'ן פאַרשיידענאַרטיגסטען אופן, כדי צו באַקעמפען אַנדערע, געגנערישע קלאַסען: אינ'ם לאַגער פון די אונטערדריקטע האָבען זיך אָפט פאַראייניגט רעוואָלוציאָנערען און רעאַקציאָנערען; אינ'ם לאַגער פון די רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך אָפט פאַראייניגט עקספּלואַטירטע און עקספּלואַטאַטאָרס. אין יעדען באַזונדערען קלאַס גופא געפינען זיך אָפט פאַרשיידענע ריכטונגען לויט דער פאַרשיידענהייט פון דער אַנטוויקלונג, טעמפּעראַמענט, לעבענסלאַגע פון די יחידים און פון גאַנצע שיכטען. ענדליך איז די מאַכט פון יעדען קלאַס אויך געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זיך בסדר שטאַרק געענדערט; זי האָט זיך פאַרגרעסערט און פאַרקלענערט ווערליג ס'איז געשטיגען אָדער געזונקען דאָס פאַרשטענדניש פון דעם קלאַס בנוגע דערווירקליכער לאַגע, זיין געשלאָסענקייט, דער אומפאַנג פון זיין אָרגאַניזאַציע און זיין וויכטיגקייט אינ'ם עקאָנאָמישען לעבען".

וואו איז אַהינגעקומען דאָס „אומוואַרפען דעם איצטיגען פּראָדוקציע־אופן"? וואו איז אַהינגעקומען די רעוואָלוציע פון די מאַסען? מיר האָבען „לאַנגע קאַמפען", אַ פאַרוויקעלטען פּ ר אָ צ ע ס, וואו רעוואָלוציאָנערען און רעאַקציאָנערען קאָמבינירען זיך אויף אַלערליי אופנים, וואו אַמאָל ווערט איין צד שטאַרקער, אַמאָל אַ צווייטער. מיר האָבען אַ ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל י כ ע אַ נ ט וו י ק ל ו נ ג, וואָס נעמט אָן טויזענטערליי פאָרמען. אָבער מיר האָבען ניט קיין „אומשטורץ", קיין קלאַפּ, וואָס צעשטערט. אויב לעניגן איז גערעכט, אַז יעדער פּאַראַגראַף פון אַזאַ ווערק אַנטהאַלט אין זיך הונדערטער טויזענדער רעדעס און אַרטיקלען פון אַגי־

טאטארס, טאָ וואָס האָבען די ארבייטער געקענט ארויסטראָגען פון אזא מין פאַראגראף? געוויס נ י ט דעם געדאנק, אז עס איז די אויפגאבע פונ'ם ארבייטער קלאַס זיך אויפצוהויבען און מיט איין מעכטיגען פויסט דערלאנגען אַ טויט־קלאַפּ דער קאפּיטאַליסטישער אָרדנונג, כדי אויף איהר אָרט צו בויען דעם סאָציאַליזם. געוויס האָט דער ארבייטער ארויסגעטראָגען דעם געדאנק, אז דאָ רעדט זיך וועגען צעהנדליגע אָדער הונדערטער יאָהרען פון סטרייקס, פּראָטעסט־פּאַרזאמלונגען, וואהל־קאָמבינאציעס, פּאַרלאַמענטאַרישע נצחנות און מפּלות.

אָבער אפשר זיינען מיר אומגערעכט? אפשר וויל דאָ דער אויטאָר זאָגען, אז מען קען ניט א ו י פ ב ו י ע ן די סאָציאַליסטישע אָרדנונג מיט איין מאָל און אז אפילו ווען דער ארבייטער־קלאַס וועט שוין האָבען די מאכט, וועט ער מוזען בויען די נייע אָרדנונג פּאַוואָליע? ניין, דאָס מיינט נ י ט אָט דער פּאַראגראף, ווייל דעמאָלט וואָלט ער גערעדט וועגען דער „מאכט פון י ע ד ע ן קלאַס" און דעמאָלט וואָלט בכלל די גאנצע אויספיהרונג ניט געהאַט קיין זין.

נאָר מיר פאַרשפּאָרען טרעפען. אין אַן אַנדער אָרט זאָגט דאָס „ערפורטער פּראָגראַם" גאַנץ קלאָר, אז אונטער „אומוואַרפען" און „רעוואָלוציע" פאַרשטעהט זי אַ לאַנגזאַמע ענדערונג, אָבער ניט קיין אומוואַרפען און ניט קיין רעוואָלוציע אינ'ם אייגענטליכען זין פונ'ם וואָרט. אין קאַפּיטעל „סאָציאַלע רעפאָרמע און רעוואָלוציע" לייענען מיר:

„אזא אומוואַרפען (פון דער עקזיסטירענדיגער אייגענטום־אָרדנונג) קען אָננעמען די פאַרשיידענסטע פאָרמען, וועדליג די אומשטאנדען, אין וועלכע עס קומט פאָר. ע ס א י ז ב ש ו ם א ו פ ן נ י ט ק י י ן מ ו ז , א ז ד אָ ס א ו מ ו ו א ר פ ע ן ז אָ ל ז י י ן פ א ר ב ו נ ד ע ן מ י ט ג ע ו ו א ל ט ־ מ ע ש י ם א ו ן ב ל ו ט ־ פ א ר ג י ס ע ן . עס זיינען שוין געווען פאַלען אין דער וועלט־געשיכטע, וואו די הערשענדיגע קלאַסען האָבען געהאַט אַ באַזונדער קלאָרען קוק, אָדער זיי זיינען געווען באַזונדער שוואַך און פּחדנות'דיג, אזוי אז זיי האָבען זיך פריייוויליג אָפּגעזאָגט פון זייער מאכט, ווען זיי האָבען פאַר זיך דערזעהן אַ צוואַנגס־לאַגע. א ס אָ צ י אַ ל ע ר ע ו ו אָ ־

לוציע דאַרף אויך ניט דווקא אַנטשיידען ווערען מיט איין קלאַפּ. דאָס האָט קוים ווען ניט איז פּאַסירט. רעוואָלוציעס גרייטען זיך צו אין יאָהרען און צעהנדילע יאָהרען פון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קאַמפּען און קומען פאָר אונטער אַ שטענדיגער ענדערונג פון די מאַכט-פאַרהעלטענישען פון די איינציגע קלאַסען און פּאַרטייען. אָפט ווערען זיי איבערגעריסען פון לאַנג-דויערענדיגער באַוועגונג אויף צוריק (רעאַקציע-צייטען)". (אונטערגעשטראָכען פון אונז).

עס זיינען אפשר געווען פּאַלען אין דער וועלט-געשיכטע, וואו הערשענדיגע קלאַסען האָבען פרייוויליג אָפּגעטראָטען זייער מאַכט. אָבער זיי זיינען יעדענפאַלס אַ זעלטענקייט און אַ ניט-וויכטיגע ערשיינונג. אויב מען שטרייכט אונטער די אויסנאַם, און ניט דעם כלל, אויב מען פאַרמאַכט די אויגען אויף דער גרויסער פראַצווייזישער רעוואָלוציע און אויף די רעוואָלוציעס פון 1848, וועלכע זיינען פאָרגעקומען דווקא מיט איין קלאַפּ און דווקא מיט געוואַלט-מעשים און בלוט-פאַרגיסען, אויב מען איילט זיך נאָך יעדען וואָרט וועגען אומוואַרפען די עקזיסטירענדיגע אָרדנונג צו דערקלערען, אַז ס'איז ניט אַזוי שרעקליך, ווי דאָס קלינגט, קען דאָס באַדייטען נאָר איינס פון די דריי: ענטוועדער מען וויל איינריידען די בורזשואַזיע, אַז די סאָציאַליסטען זיינען גאָרניט אַזוינע גזלנים, ווי מ'קען אַרויסלייענען פון זייער פּראָגראַם, אָדער מען וויל איינריידען די אַרבייטער, אַז דאָס ענד-ציל פון זייער קאַמף איז ניט אַ רעוואָלוציאָנערער אויפשטאַנד, נאָר אַ רייה פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קאַמפּען, אָדער מען האָט אַליין אַזאַ ווידערווילען צו רעוואָלוציאָנערער „אומאָרדנונג“, אַז מען טרייסט זיך מיט דער לאַנגזאַמקייט און לאַנג-דויערדיגקייט פונ'ם היסטאָרישען פּראָצעס, כדי אויף אַזאַ אופן צו קענען פאַראייניגען די רעפּוטאַציע פון אַ רעוואָלוציאָנערען מאַרקסיסט מיט דער קליינבירגערליכער פּסיכאָלאָגיע פון אַ דייטשען אָרדנונג-פריינט. מעגליך, אַז די דריי מאָטיוען האָבען געווירקט

צוזאַמען אין פּאַרפאַסען דאָס „ערפורטער פּראָגראַם“. איינס בלייבט אויסער צווייפעל, אַז אַלעמאָל, ווען דאָס „פּראָגראַם“ נוצט די ווערטער „רעוואָלוציע“, „סאָציאַלע רעוואָלוציע“, „אומוואַרפען“, „קראַפּט“ א. א. וו., מיינט עס ניט דאָס, וואָס די ווערטער באַדייטען. עס מיינט אָפּט פּונקט דעם היפּוך.

אַז דאָס „ערפורטער פּראָגראַם“ האָט אָפּטמאָל געוואָלט באַרוהיגען די בורזשואַזיע, איז קלאָר פון אַ סך אַנדערע ערטער, וואו עס ווערט אונטערגעשטראָכען, אַז די סאָציאַליסטישע אָרדנונג וועט זיין בעסער סיי פאַר'ן ארבייטער־קלאַס, סיי פאַר די איצטיגע הערשענדיגע קלאַסען. איין פּונקט אָבער איז העכסט כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט, און דאָס איז די פראַגע וועגען עקספּראָפּריאירען דאָס פּריוואַט־אייגענטום פון די איצטיגע קאַפּיטאַליסטען. „מיט באַשטימטקייט קען מען נאָר דערקלערען“, שרייבט דאָס „פּראָגראַם“, „אַז די טענדענץ פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג מאַכט נויטיג, אַז די *גרויסע אונטערנעמונגען* זאָלען איבערגעהן אין געזעלשאַפטליכען אייגענטום און זאָלען פאַר־וואַלטעט ווערען צוליב דער געזעלשאַפט. אויף אַ וועלכען אופן דער איבערגאַנג וועט געשעהן, צי וועט די אונפאַרמייד־ליכע עקספּראָפּריאירונג זיין אַ קאָנפיסקירונג צי אַן אויסקויף, צי וועט זי געשעהן פרידליך אָדער מיט געוואַלט, דאָס זיינען פראַגען, וואָס קיין מענש קען אויף זיי ניט געבען קיין ענטפער... מען קען אָבער בשום אופן ניט זאָגען, אַז די דורכפיהרונג פונ'ם סאָציאַל־דעמאָקראַטישען פּראָגראַם פאָדערט אונטער אַלע אומשטענדען, אַז יעדעם אייגענטום, וואָס ס'איז געוואָרען נויטיג עס צו עקספּראָפּריאירען, זאָל דוקא ווערען קאָנפיסקירט“ („די קאָנפיסקאַציע פון אייגענטום“).

דערמאָנט מען זיך, אַז דער פאַרפאַסער היט זיך אויף דעם שטרענגסטען אופן ניט צו זאָגען קיין איין וואָרט וועגען דער אָרגאַניזאַציע פון דער צוקונפטיגער געזעלשאַפט; דער־מאָנט מען זיך, אַז דאָס נאָכדענקען וועגען דער אַנטוויקלונג און די טענדענצען פון דער נייער געזעלשאַפט דערקלערט ער פאַר אַ *פּריוואַט־זאַך* פון יעדען פּאַרטיי־מאַן, וועלכע טאָר ניט זיין קיין פּאַרטיי־זאַך, און באַמערקט מען דערביי, אַז פון אַלע מעגליכע גרויסע צוקונפט־פראַגען האָט דער

פּאָרפאַסער גראַד יאָ ארויסגעכאַפּט די אומוויכטיגע פראַגע, צי מען וועט ביי די קאַפּיטאַליסטען צונעמען די פאַבריקען אָהן געצאָהלט, צי מען וועט זיי דערפאַר באַצאָהלען, און ער האָט דוקא געפונען אַ גאַנץ פּאַרטיגען ענטפער, אַז מ'וועט זיי מסתמא יאָ באַצאָהלען און מ'וועט זיי מסתמא ניט באַהאַנדלען מיט געוואַלט, — ווערט, דאַכט זיך, קלאָר, אַז דאָ האָט מען זיך צוגעאײלט צו באַרוהיגען די בורזשואַזיע און, אגב, באַרוהיגען די אייגענע קליינבירגערליכע נשמה.

אָבער וואָס האָט דער אַרבייטער געקאָנט אַרויסטראָגען פון אַזאַ פּראָגראַם?

עס קומט פאָר אַ פּראָצעס. עס געהען אָן אַן עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג און אַ געזעלשאַפטליכער קאַמף. די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג קאָנצענטרירט דעם קאַפּיטאַל. דער געזעלשאַפטליכער קאַמף שטרעבט אָפּצושוואַכען דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס. ערגעץ, אַמאָל, אין דער ווייטער נעבעלדיגער צוקונפט, וועט ווערען אַזוי ווייניג קאַפּיטאַליסטען, אַז זיי וועלען ווערען שוואַך און צאָהל. ערגעץ, אַמאָל, ווער ווייסט ווען, וועלען די אַרבייטער ווערען אַזוי שטאַרק און מעכטיג, אַז זיי וועלען אָנהויבען אַרויסשטויסען די קאַפּיטאַליסטען. דאָס וועט אָבער כלל ניט געשעהן מיט אַמאָל. דאָס וועט דויערען צעהנדליגער יאָהרען. דאָס וועט זיין אַ לאַנגע רייה פון שטייגען און פאַלען. ווען מ'וועט זיך ענדליך דערשלאָגען אַזוי ווייט, אַז דער אַרבייטער־קלאַס זאָל האָבען די מאַכט, וועט ער אויסקויפען די גרויסע אונטערנעמונגען ביי די גרויסע פאַבריקאַנטען און וועט איבערלאָזען די מיטעלע און די קליינע. דעמאָלט וועט קומען די נייע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג.

אָט דאָס שטעהט אין „ערפורטער פּראָגראַם“, און דאָס איז די נייע לעהרע פון סאָציאַל־רעפאָרמיזם, כאָטש דער פּראָפאַסער שרייבט בפירוש, אַז ער גלויבט ניט אין דער הייל־קראַפט פון סאָציאַלע רעפאָרמען. זיין „רעוואָלוציע“ גופא איז אַ רייה סאָציאַלע רעפאָרמען, וואָס ווערען אַרויסגעריסען ביי דער בורזשואַזיע און וואָס ענדערן, כלומרשט, די גאַנצע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג אָהן אַ זועהטאָג פאַר די הערשענדיגע קלאַסען.

ווי אַזוי זשע פּאָרט מאָלט זיך דאָס „ערפורטער פּראָגראַם“ דעם איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם? אין קאַפּיטעל „די סאָציאַליסטען און די באַזיצענדיגע קלאַסען“ ווערט איבערגע'חזר'ט דער פּרינציפּ, וואָס איז נאָך פאָרמולירט געוואָרען פון מאַרקס'ן און ענגעלס'ן, אַז דער קאַמף פונ'ם אַרבייטער־קלאַס געגען די קאַפּיטאַליסטען איז על־פּי־נויט אַ פּאָליטישער קאַמף, און עס ווערט אַרויסגעשטעלט דער טעזיס, אַז דער איבערגאַנג פון די פּראָדוקציע־מיטלען אין די הענט פון דער געזעלשאַפט קען געשעהן ניט אַנדערש, נאָר ווען דער אַרבייטער־קלאַס וועט באַקומען די פּאָליטישע מאַכט. דאָס זעהט ווידער אַמאָל אויס גאַנץ רעוואָלוציאָנער. דער אַרבייטער־קלאַס דאַרף באַקומען די פּאָליטישע מאַכט. אָהן דער פּאָליטישער מאַכט איז ניטאָ קיין סאָציאַליזם. אָבער ווי אַזוי באַקומט מען די פּאָליטישע מאַכט? אפשר דורכדעם, וואָס דער אַרבייטער־קלאַס וועט פאַרניכטען די בורזשואַזע מלוכה און אויף איהר אָרט אויפשטעלען די אַרבייטער־הערשאַפט? דאָס „ערפורטער פּראָגראַם“ ענטפערט: דער אַרבייטער־קלאַס וועט זיך דערשלאָגען פּאָליטישע מאַכט *דורכ'ן פּאַרלאַמענט*; דער אַרבייטער־קלאַס וועט ניט פאַרניכטען די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה, נאָר *ער וועט ווערען די שטאַרקסטע פּאָליטישע פּאַרטיי אין דעם קאַפּיטאַליסטישען פּאַרלאַמענט*; דער אַרבייטער קלאַס דאַרף דעריבער קאָנצענטרירען זיין גאַנצע פּאָליטישע טעטיגקייט *אַרום דעם פּאַרלאַמענט*. פּאָליטישער קאַמף איז פאַר'ן „ערפורטער פּראָגראַם“ *פּאַרלאַמענטאַרישער קאַמף*, געבויט אויף דעמאָקראַטישער קאָאַליציע־פרייהייט, פּרעס־פרייהייט און אַלגעמיינעם שטימרעכט.

מ'וואָלט געדאַרפט איבערדרוקען דעם גאַנצען לעצטען טייל פונ'ם „ערפורטער פּראָגראַם“, כדי צו באַווייזען, ווי אַזוי דאָרט ווערט פאַרשטאַנען די מאַכט־פאַרכאַפּונג. מיר וועלען זיך מוזען באַנוגענען מיט אַ פּאָר ציטאַטען. קודם כל דאַרף קלאָר ווערען, אַז פּאָליטישער קאַמף הייסט אינ'ם „ערפורטער פּראָגראַם“ ריינער פּאַרלאַמענטאַרישער קאַמף. דערביי וועלען מיר זיך ניט אָפּ-

שטעלען אויף דער פראגע, צי האט קאוטסקי דאס אזוי פארשטאנען אין *אלע* זיינע שריפטען און צי האבען דאס אזוי פארשטאנען *אלע* סאציאל־דעמאקראטען פון קאוטסקי׳ס חדר. מיר אינטערעסירען זיך דא מיט׳ן „ערפורטער פראגראם“, וואס יעדער פאראגראף זיינער איז דער קערן פון טויזענטער ארטיקלען און רעדעס. אין דעם ווערק שטעהט אזוי: „פאליטישער קאמף איז אין דער לעצטער ליניע אויך אן עקאנאמישער קאמף, אפט איז ער טאקע דירעקט אן עקאנאמישער קאמף, צ. ב. אין אזוינע אנגעלעגענהייטען, ווי טאריפען, ארבייטער־שוץ וכדומה. דער פאליטישער קאמף איז נאר א באזונדערע פארמע, אפט איז ער די אומפאסענדסטע און שארפסטע פארמע פונ׳ם עקאנאמישען קאמף“. עס איז קלאר, אז דא מיינט מען ניט קיין אלגעמיינע סטרייקס, קיין פראטעסט־דעמאנסטראציעס, קיין באיקאטען, קיין אפזאג פון געהן אין סאלדאטען, קיין אפזאג פון געהן אין קריג, קיין אנדערע מיטלען פון דירעקטען באאיינפלוסען די רעגירונג־מאשין, וואס די דאזיגע אלע מיטלען קען מען אריינגעהמען אונטער׳ן טיטעל „פאליטישער קאמף“, נאר דא האנדעלט זיך, פראסט און פשוט, וועגען אויסוועהלען און שיקען דעפוטאטען אין פארלאמענט.

די דאזיגע פארלאמענטאריש־פאליטישע ארבייט שטעהט אין „ערפורטער פראגראם“ זעהר הויך. אין קאפיטעל „דער פאליטישער קאמף“ לייענען מיר: „דער פראלעטאריאט פארהאלט זיך בנוגע דעם פארלאמענטאריזם א סך גינסטיגער, ווי די פויערים און די קליינבורזשואזיע. דער פראלעטאריאט איז גיכער אימשטאנד אויפצופאסען פארטיי־דיסציפלין, ער איז גיכער גענויגט צו א פרינציפיעלער פאליטיק, ער איז ניט באאיינפלוסט פון מאמענטאלע שטימונגען, פון פערזענליכע אדער לאקאלע אינטערעסען. פון דער אנדערער זייט צווינגען דעם ארבייטער זיינע לעבענסבאדינגונגען צו פאראייניגען זיך מיט זיינע חברים אין גרויסע מאסען און צו געהן מיט זיי אין איין וועג“.

און ווייטער:

„וואו דער פראלעטאריאט באטייליגט זיך אין די קאמפען ארום פארלאמענט (דערהויפט אין די וואהל־קאמפען) אלס זעלבסטשטענדיגער קלאס, הויבט דער פארלאמענטאריזם גופא אן צו ענדערען זיין פריהערדיגען כאראקטער. *ער הערט שוין אויף צו זיין בלויז א הערשאפטמיטעל*

פון דער בורזשואזיע. גראַד די דאָזיגע קאמפען ווייזען זיך ארויס פאַר דעם מעכטיגסטען מיטעל אויפצוטרייסלען די נאָך גלייכגילטיגע שיכטען פונ׳ם ארבייטער־קלאַס, אריינצורפלאַנצען אין זיי מוט און האָפנונגפרייד; זיי ווייזען זיך ארויס פאַר דעם מעכטיגסטען מיטעל אַלץ פעסטער צוזאַמענצושליסען די פּראָלעטאַריער־שיכטען אין איין איינהייטליכען אַרבייטער־קלאַס; ענדליך ווייזען זיי זיך ארויס פאַר דעם מעכטיגסטען מיטעל, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט פאַרמאָגט אין דער איצטיגער צייט, כדי צו באַאיינפלוסען די מלוכה־מאַכט פון זיין טובה וועגען און זיך ביי איהר דערשלאָגען די יעניגע הנחות, וואָס לויט די אומשטענדען קען מען זיך ביי איהר דערווייל איבערהויפּט דערשלאָגען: קורץ, די דאָזיגע קאַמפען געהערען צו די ווירקזאַמסטע געצייגען, וואָס דערהויבען דעם פּראָלעטאַריאַט פון זיין עקאָנאָמישער, „געזעלשאַפטליכער און מאָראַלישער שפלות”. (קאַפּיטעל „דער פּאָליטישער קאַמף”).

דאָ דאַרף מען באַמערקען, ערשטענס, אַז לויט דעם „ערפורטער פּראָגראַם” הערט דער פּאַרלאַמענט אויף צו זיין בלויז אַ הערשאַפט־מיטעל פון דער בורזשואַזיע, ווי באַלד די אַרבייטער נעהמען אין איהם אַנטייל, ד. ה. אַז אפילו אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג דינט שוין דער פּאַרלאַמענט כאָטש טיילווייז דעם אַרבייטער־קלאַס. פון דאַנען איז איין טריט צו דעם געדאַנק, אַז אַ רעגירונג, וואָס איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַ בורזשואַזען פּאַרלאַמענט, איז שוין ניט נאָר אַ קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג, נאָר זי דינט אויך טיילווייז דעם אַרבייטער־קלאַס. אין „ערפורטער פּראָגראַם” איז אָט דער טריט ניט געמאַכט געוואָרען, אָבער יעדערער, וואָס וואָלט איהם געוואָלט מאַכען, וואָלט לחלוטין ניט עובר געווען ניט אויפ׳ן גייסט, ניט אויפ׳ן בוכשטאַב פונ׳ם „ערפורטער פּראָגראַם”. צווייטענס דאַרף מען באַמערקען, אַז דער פּאַרלאַמענטאַרישער קאַמף איז אַוועקגעשטעלט אויבען־אָן אין דער גאַנצער טעטיגקייט פון דעם פּראָלעטאַריאַט אַלס קלאַס.

אויף דער פראַגע, ענדליך, ווי אַזוי קען דער פּאַרלאַמענטאַריזם ברענגען די ענדגילטיגע באַפרייאונג פון דעם אַרבייטער־קלאַס, האָט דאָס „ערפורטער פּראָגראַם” איין קלאָרען ענטפער:

„*יעדע פּאָליטישע פּאַרטיי מוז זיך שטעלען די פּאָליטישע הערשאַפט פאַר אַ*

ציל. זי מוז שטרעבען צו מאכען אזוי, אז די מלוכה־מאכט זאל איהר דינען, ד. ה. דינען די אינטערעסען פון דעם קלאס, וואס זי פארטרעט; זי מוז שטרעבען צו ווערען די הערשענדיגע פארטיי אין דער מלוכה” (קאפיטעל „די ארבייטער־פארטיי”).

דאס איז דער גרונד־שטיין פון דער גאנצער לעהרע וועגען פאליטישען קאמף פונ׳ם ארבייטער־קלאס. די ארבייטער־פארטיי שטרעבט צו ווערען די הערשענדיגע פארטיי אין דער קאפיטאליסטישער מלוכה. זי פיהרט איהרע וואהל־קאמפען און איהרע פארלאמענטארישע קאמפען אזוי לאנג, ביז זי פאראייניגט דעם גאנצען ארבייטער־קלאס אין איין געוואלטיגער פארטיי. די קלאסען, וואס זיינען פיינדליך דעם ארבייטער־קלאס, „ווערען איינגעשרומפען אין צאהל, פארלירען אלעמאל מעהר זייער מאראלישע און פאליטישע קראפט”. דער ארבייטער־קלאס וואקסט „אין מאראלישער און פאליטישער קראפט, עקאנאמישער וויכטיגקייט, סאלידאריטעט און דיסציפלין”, ביז אין איין שעהנעם פריהמארגען איז די ארבייטער־פארטיי די צאהלרייכסטע אין פארלאמענט. אזוי ווי זי האט די מעהרהייט, געהט צו איהר איבער די מאכט, ווערט זי די הערשענדיגע פארטיי. אזוי ווי זי איז די הערשענדיגע פארטיי, האט זי ניט קיין שטרויכלונגען אויפ׳ן וועג פון איינפיהרען סאציאליזם. די איבערקעהרעניש איז געשעהן. די רעוואלוציע איז פארענדיגט. די מלוכה־מאכט איז פארכאפט. די בורזשואזיע איז אומגעווארפען. די עקזיסטירענדיגע ארדנונג פארשווינדט. די עקספראפריאציע געשעהט מיט רחמים און מיט יושר. די דעמאקראטיע האט ניט געליטען. די פרייהייטען זיינען אלע געבליבען אין קראפט. די פראדוקטיוו־קרעפטען האבען זיך אויף א רגע ניט פארמינערט. אלע זיינען גליקליך, אפילו די בורזשואזיע, ווארום מ׳האט ביי איהר ארופגענומען אן עול פונ׳ם קאפ און מ׳האט איהר פארזיכערט א רוהיג לעבען.

אט דאס שטעהט אין „ערפורטער פראגראם”. ניט אלע האבען דאס אזוי געלייענט און ניט אלע האבען דאס אזוי אויסגעטייטשט, אבער דאס איז שוין אן אנדער ענין. אונז אינטערעסירט דא, וואס עס שטעהט אנגעשריבען שווארץ אויף וויים אין דעם ווערק און וואס מען *קען* פון דארט ארויסלייענען, ווען

מען וויל. אַז מ׳האָט געוואָלט און מ׳האָט ארויסגעלייענט פּאַרלאַ־מענטאַרישען רעפאָרמיזם און קאָאַליציע־רעגירונגען, האָט באַוויזען די לעצטע־יאָהריגע געשיכטע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

געהט מען איבער פון דעם „ערפורטער פּראָגראַם" צום „קאָ־מוניסטישען מאַניפעסט" פון מאַרקס און ענגעלס, איז פּונקט ווי מען געהט איבער פון אַ פּראָפעסאָרישער קאַפעדרע אויף אַ באַ־ריקאַדע. דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" איז עלטער פון׳ם „ערפורטער פּראָגראַם" מיט פיר און פערציג יאָהר. ער איז גע־שריבען געוואָרען אין אַ צייט, ווען דער אַרבייטער־קלאַס איז גע־ווען נים אין אַן ערך שוואַכער, ווען דער קאַפּיטאַליזם איז געווען נים אין אַן ערך ווייניגער ענטוויקעלט, ווי אין יאָהר 1891. פונ־דעסטוועגען — וואָס פאַר אַ קלאָרקייט פון בליק, וואָס פאַר אַ זיכערהייט פון אורטייל, וואָס פאַר אַ קראַפט פון אויסדרוק, וואָס פאַר אַ פלאַם פון רעוואָלוציאָנערען מוט! אויך דער „קאָמוניס־טישער מאַניפעסט" איז אַ דערקלערונג צו אַן אַרבייטער־פּראָג־ראַם — דאָס פּראָגראַם פון דער „קאָמוניסטישער ליגע", וואָס האָט זיך פריהער געגרינדעט אַלס אַ דייטשע אָרגאַניזאַציע און זיך נאָכדעם פאַרוואַנדעלט אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער — אָבער דאָס איז נים נאָר אַ דערקלערונג, דאָס איז אַן אויפרוף, אַן אַרויסרוף צום קאַמף, דאָס איז אַ פאַקעל, דאָס איז אַ גייסטיגע באָמבע גע־וואָרפען אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. אויך דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" הויבט אָן מיט אַן אַנאַליז פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציע־אופן, אָבער וויפיל גאַל, וויפיל האַס, וויפיל שפּאָט עס ווערט דאָ אַריינגעגאָסען אין דעם שאַרפסטען וויסענשאַפטליכען אַנאַליז, וואָס איז ווען קאָנצענטרירט געוואָרען אין אַזוינע ווייניגע עטליכע בלעטלאַך. דאָ שטאַמעלט מען נים. דאָ שניידט מען ווי מיט מעסערס. דאָ שניידט מען אויס אַ וועג פון רעוואָלוציע פאַר דעם אַרבייטערקלאַס דורך דעם תהו ובהו פון דעם קאַפּיטאַליסטישען אונטערגאַנג.

אונטערפיהרענדיג אַ סך הכל פון דעם ערשטען קאַפּיטעל פון׳ם מאַניפעסט („פּראָלעטאַריאַט און בורזשואַזיע"), זאָגען די אויטאָרען:

„מיר האָבען געמאָלט די אַלגעמיינסטע פאַזען פון דער פּראָ־לעטאַרישער ענטוויקלונג; מיר האָבען נאָכגעפאָלגט דעם מעהר

אָדער וועניגער פֿאַרהילטען בירגערקריג, וואָס בושעוועט אין דער איצטיגער אָרדנונג; אונ *מיר זיינען געקומען* צו *דעם פּונקט, וואו אָט דער בירגער־קריג ברעכט אויס אין אַן אָפענע רעוואָלוציע, די בורזשואַזיע ווערט אומגעוואָרפען מיט געוואַלט, און דאָס לעגט אוועק דעם פֿונדאַמענט פֿאַר דער מאַכט פֿונ׳ם פּראָלעטאַריאַט*".

עס באַקומט זיך דער איינדרוק, ווי דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" וואָלט מיט אַ כיון דערעדט אַלצדינג, וואָס דאָס „ערפֿורטער פּראָגראַם" האָט אַזוי באַשיידען פֿאַרווישט. אָבער היסטאָריש איז דאָס געווען פּונקט פֿאַרקעהרט. היסטאָריש האָבען די שרייבער פֿונ׳ם „ערפֿורטער פּראָגראַם" פֿאַרשוויגען דאָס, וואָס דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" האָט אויסגעדריקט קלאָר און אָהן צווייפעל. היסטאָריש האָט דאָס „ערפֿורטער פּראָגראַם" גענודיעט דאָרט, וואו דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" האָט געהאַט אוועקגעלעגט אייזען־פֿעסטע פּרינציפּען. דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" רעדט פֿון *בירגער־קריג*, ניט פֿון פּאַרלאַמענטאַרישען קאַמף; ער רעדט פֿון אַן *אָפענער רעוואָלוציע* אינ׳ם רעוואָלוציאָנערען און ניט אינ׳ם פּילאָזאָפּישען זין פֿונ׳ם וואָרט (כאָטש מאַרקס איז געווען אַ קאַפּיטשקע אַ גרעסערער פּילאָזאָף, איידער דער שרייבער פֿונ׳ם „ערפֿורטער פּראָגראַם"); ער רעדט פֿון *אומוואַרפען די בורזשואַזיע מיט געוואַלט* און ניט מיט דעם שטימצעטעל; און ווען ער רעדט וועגען דער מאַכט פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט, מיינט ער ניט קיין לעמעשקע, נאָר דיקטאַטאָרישע מאַכט, *וואָס צווינגט*.

אין דעם איינעם ציטירטען פּאַראַגראַף איז דאָ דער גאַנצער קערן פֿונ׳ם קאָמוניזם. און די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטען האָבען זיך דאָך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט אָפֿען פֿונ׳ם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט", און די „אָרטאָדאָקסאַלע" מאַרקסיסטען האָבען זיך דאָך געשוואוירען ביים נאָמען פֿון מאַרקס און ענגעלס!

כדי ס׳זאָל ניט בלייבען קיין שום ספק, וואָס מען מיינט, חזרט דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" נאָך אַ מאָל איבער: „די אומ־מיטעלבאַרע אויפגאַבע פֿון די קאָמוניסטען איז העלפען, אַז דער

פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך פאַראייניגען ווי אַ קלאַס, אַז ער זאָל אומ־וואַרפען די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע, אַז ער זאָל ערבעבערען די פּאָליטישע מאַכט".

קלאָרער קען ניט זיין. דער פּראָלעטאַריאַט מאַכט ניט קיין חנ'דלאַך צו דער בורזשואַזיע. ער איז „דער קברות־מאַן פון דער בורזשואַזיע".

און וואָס וועט דער ארבייטער־קלאַס טאָן מיט דער פּאָלי־טישער מאַכט?

דערויף ענטפערט דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" אויך אָהן שעהן־ריידעריי. אונטערפיהרענדיג אַ סך־הכל דעם צווייטען קאַפּיטעל („פּראָלעטאַריער און קאָמוניסטען"), שרייבט ער:

„מיר האָבען געזעהן, אַז דער ערשטער טריט אין דער רעוואָ־לוציע פונ'ם ארבייטער־קלאַס איז אויפצוהויבען דעם פּראָלעטאַר־יאַט צו דער מדרגה פון אַ הערשענדיגען קלאַס.

„דער פּראָלעטאַריאַט וועט אויסנוצען זיין פּאָליטשיע אויבער־מאַכט, כדי ביסלאַכווייז ארויסצורייסען דעם גאַנצען קאַפּיטאַל פון די הענט פון דער בורזשואַזיע; כדי צו צענטראַליזירען אַלע פּראָ־דוקציע־מיטלען אין די הענט פון דער מלוכה, דאָס הייסט פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז אָרגאַניזירט ווי אַ הערשענדיגער קלאַס, און כדי צו פאַרגרעסערען דעם סכום פון פּראָדוקטיווע קרעפטען אזוי שנעל, ווי נאָר מעגליך".

ניטאָ קיין צווייפעל: דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער באַזיצט די מלוכה־מאַכט, איז ניט דער הרעשענדיגער קלאַס אין דער מלוכה", ווי אין „ערפורטער פּראָגראַם", ד. ה. ער איז ניט דער גרעסערער פון אַ סך שותפים, וואָס טיילען זיך איין מיט דער מלוכה, נאָר ער איז די מלוכה, ער איז די גאַנצע מאַכט, וואָס הערשט און צווינגט און באַפעהלט. די דאָזיגע מאַכט נוצט ער, כדי צו אָרגאַניזירען אַ סאָציאַליסטישע ווירט־שאַפט.

און טאָמער וועט עמיצער פרעגען, ווי אזוי זאָל דער פּראָלעטאַריאַט אַלס מלוכה־מאַכט ארויסבאַקומען די פּראָדוקציע־מיטלען ביי דער בורזשואַזיע, ענטפערט דערויף אויך דער „קאָמו־ניסטישער מאַניפעסט" שאַרף און שטרענג:

„עס פאַרשטעהט זיך, אַז אין אָנהויב קען מען דאָס ניט אָנ־

דערש דורכפיהרען, סיידען דורך דעספאָטישע אָנפאַלען אויף די אייגענטום־רעכט און אויף די באַדינגגען פון דער בורזשואַזער פּראָדוקציע; דאָס הייסט, דורך אַזוינע מיטלען, וואָס פון עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט זעהען זיי אויס ניט גענוגענד, אָבער אינ'ם משך פון דער באַוועגונג וועלען זיי זיך אַליין איבערשטייגען, זיי וועלען נויטיג מאַכען ווייטערדיגע אָנפאַלען אויף דער אַלטער סאָציאַלער אָרדנונג, און זיי זיינען אומפאַרמיידליך אַלס אַ מיטעל צו רעוואָלוציאָניזירען דורך און דורך דעם פּראָדוקציע־אופן".

„דעספּאָטישע אָנפאַלען" אויף דעם אייגענטום־רעכט פון דער בורזשואַזיע קלינגט אַ ביסעל אַנדערש, איידער די לאַנגע אָפּהאַנדלונג וועגען דעם, אז מ'וועט, חלילה, ביי דער בורזשואַזיע ניט קאָנפיסקירען די קאַפּיטאַלען, אַז מ'וועט ביי איהר אויסלייזען „איהר" האָב און גוטס, און מ'וועט בכלל ניט אָנריהרען דעם מיטלען און קליינעם קאַפּיטאַל. דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" איז ניט נאָר מעהר רעוואָלוציאָנער, ער איז אויך מעהר רעאַליסטיש, וואָרום ער פאַרשטעהט קלאָרער דעם גאַנג פון אַ רעוואָלוציע און די פּסיכאָלאָגיע פון אַ רעוואָלוציע, ער ווייסט, אז קיין שום פּאַרטיי איז ניט בכח צו גאַראַנטירען דאָס אייגענטום פון דער בורזשואַזיע, ווי באַלד דער אַרבייטער קלאַס האָט עראָבערט די מאַכט. די מעשה איז אָבער, וואָס דאָס „ערפורטער פּראָגראַם" האָט גאָר ניט געטראַכט וועגען דעם, אַז דער אַרבייטער־קלאַס זאָל עראָבערען די מאַכט מיט געוואַלט.

און כאַראַקטעריסטיש איז אויך, וואָס דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" האָט דוקא ניט מורא צו זאָגען, וואָס פאַר אַן אָרדנונג ער שטעלט זיך פאָר אין דער צוקונפט. דאָס „ערפורטער פּראָגראַם" טענה'ט איין מיט'ן עולם, אַז ס'איז ניט וויסענשאַפטליך צו מאָלען זיך די צוקינפטיגע אָרדנונג. דער „קאָמונסיטישער מאַניפעסט" זאָגט דייטליך: דאָס וועט זיין אַ געזעלשאַפט אָהן מלוכה־מאַכט, אַ געזעלשאַפט אָהן אַ מלוכה. דאָס וועט זיין אַנאַרכיע אינ'ם העכערען זין פונ'ם וואָרט: אַ פאַראייניגונג פון פּראָדוצענטען, וואו יעדערער טוט זיין חלק, ווייל יעדער איינער הענגט אָפּ פון יעדען אַנדערען'ס אַרבייט.

„ווען קלאַס־אונטערשיידען וועלען פאַרשווינדען אין משך פון דער ענטוויקלונג און די גאַנצע פּראָדוקציע וועט זיין קאָנצענטרירט

אין די הענט פון א ריזיגען פארבאנד פונ'ם גאנצען פאלק, וועט די עפענטליכע קראפט פארלירען איהר פאליטישען כאראקטער. פאליטישע מאכט איג'ם אייגענטליכען זין פונ'ם ווארט איז ניט מעהר ווי די ארגאניזירטע מאכט פון איין קלאס צו אונטערדריקען א צווייטען. אויב אין קאמף מיט דער בורזשואזיע איז דער פראָ־לעטאריאט געצוואונגען דורך דער מאכט פון אומשטענדען צו ארגאניזירען זיך ווי א קלאס, אויב דורך א רעוואלוציע מאכט ער זיך פאר דעם הערשענדיגען קלאס און אלס אזעלכער רייסט ער אראפ מיט געוואלט די אלטע פראדוקציע־באדינגונגען, האט ער דערמיט אליין שוין אויך אראפגעריסען די באדינגונגען פאר דער עקזיסטענץ פון קלאסען־געגענזאצען, פון קלאסען איבערהויפט, און ער האט דערמיט אפגעשאפט זיין אייגענע אויבערהערשאפט אלס קלאס.

„אויפ'ן ארט פון דער אלטער בורזשואזער געזעלשאפט מיט איהרע קלאסען און קלאסען־געגענזאצען וועלען מיר האבען א פאר־באנד, וואו די פרייע ענטוויקלונג פון יעדען וועט זיין די באדינגונג פאר דער פרייער ענטוויקלונג פון אלע".

מ'האט ניט געקענט קלארער און קירצער פארמולירען דעם רעוואלוציאנערען קוק אויף דער מלוכה, איהר געגענווארט און איהר צוקונפט. די מלוכה איז אן ארגאן פון מאכט. פאליטישע מאכט איז די ארגאניזירטע מאכט פון איין קלאס צו אונטערדריקען א צווייטען. דער אונטערדריקער טיילט זיך ניט מיט'ן אונטער־דריקטען מיט דער פאליטישער מאכט. דאס איז אן אונזין. דער אונטערדריקער מעג מאכען דעם אנשטעל, אז ער גיט די אונטער־דריקטע דעמאקראטישע פרייהייט צו באטייליגען זיך אין דער מלוכה. דאס וועט אבער זיין נאר א מאסקע צו פארשטעלען דעם פאקט פון אונטערדריקונג. אונטערדריקונג וועט עקזיסטירען אויך דאן, ווען דער ארבייטער־קלאס וועט זיין די מלוכה. דער ארבייי־טער־קלאס וועט אונטערדריקען די בורזשואזע מיט אלע איהרע העלפער. די דאזיגע אונטערדריקונג — פראלעטארישע דיקטא־טור — וועט אבער זיין א מיטעל צו איבערבויען דעם פראדוקציע־אופן, ד. ה. צו פארניכטען די צוטיילונג אויף קלאסען. דערמיט וועט די אונטערדריקונג אויף אייביג אפשאפען אונטערדריקונג. די מלוכה פארשווינדט. עס בלייבט די ווירטשאפטליך־ארגאני־זירטע געזעלשאפט פון פרייע.

אויב אַ פּראָגראַם פון אַ פּאַרטיי איז אַ מיטעל פון אַגיטאַציע, אַ מיטעל צו דערציהען די מאַסען אין דעם גייסט פון דער פּאַרטיי, בלייבט ניט קיין מינדסטער ספק, אַז דאָס „ערפורטער פּראָגראַם" האָט דערצויגען די אַרבייטער אינ'ם גייסט פונ'ם פּאַרלאַמענטאַרישען רעפאָרמיזם און אַז דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" האָט דערצויגען די אַרבייטער אינ'ם גייסט פון רעוואָלוציאָנערען קלאַסען־קאַמף, אינ'ם גייסט פון אויפשטאַנד געגען דער קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור.

דער דאָזיגער אונטערשייד איז אָבער נאָר אַ פּועל יוצא פון אַ טיפערען, אַ פונדאַמענטאַלען אונטערשיד צווישען די צוויי פּראָגראַמען. דאָס „ערפורטער פּראָגראַם" האָט געפּרעדיגט מעסיגקייט, ווייל עס האָט פאַלש פאַרשטאַנען דעם גאַנג פון דער געשיכטע. דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" האָט געאָטעמט מיט רעוואָלוציע, ווייל ער האָט ריכטיג אויפגעפּאַסט די ראָלע פונ'ם אַרבייטער־קלאַס אין זיין קאַמף געגען קאַפּיטאַליזם. דאָס „ערפורטער פּראָגראַם" האָט זיך פּשוט ניט פאָרגעשטעלט אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" האָט *פּאַראויסגעזאָגט* די רוסישע רעוואָלוציע, ווי זי איז געשעהן זיבעציג יאָהר נאָכדעם, ווי דאָס ווערק איז געשריבען געוואָרען. דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" האָט אָנגעמערקט דעם גייסט, וואָס האָט געלעבט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די אַרבייטער אין דייטשלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן, איטאַליען באַלד נאָכ'ן וועלט־קריג. אין די דאָזיגע אַלע רעוואָלוציעס האָט זיך עס ניט געהאַנדעלט וועגען מעהרהייטען און מינדערהייטען אין די פּאַרלאַמענטען, עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען פאַרכאַפּען די מאַכט מיט געוואַלט.

אויב די היסטאָרישע פּאַסירונגען זיינען פאָרגעקומען אויף אַן אופן, ווי עס איז אָנגעמערקט אין איין פּראָגראַם, און זיינען *ניט* פאָרגעקומען אויף דעם אופן, ווי עס איז אָנגעמערקט אין אַן אַנדער פּראָגראַם, איז דערמיט שוין געגעבען דער ווערט פון דיביידע פּראָגראַמען. דאָס „ערפורטער פּראָגראַם" איז טויט. דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" איז איצט לעבעדיגער, ווי ער איז וועהן געוועהן אין די פינף־זעקס און זיבעציג יאָהר פון זיין עקזיסטענץ.

עס איז כדאי צו באַמערקען, אַז ניט נאָר אין אַלגעמיין, נאָר אויך אין אַ רייסטער פון פּראַקטישע פּראָגראַם־פּונקטען האָט דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" פאָראויסגעזעהן דעם כאַראַקטער פון

דער רוסישער רעוואָלוציע. ווען דער אַרבייטער־קלאַס וועט פאַר־כאַפּען די מאַכט, שרייבט דער „מאַניפעסט", וועט ער אין די ווירטשאַפטליך־אַנטוויקעלטע לענדער מוזען תיכף דורכפיהרען אַזוינע מיטלען (מיר גיבען איבער די וויכטיגסטע):

1) אָפּשאַפען פּריוואַט־אייגענטום אויף דער ערד;

2) ארויפלעגען אַ שווערען פּראָגרעסיווען אָדער שטופענווייז־גענלידערטען אָפּצאָהל אויף הכנסות;

3) אָפּשאַפען אַלע ירושה־רעכט;

4) צענטראַליזירען דעם קרעדיט אין די הענט פון דער מלוכה;

5) צענטראַליזירען אַלע פאַרקער־מיטלען און דעם גאַנצען טראַנספּאָרט אין די הענט פון דער מלוכה;

6) פאַרגרעסערען די צאָהל פאַבריקען און פּראָדוקציע־מיט־לען, וואָס געהערען דער מלוכה.

דאָס דאָזיגע פּראָגראַם איז אומגעפער דאָס זעלביגע, וואָס איז איינגעפיהרט געוואָרען אין רוסלאַנד מיט דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק (דאָס, אגב, באַווייזט, ווי ניט־מאַרקסיסטיש און ניט־ווּיסענשאַפטליך עם זיינען די כלומר'שט סאָציאַליסטישע טענות, אַז מיט דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק האָט די רוסלענדער סאָציאַלע רעוואָלוציע אָפּגעשאַפט זיך אַליין). דער „קאָמוניסטי־שער מאַניפעסט" האָט ניט נאָר געזעהן דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, נאָר ער האָט אויך פאַרשטאַנען דעם גייסט פון דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט, וואָס וועט ארויסוואַקסען פון אַזא אַנטוויקלונג.

וואָלטען היינט געלעבט די פאַרפאַסער פון'ם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט", וואָלטען זיי געקאָנט זאָגען מיט צופרידענקייט: „דאָס באַשטעטיגט אונזער אַלטען אַנאַליז". און אודאי וואָלטען זיי ניט אריינגעגאַנגען זייערע שטימען אינ'ם כאָר פון די כלומר'שטע סאָ־ציאַליסטען, וואָס באַשולדיגען די רוסישע רעוואָלוציע פאַר דער צייטווייליגער פאַרקלענערונג פון די פּראָדוקציע־מיטלען צוליב דער נאַציאָנאַליזאַציע פון די אינדוסטריען. די פאַרפאַסער פונ'ם „קאָ־מוניסטישען מאַניפעסט" האָבען געקוקט אויף אַ רעוואָלוציע ניט דורך פילאָזאָפיש ראָזע ברילען, נאָר זיי האָבען אין איהר געזעהן אַ ברוטאַלען אויסדרוק פון מעכטיגע קרעפטען. דעריבער האָבען זיי ניט פאַרגעסען דערמאָנען פון אָנפאַנג אָן, אַז די „דעספּאָטישע

אנפאלען" אויף די אייגענטום־רעכט פון דער בורזשואזיע וועלען לכתחילה זיין עקאנאמיש נים־גענוגענד, ד. ה. אז די נייע ארדנונג וועט די ערשטע צייט הינקען, אז אין דעם פראדוקציע־אופן וועלען פארקומען שטערונגען, וואס וועלען נויטיג מאכען „וייטערדיגע אנפאלען" אויף דער אלטער סאציאלער ארדנונג, אבער אז סוף כל סוף וועט דאס פארגרעסערען די פראדוקטיווע קרעפטען, ווייל עס וועט רעוואלוציאניזירען די גאנצע ווירטשאפטליכע ארדנונג.

די קריטיקער פון דער רוסישער רעוואלוציע וואלטען געקאנט א סך געוואר ווערען אין „קאמוניסטישען מאניפעסט", ווען זיי וואלטען נאך פעהיג געווען צו לערנען.

דער „קאמוניסטישער מאניפעסט" און די רוסישע רעוואלוציע זיינען דער פונדאמענט פונ'ם „אלף־בית פון קאמוניזם", וואס ווערט איצט ארויסגעגעבען אין אידיש. דער „אלף־בית", ווי דאס „ער־גורטער פראגראם" און דער „קאמוניסטישער מאניפעסט", איז א דערקלערונג צו איין באשטימטער פראגראם — דעם פראגראם פון דער רוסלענדער קאמוניסטישער פארטיי, וואס איז אנגענומען גע־ווארען אויפ'ן אכטען פארטיי־צוזאמענפאהר (18—23 מערץ 1919). אבער פונקט ווי דאס „ערפורטער פראגראם" און דער „קאמוניס־טישער מאניפעסט", איז דער „אלף־בית" מ ע ה ר ווי א ווערק פאר איין לאנד. אויפ'ן אכטען צוזאמענפאהר פון דער רוסלענדער קאמוניסטישער פארטיי, ריידענדיג וועגען דעם פראגראם, וואס איז נאכדעם באלויכטען און פאפולאריזירט געווארען אינ'ם „אלף־בית", האט בוכארין אזוי געזאגט:

„מיר דארפען זיך אפגעבען א חשבון אין דעם, אז אונזער פראגראם — דאס איז דאס פראגראם פון א פארטיי, וואס האט די ערשטע פון די ארבייטער־פארטייען ערגאבערט די מלוכה־מאכט, און כאטש עס טראגט דעם נאמען „פראגראם פון דער ר. ק. פ.", איז עס פונדעסטוועגען אין א גרויסען טייל אויך ד א ס פ ר א ג ר א ם פ ו ן ד ע ם א י נ ט ע ר נ א צ י א נ א ל ע ן פ ר א ל ע ט א ־ ר י א ט. מיר שרייבען אונזער פראגראם ניט נאר פאר זיך, נאר אין א גרויסער מאס אויך פאר אונזערע מערב־אייראפעאישע און אמעריקאנישע חברים... אנדערש קאן דאס ניט זיין. יעדע רעוואַ־לוציע, וואס וועט קומען נאך אונזער רעוואלוציע, וועט זיך ביי איהר מוזען לערנען. דאס הייסט ניט, אז זי וועט דארפען טאן אסבאלוט דאס זעלביגע, וואס מיר האבען געטאן אין רוסלאנד. נאר זי וועט

דארפען נעמען אין באטראכט די סומע פון ערפארונג, וואס מיר האבען אין רוסלאנד אינ׳ם גאנג פון אונזער רעוואלוציע באקומען. אט פארוואס, חברים, מיר האבען זיך אין דער קאמיסיע (וואס האט אויסגעארבייט אזא פראגראם) גערעכענט מיט אט דעם מא־מענט און מיר האבען געגעבען אזוינע פארמולען, וואס וואלטען געלערענט ניט נאר אונז אליין, נאר מיר האבען געפרופט געבען א קאנדענסירטע ערפארונג, וואס איז ניצליך פאר אנדערע אויך; מיר האבען געגעבען די קאנדענסירטע ערפארונג פון דער רעוואלו־ציאנערער באוועגונג, וואס טויג פאר אונזערע מערב־אייראפעאישע און אמעריקאנישע חברים. אויף דער דאזיגער ערפארונג וועלען זיי זיך קאנען לערנען״.

אין אט די ווערטער איז אויסגעדריקט ניט נאר די באדייטונג פון דעם פראגראם פון דער ר. ק. פ., נאר, אפשר נאך אין א גרע־סערער מאס, די באדייטונג פון דעם „אלף־בית״, וואס גיט דעם פראגראם א באזיס פון טעאריע און פאקטען. דער „אלף־בית״ פיהרט אונטער א סך־הכל פון דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג אין פארבינדונג מיט דעם וועלט־קריג און פון דער ארבייטער־בא־וועגונג אין פארבינדונג מיט די רעוואלוציעס. דער „אלף־בית״ ווייזט אן, וואוהין עס איז דערגאנגען דער קאפיטאליזם מיט זיין באריהמטער דעמאקראטיע, מיט דער אזוי גערופענער פאלקס־הערשאפט, וואס איז ניט מעהר ווי א פארמאסקירטע קאפיטאליס־טישע דיקטאטור, און וואוהין עס איז דערגאנגען און קאן דערגעהן דער ארבייטער־קלאס, ווען ער פארשטעהט זיינע אינטערעסען און איז גרייט צו קעמפען פאר מאכט. דער „אלף־בית״ נעמט אין באטראכט אלע נ י י ע ס ט ע ערשיינונגען אינ׳ם געזעלשאפט־ליכען לעבען פון דער מענשהייט, — ערשיינונגען, וואס האבען גע־מאכט נויטיג פאר׳ן ארבייטער־קלאס פון דער וועלט א י ב ע ר ־ צ ו ק ו ק ע ן זיין פראגראם און טאקטיק. דער „אלף־בית״ לעגט אוועק די הויפט־פרינציפען פאר אזא פראגראם און טאקטיק.

ס׳איז דא אן אונטערשייד ווי פון הימעל ביז דער ערד פון דעם „אלף־בית״ מיט׳ן פראגראם פון דער ר. ק. פ. ביז די פרא־גראמען און פירושים צו פראגראמען, וואס זיינען אויסגעארבייט געווארען פ א ר דער סאוועט־רעוואלוציע פון דעם 6טען נא־וועמבער 1917. אין יענע אלע פראגראמען האט זיך געהאנדעלט וועגען דעם, וואס מען וויל און מען האפט. אין „אלף־בית״ האנ־

דערלט זיך שוין וועגן דעם, וואָס מ׳האָט דערגרייכט. אין אַלע אַנדערע פּראָגראַמען איז געווען אַ מעהר אָדער ווייניגער קלאָרער אַנאַליז פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און אַן אָנווייז: „אַזוי מוז עס זיין". אין „אַלף־בית" איז שוין דאָ אַ היסטאָרישער פאַקט: „אַזוי איז דאָס געווען; אַזוי האָבען די ארבייטער גע־קעמפט פאַר דער מלוכה־מאַכט; אַזוי האָבען זיי איינגעפיהרט די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור; אַזוי ווילען זיי געצוואונגען זיין צו טאָן אויך אין אַנדערע לענדער". דער „אַלף־בית פון קאָמוניזם" איז דעריבער ניט נאָר מעהר רעוואָלוציאָנער, נאָר ער איז מעהר רעוואָלוציאָנער, ווייל ער איז מעהר רעאַליסטיש, ווייל ער פאַר־שטעהט בעסער די לאַגע פון דער היינטיגער געזעלשאַפט נאָכ׳ן וועלט־קריג, ווייל ער רעכענט זיך מיט די כחות, וואָס ווירקען אין דער איצטיגער היסטאָרישער עפּאָכע, ווייל ער דריקט אויס ניט נאָר וואונשען, נאָר די רעאַלע פאַרהעלטנישען פון די קרעפטען.

דאָס ערשטע קאַפּיטעל פון דעם „אַלף־בית", „די קאַפּיטאַליס־טישע אָרדנונג", שטעהט, נאַטירליך, אויפ׳ן מאַרקסיסטישען באָדען. עס באַהאַנדעלט די גרונד־פּרינציפּען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג: סחורה־ווירטשאַפט, מאָנאָפּאָליזאַציע פון פּראָדוקציע־מיטלען אין די הענט פונ׳ם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס, לוין־אַרבייט, קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע־פאַרהעלטנישען, עקספּלואַטאַציע פון דער אַרבייט־קראַפט, קאַפּיטאַל. עס נעמט אָבער אויך אַריין די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה אַלס איינעם פון די הויפּט־עלעמענטען אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. עס רעדט ניט מיט נעבעלהאַפטע ווערטער, נאָר עס באַווייזט מיט פאַקטען פון אַלע לענדער, אַז די איצטיגע מלוכה איז „אַ פאַראיין פון באַלעבאַטים". עס שטעלט זיך אָפּ באַזונדער אויף דער ראָלע פון דער פּאָליציי און זשאַנדאַרמען, געריכט, טורמע. עס דערמאָנט די מיטלען פון גייס־טיגער פאַרשקלאַפונג: די מלוכה־שול, די מלוכה־קירך און די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע.

דאָס צווייטע קאַפּיטעל פון דעם „אַלף־בית", „די אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג", גיט אַ מאַרקסיסטישע באַ־שרייבונג פון די כחות, וואָס וואַקסען אַרויס פון דער קאַפּיטאַליס־טישער געזעלשאַפט און וואָס גרייטען צו איהר פאַרניכטונג. דאָס דאָזיגע קאַפּיטעל איז נאָר אַ באַלויכטונג פון די גאָר לעצטע ער־שיינונגען אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג דורך דער מאַרקס־

סיסטעמישער מעטאָדע. דאָס קאַפּיטעל איז אפשר ניט אין קיין סך פּרטים אַנדערש, ווי ס'וואָלט געווען אַזאַ אַנאַליז אין „ערפורטער פּראָגראַם", מיט דעם אונטערשייד, וואָס דער „אלף־בית" רעדט וועגן אַ „קאָמוניסטישער רעוואָלוציע פונ'ם פּראָלעטאַריאַט".

קומען מיר אָבער צום דריטען קאַפּיטעל, „קאָמוניזם און פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור", טוט אויף אונז אַ וועה מיט'ן נייעם. דאָ איז דער שייד־וועג צווישען אָפּאָרטוניזם און רעוואָלוציאָניזם, צווישען סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם און קאָמוניזם, צווישען נאָכגעהן אויפ'ן שטריקעל ביי דער בורזשואַזיע און געהן ברעכען די מאַכט פון דער בורזשואַזיע. כדי איינצופיהרען סאָציאַליזם, דאַרף דער אַרבייטער־קלאַס ווערען דער הערשענדער קלאַס. כדי צו שאַפען קאָלעקטיוו־אייגענטום אויף די פּראָדוקציע־מיטלען, דאַרף ער צונעמען די פּראָדוקציע־מיטלען ביי דער בורזשואַזיע. די בורזשואַזיע וועט דאָס ניט וועלען. זי וועט קעמפען. זי וועט אַרויסווייזען אַ ווידערשטאַנד. „די אַרבייטער־מאַכט וועט האָבען די אויפגאַבע — *אונטערדריקען* אָט דעם ווידערשטאַנד. און אַזוי ווי דער ווידערשטאַנד וועט מוזען זיין זעהר אַ גרויסער, וועט די פּראָלעטאַרישע מאַכט, די אַרבייטער־מאַכט, אויך מוזען זיין אַ *דיקטאַטור*. „דיקטאַטור" איז אַ באַזונדער שטרענגער אופן פון פאַרוואַלטונג, דאָס איז אַן אַנטשלאָסענהייט אין אונטערדריקען שונאים. עס איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז אין אַזאַ לאַגע קאָן ניט זיין קיין רעדע וועגען „פרייהייטען" פאַר *אַלע מענשען*. פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור פּאָרט זיך ניט מיט פרייהייט פאַר דער בורזשואַזיע. צוליב דעם דאַרף מען דאָך טאַקע די דיקטאַטור, אַז מען זאָל צונעמען די פרייהייט ביי דער בורזשואַזיע, אַז מען זאָל איהר *בינדען* הענט און פיס, אַז מען זאָל איהר *ניט לאָזען* פיהרען אַ קאַמף געגען רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט. וואָס שטאַרקער עס איז דער ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע, וואָס פאַרצווייפעלטער זי מאָביליזירט איהרע קרעפטען, וואָס געפערליכער זי איז, אַלץ אומדערבאַרעמדיגער און אַכזריות'דיגער דאַרף זיין די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, וועלכע דאַרף זיך אין ערגסטען פאַל ניט אָפּשטעלען אפילו פאַר טעראָר".

אַזויריידען מענשען, וואָס האָבען פאַרזוכט דעם טעם פון אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און וואָס ווייסען, אַז אויך אין אַנדערע לענדער קאָן אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע ניט אָננעמען קיין

אַנדערע פאָרמען. אָבער אין דער זעלביגער צייט ווייסען זיי, אַז די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור איז אַ צייטווייליגע, אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד, אַ מיטעל מעגליך צו מאַכען די איינפיהרונג פון קאָמוניזם. די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור איז פון איין זייט אַ שטעקען צו האַלטען איבער'ן קאָפּ פון דער באַזיגטער בורזשואַזיע, פון דער אַנדערער זייט — אַן אַפּאַראַט צו אָרגאַניזירען די ווירטשאַפט אויף נייע יסודות.

די אָפּטיילונג וועגען דער ערָאבערונג פון פּאָליטישער מאַכט ציהט אַ שאַרפע ליניע צווישען איין סאָרט מאַכט און אַ צווייטער. ניטאָ קיין צווישען־שטופען, ניטאָ קיין שותפות אין פּאָליטישער מאַכט. „מלוכה־מאַכט איז אַן אָרגאַניזאַציע. די בורזשואַזע מלוכה־מאַכט איז אַ בורזשואַזע אָרגאַניזאַציע, וואו אַלע מענשען זיינען צוגעקליבען אויף אַ באַשטימטען אופן: אָן דעם שפּיץ פון דער אַרמיי — גענעראַלען פון די רייכע, אָן דעם שפּיץ פון דער פּאַרוואַלטונג — מיניסטאָרען פון די רייכע, און אַז. וו. ווען דער פּראָלעטאַריאַט קעמפּט פאַר מאַכט, געגען וועמען קעמפּט ער? קודם כל געגען דער דאָזיגער בורזשואַזער אָרגאַניזאַציע. נאָר אויב ער קעמפּט געגען איהר, הייסט עס, אַז זיין אויפגאַבע איז צו דערלאַנגען איהר אַ קלאַפּ, צו צערשטערען זי... די רעוואָלוציע, הייסט עס, צערשטערט די אַלטע מאַכט און באַשאַפט אַ נייע, אַן אַנדערע, אַזוינע וואָס איז פריהער ניט געוועז... ערָאבערען די מלוכה־מאַכט הייסט ניט — פאַרכאַפּען די זעלביגע אָרגאַניזאַציע, עס הייסט באַשאַפען אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע, די אָרגאַניזאַציע פון דעם קלאַס, וואָס האָט געזיגט אין קאַמף".

דאָס פערטע קאַפּיטעל, „אימפּעריאַליזם, מלחמה און דער דורכפאַל פון קאַפּיטאַליזם", וואַרפט שוין אַ בליק ניט נאָר אויף די יסודות פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, ווי די קאַפּיטלען איינס און צוויי, נאָר עס ווייזט אָן מיט שאַרפע שטריכען, וואָס ס'איז אויסגעוואַקסען אויף אָט די יסודות, צו וואָס דער קאַפּיטאַליזם איז דערגאַנגען. דער „אַלף־בית" איז געשריבען געוואָרען אין יאָהר 1919, אָבער ווען ער וואָלט געשריבען געוואָרען איצט, וואָלטען די אויטאָרען געקאָנט אַריינרעכענען נאָך

גייע צעשטערונג, נאָך נייע סימנים פון אונטערגאַנג, נאָך נייע האָפנונגסלאָזיגקייט, נאָך נייע טריט אויפ'ן וועג צום אַלגעמיינעם באַנקראָט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. אָבער אויך די פאַקטען, וואָס זיינען אַזוי בולט אַרויסגעבראַכט געוואָרען אין דעם קאַפּיטעל, זיינען גענוג ריידעוודיג. פינאַנץ־קאַפּיטאַל, אימפּעריאַליזם און מיליטאַריזם זיינען די הויפּט־קרעפטען פון דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. דער וועלט־קריג איז געווען דער נאַטירליכער רעזולטאַט. דער וועלט־קריג האָט געצוואונגען דעם איבערגאַנג צום מ ל ו כ ה ־ ק אַ פּ י ט אַ ל י ז ם, וועלכער האָט נאָך מעהר פאַרגרעסערט די מאַכט פון דער בורזשואַזיע און שרעקליך אָפּגעשוואַכט דעם אַרבייטער־קלאַס. דער מלוכה־קאַפּיטאַליזם קאָן אָבער ניט אָפּשטעלען דאָס פוילען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. „האָט זיך דאָס פוילען שוין איינמאָל אָנגעהויבען, קאָן זיך עס ניט אָפּשטעלען, און עס קאָן זיך אויך ניט אָפּשטעלען דער וואוקס פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע". די רעוואָלוציע איז דער קאַמף פונ'ם אַרבייטער־קלאַס, וועלכער ליידט פון דער בלוטיגער קאַשע. דער אַרבייטער־קלאַס האָט שוין אומעטום דערגרייכט אַזאַ באַוואוסטזיין, אַז ער וועט זיך שוין מעהר ניט לאָזען שעכטען אין אימפּעריאַליסטישע מלחמות, ער וועט קעמפען פאַר זיינע אייגענע אינטערעסען, פאַר מאַכט.

דאָס קאַפּיטעל רעכענט זיך מיט אַ סך אייגענשאַפטען פון דעם אַמעריקאַנישען קאַפּיטאַליזם, וועלכע באַגעגענען זיך אויך אין אַנדערע לענדער, הגם אין אַ קלענערער מאָס.

באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט שענקט דער „אלף־בית" דער פראַגע פון בירגער־קריג. די רוסישע חברים, עקספּערטען אין בירגער־קריג, דערצעהלען אונז, ווי אַזוי דער בירגער־קריג אַנטוויקעלט זיך, וועלכע פאָרמען ער נעמט אָן, ווי אַזוי דער בירגער־קריג קאָן ברענגען צו אַ זיג פונ'ם אַרבייטער־קלאַס. עס ווערט אָנגעוויזען, אַז אין אַ בירגער־קריג מ ו ז ע ן צושטערט ווערען גרויסע טיילען פונ'ם ווירטשאַפטליכען אַפּאַראַט. אָבער אַזוי איז דער שטייגער פון יעדער רעוואָלוציע. אַנדערש איז ניט מעגליך. „אין דער פראַנצויזישער בורזשואַזער רעוואָלוציע פון 1789—1893, ווען די בורזשואַזיע האָט אומגעוואָרפען די פראַנצויזישע פריצים, האָט דער בירגער־קריג געבראַכט צו אַ גרויסען עקאָנאָמישען כאַאָס.

אָבער דערפאַר, ווען די פּריצים־אַדעליגע זיינען געווען באַזיגט, האָט די אַנטוויקלונג פון פראַנקרייך שנעל אָנגעהויבען וואַקסען".

איבער די אַלע אויספיהרונגען ברענט ווי אַ פייערדיגער רויטער וועג־צייכען: „איצט איז מעגליך נאָר איינס פון דיביידע: ענט־ווערער אַלגעמיינע צופּוילקייט, פּולער כאַאָס, אַ בלוטיגע קאַשע, וויטערדיגע פאַרווילדונג, אומאָרדנונג און אמת'ע אַנאַרכיע, אָדער קאָמוניזם". און אַזוי ווי די אַרבייטער זיינען שוין גענוג שטאַרק, איז דאָס אפילו ניט קיין „ענטוועדער — אָדער". די וועלט געהט צום קאָמוניזם.

דאָס פינפטע און לעצטע קאַפּיטעל פיהרט דורך אַ פאַרגלייך צווישען צווייטען און דריטען אינטערנאַציאָנאַל. די כאַראַקטע־ריסטיק פון די נעכטיגע סאָציאַליסטען און היינטיגע סאָציאַל־פּאַטריאָטען איז אויסגעצייכענט.

דער אָריגינעלער רוסישער טעקסט פון'ם „אלף־בית" האָט נאָך אַ צווייטען טייל — אַ פּראַקטישען, וואו עס ווערען באַטראַכט די אויפגאַבען פון די קאָמוניסטען אין די פאַרשיידענע אַרבייט־צווייגען פון דער סאָוועט־רעפּובליק: אינדוסטריע, לאַנדווירט־שאַפט, מיליטער, געריכט, שול, — אָבער אַזוי ווי דער דאָזיגער טייל האָט מעהר אַ שייכות צו רוסלאַנד, ווי צו די איבעריגע לענדער, איז ער ניט אריין אין דער אידישער איבערזעצונג.

דער איבערגעזעצטער טייל — איז דער מינימום, וואָס יעדער אַרבייטער דאַרף וויסען וועגען דער טעאָריע פון קאָמוניזם. ניט אומזיסט איז דאָס ווערק איבערגעזעצט געוואָרען כמעט אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכען.

דער אַלף־בית פון קאַמוניזם

קאפיטעל א.

די קאפיטאליסטישע געזעלשאפטס־אָרדנונג

1. פּראָדוקט און סחורה.

קוקט מען זיך צו נעהענטער צו דער געזעלשאפט, ווי זי האָט זיך ענטוויקעלט אונטער דער הערשאפט פון קאפּיטאליזם, זעהט מען קודם כל, אז דאָ ווערען פּראָדוצירט סחורות. עס איז דעריבער וויכטיג זיך קלאָר צו מאכען דעם אונטערשיד צווישען „סחורה" און „פּראָדוקט". א סחורה איז ניט גלאט אזוי זיך א פּראָדוקט, נאָר אזא פּראָדוקט, וואָס ווערט געשאפען פאר'ן מארק.

א פּראָדוקט איז ניט קיין סחורה אזוי לאנג, ווי ער ווערט געשאפען פאר'ן אייגענעם געברויך און ניט פאר'ן מארק. ווען א פּויער, צ. ב. פּאַרזייט קאָרן, נעהמט דערנאָך אראָפּ די זאנגען פון פעלד, דרעשט און מאָלט דעם קאָרן און באקט אוים ברויט פאר זיך — הייסט נאָך דאָס ברויט ניט קיין סחורה. דאָס איז פּשוט ברויט. א סחורה ווערט עס נאָר דעמאָלט, ווען דאָס ברויט ווערט געקויפט און פארקויפט, ד. ה., ווען מען פּראָדוצירט דאָס פאר'ן מארק, פאר'ן קויפער. ווער עס וועט דאָס קויפען, צו דעם וועט עס געהערען.

אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט ווערען אלע פּראָדוקטען געשאפען פאר'ן מארק; זיי זיינען סחורות. יעדע פאבריק, יעדער זאוואָד אָדער ווארשטאט פּראָדוצירט געוועהנליך בלויז איין באשטימטען פּראָדוקט, — און יעדער איינער קען לייכט פארשטעהן, אז דער פּראָדוקט איז א סחורה; ער ווערט ניט געשאפען פאר זיך. אז איינער מאכט

אַ פאַבריק פון טרונעס, איז קלאָר, אַז איהם פעלט גאָר ניט איין, צו פּראָדוצירען די טרונעס פאַר זיך און זיין פאַמיליע, נאָר ער מאַכט זיי פאַר'ן מארק. ווען איינער איז אַ פאַבריקאַנט פון ריצען-אייל, איז ווידער קלאָר, אַז ווען אפילו ער זאָל כסדר ליי־דען אויפ'ן מאַגען, וועט ער נאָך אַלץ ניט פאַרנוצען דעם קלענ־סטען טייל ריצען-אייל, וואָס זיין פאַבריק ארבייט אויס. פּונקט אַזוי האַלט עס ביים קאַפּיטאַליזם מיט אַלע פּראָדוקציעס, פאַר וועלכע מען זאָל זיך ניט נעהמען.

אין דער קנעפּ-פאַבריק פּראָדוצירט מען קנעפּלאַך. נאָר אָט די מיליאָנען קנעפּלאַך ווערען אויסגעארבייט ניט צוליב דעם, מ'זאָל זיי צונעהען צום וועסט פון קנעפּעל-פאַבריקאַנט, נאָר אויף צו פאַרקויפען. אַלץ, וואָס ווערט פּראָדוצירט אין דער קאַפּי־טאַליסטישער געזעלשאַפט, ווערט פּראָדוצירט פאַר'ן מארק; אויפ'ן מארק ווערען געבראַכט סיי הענטשקעס, סיי געקאָכטע ווורשט, סיי ביכער, סיי טשוועקעס, סיי בראָנפען, סיי ברויט — מיט איין וואָרט אַלעס, וואָס ווערט אויסגעארבייט.

אין דער ווירטשאַפט, וואו אַלע פּראָדוקטען זיינען סחורות, מוז אומבאַדינגט עקזיסטירען פּ ר י וו אַ ט אֵ י י ג ע נ־ ט ו ם. דער האַנדווערקער, דער בעל-מלאכה וואָס פּראָדו־צירט סחורות, פאַרמאָגט זיין ווארשטאַט מיט זיין געצייג; דער פאַבריקאַנט — זיין פאַבריק מיט אַלע בנינים, מאַשינען און איבריגע זאַכען. און וואו עס איז דאָ פּריוואַט אייגענטום און אַ סחורות-ווירטשאַפט, עקזיסטירט שוין אויך אַלעמאָל אַ ק אַ מ ף צווישען די פאַרקויפער צ ו ל י ב ד ע ם ק ו י פ ע ר. עס געהט אָן אַ ק אָ נ ק ו ר ע נ ץ צווישען די פאַרקויפער. אַפילו דאַן, ווען עס זיינען נאָך ניט געווען קיין פאַבריקאַנטען, קיין גרויסע קאַפּיטאַליסטען, און ס'זיינען געווען נאָר האַנדווערקער, האָבען די דאָזיגע האַנדווערקער געפיהרט צווישען זיך אַ קאַמף פאַר'ן קויפער, און ווער עס איז געווען קרעפטיגער און געשיק־טער, ווער עס האָט פאַרמאָגט בעסערע געצייג, און בפרט נאָך דער, וועמען ס'פלעגט זיך איינגעבען אָנצוזאַמלען דעם „גראָשען", דער פלעגט שטענדיג פאַרנעמען דעם אויבענאָן, דער פלעגט אריינכאַפּען דעם קויפער צו זיך, דער פלעגט „טרייבען פון

מארק" די איבעריגע האנדווערקער און אַליין ווערען אַז „אויפגעקומענער באַלעבאָס". אָט אַזוי האָט דאָס קליינע ארבייטס־אייגענטום און די סחורות־ווירטשאַפט, וואָס איז אויף איהם באַזירט, געטראָגען אין זיך דאָס קערנדעל פון גרויס אייגענטום — און די רואינע פון פילע קליינע באַלעבאַטים.

דעריבער, איז דער ערשטער סימן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג די סחורות־ווירטשאַפט, ד. ה., די ווירטשאַפט, וואָס פּראָדוצירט פאַר'ן מאַרק.

2. די מאָנאָפּאָליזירונג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען דורך דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס.

אָט דער איין סימן פון סחורות־ווירטשאַפט איז נאָך ניט גענוג כאַראַקטעריסטיש פאַר'ן קאַפּיטאַליזם. ווייל ס'קאָן עקזיסטירען אַ סחורות־ווירטשאַפט, ווען קיין קאַפּיטאַליסטען זיינען ניטאָ, ווי צ. ב. די ווירטשאַפט פון בעל מלאָכות. זיי פּראָדוצירען טאַקע פאַר'ן מאַרק, זיי פאַרקויפען זייערע פּראָדוקטען; די דאָזיגע פּראָדוקטען זיינען סחורות, און די גאַנצע פּראָדוקציע איז אַ סחורות־פּראָדוקציע, נאָר אַ פּשוט'ע סחורות־פּראָדוקציע. כדי אַ פּשוט'ע סחורות־פּראָדוקציע זאָל איבערגעהן אין אַ קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע, דאַרף מען נאָך פון איין זייט, אַז די פּראָדוקציאָנס־מיטלען (די געצייג, מאַשינעס, בנינים, ערד א. א. וו.) זאָלען ווערען דאָס אייגענטום פון אַ קליינעם קלאַס פון רייכע קאַפּיטאַליסטען. פון דער צווייטער זייט איז נויטיג אַ גרויסע צאָהל זעלבסטשטענדיגע באַלעבאַטים און פויערים זאָלען רואינירט ווערען און פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַרבייטער.

מיר האָבען שוין געזעהן, אַז אַ פּשוט'ע סחורות־ווירטשאַפט פירט מיט זיך צו דער רואינע פון אייניגע און דער באַרייכערונג פון

אנדערע. אזוי איז עס טאקע געווען אין דער ווירקליכקייט. אין אַלע לענדער זיינען די האַנדווערקער און די קליינע באַלע־באַטים דאָס רוב רואינירט געוואָרען. ווער עס איז געווען אָריי־מער, פלעגט ענדליך זיין געצוואונגען צו פארקויפען זיינע גע־צייג, און פון אַ קליינעם באלעבאָס פלעגט ער מיט דער צייט ווערען איינער, וואָס האָט גאָר ניט, חוץ זיינע צוויי הענט. דער אָבער, וואָס איז געווען רייך, איז געוואָרען נאָך רייכער; ער האָט איבערגעבויט זיינע ווארשטאטען, זיי פארברייטערט, צוגעקויפט בעסערע געצייג און שפּעטער אויך מאַשינעם אוועק־געשטעלט, האָט געדונגען אַ סך ארבייטער, און אזוי ארום אליין זיך פארוואנדעלט אין אַ פאבריקאַנט.

ביסלאַכווייז האָבען אָט די רייכע לייט פארכאַפּט אַלץ, וואָס איז נויטיג געווען פאר דער פּראָדוקציע: פאבריק־געביי־דעס, מאַשינעס, רויה־מאַטעריאַלען, סחורות־לאַגערען און גע־שעפטען, הייזער, מעטאַל־גרובען, אייזענבאַהנען, דאַמפשיפען, ערד — מיט איין וואָרט, אַלץ, אָהן וואָס עס איז אונמעגליך צו שאַפען. *אָט די אַלע פּראָדוקציאָנס־מיט־לען זיינען געוואָרען אויסשליסליך דאָס אייגענטום פון׳ם קאַפּיטאַליס־טישען קלאַס.* אַ הייפעלע גבירים האָבען אַלץ; אַן אומגעהויערע צאָהל אָרימע לייט האָבען מעהר ניט ווי זייערע ארבייטס־הענט. *אָט דער מאָנאָפּאָל פון׳ם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס אויף די פּראָ־דוקציאָנס־מיטלען איז דער צווייטער סימן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.*

3. לוין־אַרבייט.

דער גרויסער קלאַס מענשען, וואָס איז פארבליבען גאָר אָהן שום אייגענטום, איז פארוואַנדעלט געוואָרען אין לוין־ארבייטער ביים קאַפּיטאַל. וואָס האָט טאקע געקאָנט אָנהויבען צו טאָן דער פאַראָרימטער פויער אָדער בעל־מלאכה? פארדינגען זיך

פאר א קנעכט צום קאפיטאליסט, צום גוט־באזיצער, אָדער געהן אין שטאָדט און דאָרטען פארדינגען זיך אין א פאבריק. קיין אנדער אויסוועג איז נים געווען. אט אזוי האָט זיך געשאפען די לוין־ארבייט, וועלכע איז דער דריטער סימן פון דער קאפיטאַליסטישער אָרדנונג.

וואס־זשע איז אזוינס לוין־ארבייט?

פריהער, ווען עס האָט עקזיסטירט לייב־אייגענטום אָדער שקלאפעריי, האָט מען געקענט יעדען לייב־אייגענעם אָדער שקלאף קויפען און פארקויפען. מענשען מיט הויט, האָר, הענט און פיס זיינען געווען פריוואט־אייגענטום פונ'ם האר. דער האר פלעגט אויף טויט פארשמייסען זיין לייב־אייגענעם אין פערד־שטאל — פונקט ווי ער פלעגט, למשל, שכור'ערהייד ברעכען א שטול אָדער א טיש. דער לייבאייגענער אָדער שקלאף איז געווען פשוט א זאך. די פארצייטיגע רוימער האָבען טאקע איינגעטיילט דעם האר'ם גאנצע האָב און גוטס אין „שטומע ארבייטס־געצייג" (זאכען), „האלב־ריידענדיגע געצייג" (חיות, ווי שעפסען, קיה, אָקסען א. א. וו.) און „ריידענדיגע געצייג" (שקלאפען, מענשען). אויף אַזא אופן זיינען די לאָפּעטע, דער אָקס, דער שקלאף געווען פאר'ן באלעבאָס אין א גלייכער מאָס ארבייטס־געצייג, וועלכע ער קאָן קויפען, פארקויפען און פארניכטען.

ביי לוין־ארבייט ווערט אָבער דער מענש גופא נים פארקויפט און נים געקויפט. עס ווערט פארקויפט און געקויפט נאָר זיין ארבייטס־קראפט, נים דער מענש גופא, נאָר זיין ארבייטס־פעהיגקייט. דער לוין־ארבייטער איז פערזענליך פריי; דער פאבריקאנט טאָר איהם מעהר נים שמייסען אין פערד־שטאל, אָדער איהם פארקויפען צו זיין שכן, אָדער אויסבייטען איהם אויף א יאגד־הינטעל, ווי דאָס איז מעגליך געווען אין דער צייט פון לייבאייגענטום. דער ארבייטער אליין פארדינגט זיך נאָר. עס דוכט זיך אפילו אויס, אז דער קאפיטאליסט און דער ארבייטער זיינען כלומרשט גלייכע מענשען: „ווילסטו נים — ארבייט נים, קיינער צווינגט דיך נים". אזוי

טענה'ן די הערען פאבריקאנטען. זיי פארזיכערען אפילו, אז זיי שפייזען די ארבייטער, דערמיט וואס זיי גיבען זיי ארבייט.

אין דער אמת'ן, פארשטעהט זיך, געפינען זיך די ארבייטער און די קאפיטאליסטען בכלל ניט אונטער גלייכע באדינגונגען. די ארבייטער זיינען צוגעבונדען צו דער ארבייט מיט דער קייט פון הונגער. דער הונגער צווינגט זיי צו פארדינגען זיך, דאס הייסט, צו פארקויפען זייער ארבייטס-קראפט. דער ארבייטער האט ניט קיין אנדער אויסוועג, ער האט ניט וואס אויסצוקלייבען. מיט לעדיגע הענט קען מען ניט פיהרען קיין אייגענע פראדוקציע. פרואווט אקארשט גיסען שטאל אדער וועבען, אדער בויען וואגאנעס אהן מאשינעס און אהן געצייג! אפילו די ערד גופא געפינט זיך ביים קאפיטא-ליזם אין פריוואטע הענט. ס'איז ניטא אפילו קיין פריי ארט, וואו מ'זאל קענען פיהרען א באלעבאטישקייט. דער פרייער האנדעל מיט דער ארבייטס-קראפט, די פרייהייט פאר'ן קאפי-טאליסט זי צו קויפען, די „גלייכהייט" פונ'ם קאפיטאליסט מיט'ן ארבייטער — דאס אלץ איז פאקטיש א הונגער-קייט, וואס צווינגט צו ארבייטען פאר'ן קאפיטאליסט.

אויף אזא אופן באשטעהט די הויפט-זאך פון לוין-ארבייט אין דעם, וואס די ארבייטס-קראפט ווערט פארקויפט, וואס די ארבייטס-קראפט ווערט א סחורה. אין דער איינפאכער סחורות-ווירטשאפט, וועגען וועלכער מיר האבען פריהער גערעדט, האט מען געקאנט קריגען אויפ'ן מארק מילך, ברויט, געוואנט, שטיוועל א. א. וו., אבער ניט קיין אר-בייטס-קראפט. די ארבייטס-קראפט פלעגט מען ניט פארקויפען. דער אייגענטימער פון דער ארבייטס-קראפט, דער בעל-מלאכה האט חוץ איהר געהאט אויך א הייזעל און געצייג. ער אליין האט געארבייט, געפיהרט זיין אייגענע ארבייטס-ווירטשאפט און פלעגט פארנוצען זיין אייגענע ארבייטס-קראפט אין זיין אייגע-נער ווירטשאפט.

גאר אנדערש איז עס אונטער דעם קאפיטאליזם. דא איז דער, וואס ארבייט, פארמאגט נישט קיין שום פראדוקציאנס-מיטלען; ער קאן ניט פארברויכען זיין ארבייטס-קראפט אין

זיין אייגענער ווירטשאַפט; ער מוז זי פאַרקויפען דעם קאַפּיטאַ־ליסט, כדי ניט צו שטאַרבען פון הונגער. אויף דעמזעלבען מאַרק, וואו מען פאַרקויפט באַוועל, קעז, אָדער מאַשינעס, ווערט באַשאַפען אויך דער אַרבייטס־מאַרק, וואו פּראָלע־טאַריער, ד. ה. לוין־אַרבייטער פאַרקויפען זייער אַרבייטס־קראַפט. הייסט עס, אַז די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט אונטערשיידעט זיך פון דער איינפאַכער סחורות־ווירטשאַפט דערמיט, וואָס אין דער קאַפּיטאַליסטי־שער ווירטשאַפט ווערט אויך די אַר־בייטס־קראַפט גופא אַ סחורה.

די לוין־אַרבייט איז אַלזאָ דער דרי־טער סימן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג.

4. די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָנס־באַציהונגען.

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג האָט אַלזאָ די פאָלגענדע דריי כאַראַקטעריסטישע סמנים: 1) די פּראָ־דוקציע פאַר'ן מאַרק (סחורות־פּראָדוקציע); 2) די מאָנאָפּאָ־ליזירונג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען דורכ'ן קאַפּיטאַליסטישען קלאַס; 3) לוין־אַרבייט, ד. ה. אַרבייט, וואָס איז געגרינדעט אויפ'ן פאַרקויף פון אַרבייטס־קראַפט.

אַט די אַלע סמנים זיינען פאַרבונדען מיט דער פראַגע, אין וועלכע באַציהונגען עס געפינען זיך די מענשען, ווען זיי אַרבייטען אויס פּראָדוקטען און פאַרטיילען זיי. וואָס מיינט מען, ווען מען זאָגט: „סחורות־ווירטשאַפט“, אָדער „פּראָדוקציע פאַר'ן מאַרק?“ דאָס מיינט, אַז די מענשען אַרבייטען איינער פאַר'ן אַנדערען און פונדעסטוועגען פּראָדוצירט יעדער איינער אין זיין ווירטשאַפט פאַר'ן מאַרק, ניט וויסענדיג ווער עס וועט ביי איהם קויפען זיין סחורה. לאָמיר, צ. ב., נעהמען דעם בעל־מלאָכה איוואַנאָוו און דעם פּויער סידאָראָוו. דער בעל־מלאָכה איוואַנאָוו ברענגט אויפ'ן מאַרק שטיוועל, וואָס ער האָט אַליין געמאַכט, און פאַרקויפט זיי סידאָראָוו'ען. און פאַר דאָס אויס־געלייזטע געלט קויפט ער ביי סידאָראָוו'ען ברויט. אין דער

צייט וואָס איוואַנאָוו איז געגאַנגען אויפ'ן מאַרק, האָט ער ניט געוואוסט, אַז ער וועט דאָרטען טרעפען סידאָראָוו'ען; און סידאָראָוו האָט ניט געוואוסט, אַז ער וועט דאָרט טרעפען איוואַנאָוו'ען. סיי דער, סיי יענער זיינען פּשוט געגאַנגען אויפ'ן מאַרק. ווען איוואַנאָוו האָט געקויפט ברויט און סידאָראָוו שטיוועל, איז אויסגעקומען, אַז סידאָראָוו האָט געאַרבייט פאַר איוואַנאָוו'ען, און פאַרקעהרט — איוואַנאָוו פאַר סידאָראָוו'ען. נאָר גלייך האָט זיך דאָס ניט געלאָזט מערקען. דער טומעל פון מאַרק פאַרדעקט דעם פאַקט, אַז אייגענטליך האָבען זיי געאַרבייט איינער פאַר'ן צווייטען, אַזוי ווי איינער וואָלט אָהן דעם אַנדערען ניט געקענט אויסקומען. אין דער סחורות־פּראָדוקציע, אַלזאָ, אַרבייטען מענשען איינע פאַר דעם אַנדערען, נאָר ניט אָרגאַניזירטערהייט און אומאָפּהענגיג איינער פון צווייטען, ניט ווּיסענדיג אַליין, אויף וויפיל זיי נויטיגען זיך איינער אין צווייטען. אין דער סחורות־ווירטשאַפט געפינען זיך, אַלזאָ, די מענשען אין געוויסע באַציהונגען איינע צו די אַנדערע. דאָ האַנדעלט זיך וועגען געוויסע באַציהונגען צווישען מענשען.

ווען מען רעדט פון „מאָנאָפּאָליזירונג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען", אָדער פון „לוין אַרבייט", האַנדעלט עס זיך אויך וועגען די געגענזייטיגע באַציהונגען פון די מענשען. וואָס באַדייט ווירקליך אָט די „מאָנאָפּאָליזירונג"? זי באַדייט, אַז מענשען אַרבייטען אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַז די, וואָס שאַפען, אַרבייטען מיט פרעמדע פּראָדוקציאָנס־מיטלען; אַז די פּראָדוצירער זיינען אונטערוואָרפען אונטער די באַלעבאַטים פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ד. ה. אונטער די קאַפּיטאַליסטען א. א. וו. קורץ, דאָ האַנדעלט זיך אויך וועגען דעם, אין וואָסערע געגענזייטיגע באַציהונגען עס געפינען זיך די מענשען, ווען זיי אַרבייטען אויס פּראָדוקטען. די דאָזיגע באַציהונגען פון די מענשען צווישען זיך אין דער צייט פון דער פּראָדוקציע, הייסען פּראָדוקציאָנס־באַציהונגען.

ס'איז ניט שווער צו זעהן, אַז די פּראָדוקציאָנס־באַציהונגען זיינען גאָר ניט שטענדיג געווען איינע און די זעלביגע. אמאָל,

שוין לאַנג־לאַנג צוריק האָבען די מענשען געלעבט אין קליינע געמיינדעס. זיי פלעגען געמיינשאַפטליך, חבר'יש ארבייטען (געהן אויף יאַגד, כאַפּען פיש, אויפקלייבען פרוכט און וואָרצלען) און דערנאָך פלעגען זיי דאָס אַלץ טיילען צווישען זיך. דאָס איז איין מין פון פּראָדוקציאָנס־באַציהונגען. שפּעטער, ווען שקלאַפעריי האָט עקזיסטירט, זיינען שוין געווען אנדערע פּראָדוקציאָנס־באַציהונגען. ביים קאַפּיטאַליזם — ווידער אַנדערע, א. א. וו. עס זיינען דאָ, הייסט עס, פאַרשיידענע מינים פּראָדוקציאָנס־באַציהונגען. אָט די מינים פּראָדוקציאָנס־באַציהונגען הייסען די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, אָדער די פּראָדוקציאָנס־פאָרם.

די „קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָנס־באַציהונגען" אָדער, וואָס איז אַלץ איינס, „די קאַפּיטאַליסטישע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט", אָדער „די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָנס־פאָרם" — דאָס זיינען די באַציהונגען צווישען מענשען און דער סחורות־ווירטשאַפט. אָט די באַציהונגען דריקען זיך אויס אין'ם מאָנאָפּאָל, וואָס אַ קליין הייפעל קאַפּיטאַליסטען האָט איבער די פּראָדוקציאָנס־מיטלען און אין דער לוין־ארבייט פון'ם ארבייטער־קלאַס.

5. די עקספּלואַטאַציע פון דער ארבייטס־קראַפט.

עס שטעלט זיך די פראַגע: צוליב וואָס און פאַרוואָס דינגט דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס ארבייטער? יעדער איינער ווייס, אַז די קאַפּיטאַליסטען נעהמען ניט קיין ארבייטער, כדי זיי זאָט צו מאַכען, נאָר כדי ארויסצוקוועטשען פון זיי פּראָפיט. צוליב פּראָפיט בויט דער פאַבריקאַנט זיין פאַבריק, צוליב פּראָפיט דינגט ער ארבייטער, צוליב פּראָפיט שמעקט ער אוים די ערטער, וואו מען קריגט גרעסערע פּרייזען. דער פּראָפיט איז די נשמה פון אַלע זיינע פּלענער. אין דעם שטעקט אויך אַן אינטערעסאַנטער שטריך פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

דאָ פּראָדוצירט דאָך ניט די געזעלשאַפט אַליין דאָס, וואָס ס׳איז פאַר איהר נויטיג און נוצליך, נאָר דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס צווינגט די ארבייטער צו פּראָדוצירען דאָס, פאַר וואָס מען צאָהלט טייערער, פאַרוואָס מ׳קען קריגען *גרעסערע פּראָ־פיטען*. בראַנפען, צ. ב., איז זעהר אַ שעדליכע זאַך, און ספּיריטוס וואָלט מען געדאַרפט פּראָדוצירען בלויז פאַר טעכ־נישע צוועקען און אויף מעדיקאַמענטען. פונדעסטוועגען וואַר־פען זיך די קאַפּיטאַליסטען פון דער גאַנצער וועלט מיט אַזאַ אימפּעט אויסצואַרבייטען בראַנפען. פאַרוואָס? ווייל פונ׳ם פאַלק׳ס שכרות קריגט מען גרויסע פּראָפיטען.

מיר דאַרפען זיך אָבער קלאָר מאַכען, ווי אַזוי ס׳באַקומט זיך דער דאָזיגער פּראָפיט. צוליב דעם מוזען מיר באַטראַכטען די פראַגע אויספיהרליכער. דער קאַפּיטאַליסט באַקומט זיין פּראָפיט אין דער פאָרם פון געלט, ווען ער פאַרקויפט די סחורה, וואָס ווערט אויסגעאַרבייט אויף זיין פאַבריק. וויפיל געלט לייזט ער אויס פאַר זיין סחורה? דאָס הענגט אָפּ פונ׳ם *פּרייז פון דער סחורה*. איצט פרעגט זיך: דורך וואָס ווערט דער דאָזיגער פּרייז באַשטימט? פאַרוואָס שטעהט אויף איין סחורה אַ הויכער פּרייז און אויף דער צווייטער אַ נידריגער? דעם ענטפער אויף אָט דער פראַגע איז ניט שווער צו געפינען, ווען מען גיט נאָר אַ טראַכט, אַז נאָכדעם ווי אין אַ פּראָדוקציאָנס־צווייג ווערען איינגעפיהרט נייע מאַשינען, און די ארבייט ווערט דערביי, ווי מ׳זאָגט, *פּראָדוקטיווער*, ד. ה. מ׳גיט מעהר אַרויס — פאַלען אויך די פּרייזען פון סחורות. פאַרקעהרט, ווען די פּראָדוקציע טרעפט אויף איהר וועג שווער־ריגקייטען און עס ווערען אויסגעאַרבייט ווייניגער סחורות, ווען די ארבייט איז ניט אַזוי ערפאָלגרייך, איז ניט *פּראָדוקטיוו*, דאַן שטייגט דער פּרייז אויף די סחורות*). מוז די געזעלשאַפט

*) מיר ריידען דאָ ניט וועגען דער ענדערונג פון פּרייז אין באַ־צוג צום געלט — צי עס איז פאַראַן אַ סך געלט אָדער ווייניג, צי עס איז פאַראַן גאָלד־געלט אָדער פּאַפּירלאַך. אמת, צוליב׳ן געלט קאָנען די ענדערונג פון די פּרייזען זיין זעהר גרויס. אָבער דאַמאָלסט ווייזען זיך אַרויס די דאָזיגע ענדערונגען פון פּרייזען גלייך אויף *אַלע* סחורות.

דורכשניטליך פארוועגדען אַ סך ארבייט, כדי ארויסצובריינגען אַ שטיק סחורה, — איז דער פרייז אויף דער סחורה אַ הויכער, קומט אוים צו פארווענדען ווייניגער ארבייט — איז איהר פרייז אַ נידעריגער.

די געזעלשאפטליכע ארבייט, וועלכע ווערט פארווענדעט אויף צו שאפען אַ סחורה ביי דער דורכשניטליכער טעכניק (ד. ה. ניט ביי די גאַר גוטע מאַשינען און אויך ניט ביי די ערגסטע מאשינען און געציינג) — באשטימט דעם ווערט אָדער פרייז פון דער דאָזיגער סחורה. איצט זעהען מיר, אַז דער פרייז ווערט באשטימט דורך דעם ווערט. אין דער אמת'ען איז דער פרייז אַמאָל העכער, אמאָל נידריגער פאר דעם ווערט. פונדעסטוועגען קאָנען מיר, פון איינפאכקייט וועגען, אָננעהמען, אַז דאָס איז די זעלבע זאַך.

איצט לאָמיר זיך דערמאָנען, וואָס מיר האָבען גערעדט וועגען געדונגענע ארבייטער. דינגען ארבייטער מיינט קויפען אַ ספעציעלע סחורה, וואָס רופט זיך אָן ארבייטס־קראפט. אזוי ניך ווי די ארבייטס־קראפט איז געוואָרען אַ סחורה, איז שוין פאר איהר גילטיג אַלץ, וואָס עס גילט פאר אַלע אַנדערע סחורות. „האָסטו זיך אַ נאָמען געגעבען שוועמעל, טאָ קריך אין קערבעל“. ווען דער קאפיטאַליסט דינגט דעם ארבייטער, באַצאָהלט ער איהם דעם פרייז פאר זיין אַרבייטס־קראפט (אָדער פון איינפאכקייט וועגען — איהר ווערט). דורך וואָס ווערט דער דאָזיגער ווערט באשטימט? מיר האָבען געזעהן, אַז ביי אַלע סחורות ווערט ער באשטימט פון דער מאָס ארבייט, וואָס ווערט פארוועגדעט אויף דער פראָדוקציע פון די סחורות. און דאָס זעלבע גילט אויך פאר דער סחורה ארבייטס־קראפט.

וואָס אָבער מיינט מען אונטער דער פראָדוקציע פון אַר־בייטס־קראפט? די ארבייטס־קראפט ווערט דאָך ניט פראָדוציערט אין אַ פאַבריק; זי איז ניט קיין לייוועגט, ניט קיין שוה־וואַקס און ניט קיין מאַשין. ווי פארשטעהט מען דאָס פאָרט?

עס איז גענוג צוצוקוקען זיך צו דעם איצטיגען לעבען אונטער דער קאפיטאליסטישער הערשאפט, כדי צו באגרייפען, וועגען וואס עס האנדעלט זיך. לאמיר אננעהמען, אז די ארבייטער האבען נאר וואס געענדיגט זייער ארבייט: זיי זיינען פארמאטערט, מ׳האט פון זיי אויסגעזויגען זייער גאנצען כח, זיי קענען שוין מעהר ניט ארבייטען. זייער ארבייטס־קראפט איז כמעט אויסגעשעפט. וואס איז נויטיג, כדי זיי צוריק אוועקצושטעלען אויף זייערע פיס? אפעסען, אפרוהען, זיך אויסשלאפען, שטארקען דעם ארגאניזם און אזוי ארום „צוריקקריגען די כחות“. ערשט דורכדעם ווערט געשאפען די מעגליכקייט צו ארבייטען, די ארבייטס־פעהיגקייט אדער די ארבייטס־קראפט איז צוריק אויפגעשטעלט. הייסט עס, אז אין עסענוואַרג, קליידער, וואוינונג א. א. וו. — קורץ, אין דער באפרידיגונג פון דעם ארבייטער׳ס באדערפענישען ליגט די פראדוקציע פון דער ארבייטס־קראפט. נאר אהערצו געהען נאך אריין אזעלכע זאכען, ווי אויסגאבען אויף אויסצובילדען די ארבייטער (אויך דאס איז נויטיג), ווען עס האנדעלט זיך וועגען ספעציעל־געלערענטע ארבייטער א. א. וו.

אלץ, וואס דער ארבייטער־קלאס געברויכט, כדי צו באנייען זיין ארבייטס־קראפט, האט א ווערט. הייסט עס, אז דער ווערט פון זאכען, וואס ווערען געברויכט פון ארבייטער, און אויך די אויסגאבען אויף אויסצולערנען איהם, בילדען דעם ווערט פון דער ארבייטס־קראפט. פארשיידענע סחורות האבען פארשיידענע ווערטען. פונקט אזוי האט אויך פארשיידענע ארבייטס־קראפט א פארשיידענעם ווערט. די ארבייטס־קראפט פון א דרוקער האט אן אנדער ווערט ווי די קראפט פון א ניט קוואליפיצירטען ארבייטער.

איצט לאמיר זיך אומקעהרען אין פאבריק. דער קאפיטאליסט קויפט רויה־מאטעריאלען און הייץ־מאטעריאלען פאר דער פאבריק, מאשינען און אויל צו שמירען די מאשינען און אנדערע זאכען, וואס ער באדארף האבען; דאן קויפט ער די ארבייטס־קראפט — „ער דינגט ארבייטער“. פאר אלץ באצאהלט ער

בארעס געלט. עס הויבט זיך אָן די פּראָדוקציע. די ארבייטער ארבייטען, די מאשינען דרעהען זיך, דער הייצונגס־מאטעריאל ברענט אויס, דער אויל ווערט פארנוצט, די פאבריק־געביידע אָפּגענוצט, די ארבייטס־קראפט אויסגעשעפּט. דערפאר אָבער קומט ארויס פון דער פאבריק אַ נייע סחורה. די דאָזיגע סחורה האָט, ווי אַלע אנדערע סחורות, אַ ווערט. ווי גרויס איז, אַלזאָ, דער דאָזיגער ווערט? ערשטענס, האָט אין זיך די סחורה איינ־געזויגען דעם ווערט פון די פארברויכטע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וועלכע זיינען נויטיג געווען, כדי די סחורה צו פּראָדוצירען — רויהע שטאָפען, דאָס פארנוצטע הייץ־מאטעריאל, די אָפּגענוצטע מאשינען־טיילען א. א. וו. דאָס אלץ איז אריין אינ׳ם ווערט פון דער סחורה. צווייטענס, ליגט נאָך דערין די ארבייט פון די ארבייטער. אויב 30 ארבייטער האָבען יעדער איינער גע־ארבייט 30 שטונדען צו שאַפען סחורה, האָען זיי סך־הכל פאר־ווענדעט 900 ארבייטס־שטונדען. דער פולער ווערט פון דער פּראָדוצירטער סחורה וועט אַלזאָ באשטעהן פונ׳ם ווערט פון די פארנוצטע מאטעריאלען (לאָמיר אָננעמען צ. ב. ש., אז דער דאָ־זיגער ווערט מאכט אויס 600 שטונדען), און פונ׳ם נייעם ווערט, וואָס די ארבייטער האָבען דאָ צוגעגעבען דורך זייער ארבייט (900 שטונדען), ד. ה. ער וועט באטרעפען 600 מיט 900 שטונדען, צוזאמען 1,500 שטונדען.

וויפיל קאָסט אָבער דעם קאפּיטאליסט גופא די דאָ־זיגע סחורה? פאר די רויע שטאָפען באצאָהלט ער אינגאנצען, ד. ה. ער באצאָהלט אזוי פיל געלט, וויפיל ס׳באטרעפען לויט זייער ווערט 600 ארבייטס־שטונדען. און פאר דער ארבייטס־קראפט? האָט ער דען באצאָהלט פאר די גאנצע 900 שטונדען? אָט אין דעם ליגט טאקע דער תירוץ אויף די אַלע פראַ־גען. לויט ווי מיר נעהמען אָן, באצאָהלט ער דעם פולען ווערט פון דער ארבייטס־קראפט פאר די טעג פון דער ארבייט. ווען 30 ארבייטער ארבייטען 30 שטונדען — דריי טעג צו 10 שטונדען אַ טאָג — באצאָהלט זיי דער פאבריקאנט אַ סומע, וואָס ס׳איז נויטווענדיג אויף אויפצושטעלען די ארבייטס־קראפט פאר די דאָזיגע טעג. ווי גרויס־זשע איז די

דאַזיגע סומע? דער ענטפער איז קלאָר: זי איז פיל ווינציגער ווי 900. פארוואָס? ווייל יענע מאָס ארבייט, וואָס מען דאַרף האָבען אויף צו דערהאַלטען מיין ארבייטס־קראפט, איז אַ זאַך פאר זיך; און יענע מאָס ארבייט, וואָס איך קאָן לייסטען — איז ווידער אַ זאַך פאר זיך. ארבייטען טעגליך קען איך צ. ב. 10 שטונדען. אויפעסען, אָפּנוצען קליידער א. א. וו. קאָן איך טעגליך ארום און ארום פאר אַ ווערט פון 5 שטונדען. איך קאָן אַלזאָ ארבייטען מעהר, ווי עס איז נויטיג אויף אונטערצו־האַלטען מיין ארבייטס־קראפט. די ארבייטער אין אונזער בייַ־שפּיל פארנוצען לעבענס־מיטלען און קליידער אין די דריי טעג פאר דעם ווערט צ. ב. פון 450 שטונדען. ארבייט אָבער לייס־טען זיי אין ווערט פון 900 שטונדען; 450 שטונדען בלייבען דעם קאפּיטאַליסט. זיי בילדען טאַקע דעם קוואַל פון זיינע פראָפיטען. אין דער ווירקליכקייט קאָסט דעם פאבריקאַנט די סחורה, ווי מיר האָבען געזעהן, 1,050 שטונדען (600 און 450), און פארקויפען פארקויפט ער די סחורה פאר'ן ווערט פון 1500 שטונדען (500 און 900); 450 שטונדען זיינען דער מעהרווערט, וועל־כער ווערט געשאפען דורך דער ארבייטס־קראפט. הייסט עס, אַז אַ העלפט פון דער ארבייטס־צייט (ביי אַ צעהן־שטונדיגען ארבייטס־טאָג — פינף שטונדען) ארבייטען די ארבייטער, כדי צו שאפען צוריק דאָס, וואָס זיי אליין פארברויכען; און די אנדערע העלפט ארבייטען זיי אינגאנצען פאר דעם קאפּיטאַ־ליסט.

לאָמיר איצט אַ קוק טאָן אויף דער גאנצער געזעלשאפט. אונז אינטערעסירט דאָך ניט, וואָס עס טוט אַן איינצעלנער פאבריקאַנט, אָדער אַן איינצעלנער ארבייטער. אונז אינטערע־סירט מעהר, ווי אזוי עס איז איינגעאָרדענט אָט די גיגאנטישע מאשין, וואָס רופט זיך — קאפּיטאַליסטישע געזעלשאפט. דער קאפּיטאַליסטישער קלאַס באַשעפטיגט דעם, לויט זיין צאָהל, אומגעהייער גרויסען ארבייטער־קלאַס. אין מיליאָנען פאבריק־געביידעס, קוילען־גרובען, מעטאַל־גרובען, וועלדער און פעלדער ארבייטען ווי די מוראשקעס הונדערטער מיליאָנען ארבייטער.

דער קאַפּיטאַל צאָהלט זיי אויס שכירות (דעם ווערט פון זייער ארבייטס־קראַפט), וועלכע באַנייען כסדר די דאָזיגע ארבייטס־קראַפט צו גונסטען דעם קאַפּיטאַל, כדי איהם ווייטער צו דינען. אָבער דער ארבייטער־קלאַס באַצאָהלט דורך זיין ארבייט ניט נאָר זיך אליין, נאָר ער שאַפט אויך דעם איינקונפט פון די העכערע קלאַסען. ער שאַפט דעם מערוועָרט. דורך טויזענטער טייכלאַך צופליסט זיך דער דאָזיגער מעהרווערט אין די קעשענעס פון די הערשענדע: אַ טייל קומט אָן דעם קאַפּיטאַליסט אליין — דאָס איז דעם אונטערנעהמער'ס פּראָפיטען; אַ טייל באַקומט דער גוטס־באַזיצער — אלס אייגענטימער פון דער ערד, אָדער באַלעבאָס פון הייזער און לאַנד; אַ טייל קומט אָן אין דער פאָרם פון שטייערען אין די הענט פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה; אַ טייל צו די הענדלער, קרעמער, סוחרים, אין די קירכען, שולען, פּרעהליכע הייזלאך, אַרטיסטען און „קלאָונס", די בורזשואזע שרייבערלאך א. א. וו. אויפ'ן חשבון פון אָט דעם מעהרווערט לעבען אַלע פּאַראַזיטען, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג שאַפט.

נאָר אַ טייל פונ'ם מעהרווערט לעגען די קאַפּיטאַליסטען ווידער אריין אין געשעפט. זיי לעגען איהם צו צו זייער קאַפּיטאַל — דער קאַפּיטאַל פאַרגרעסערט זיך. זיי פאַרברייטערען זייערע אונטערנעמונגען, דינגען אַ גרעסערע צאָהל ארבייטער, פיהרען איין בעסערע מאַשינעס. אַ גרעסערע צאָהל ארבייטער שאַפט פאַר זיי נאָך מעהר מעהרווערט. די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונגען וואַקסען און פאַרגרעסערען זיך ווידער. און אזוי מאַרשירט דער קאַפּיטאַל אַלץ פאָראויס, אָנקלייבענדיג כסדר מעהרווערט. דערמיט, וואָס דער קאַפּיטאַל פּרעסט־ארויס פון דעם ארבייטער־קלאַס מעהרווערט, דערמיט וואָס ער עקספּלואַטירט דעם ארבייטער־קלאַס, וואַקסט ער אַלץ מעהר אין זיין גרויס.

6. דער קאַפּיטאַל.

איצט זעהען מיר דייטליך, וואָס קאַפּיטאַל איז. קודם כל איז דאָס אַ באַשטימטער ווערט, ענטוועדער אין דער פאָרם פון

געלט אָדער מאַשינען, רויה־שטאָף, פאַבריק־געביידעס, אָדער אין דער פאָרם פון פּאַרטיגע סחורות. נאָר דאָס איז אַזאַ ווערט, וואָס דינט צו פּראָדוצירען אַ נייעם ווערט, אויף צו פּראָדוצירען מעהרווערט. **דער קאַפּיטאַל איז אַ ווערט, וואָס פּראָדוצירט מעהרווערט. די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע איז אַ פּראָדוקציע פון'ם מעהרווערט.**

אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט פיגורירען די מאַשינען און פאַבריק־געביידען אַלס קאַפּיטאַל. זיינען אָבער מאַשינען און געביידען שטענדיג קאַפּיטאַל? ס'פאַרשטעהט זיך, אַז ניט. ווען עס וואָלט געווען אַ חבר'שע ווירטשאַפט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, וועלכע וואָלט פּראָדוצירט אַלץ פאַר זיך, וואָלטען דאַן ניט די מאַשינען, ניט דער רויה־מאַטעריאַל ניט געווען קיין קאַפּיטאַל, ווייל זיי וואָלטען דאַן ניט געדינט אַלס מיטעל ארויסצוקוועטשען **פּראָפיטען** פאַר אַ קליין הייפעלע גבירים. הייסט עס, אַז מאַשינען צ. ב. ווערען **נאָר דאַן** קאַפּיטאַל, ווען זיי זיינען דאָס פּריוואַט־אייגענטום פון'ם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס, ווען זיי דינען אַלס מיטעל צו עקספּלואַטירען די לוין־אַרבייט, אויף צו פּראָדוצירען מעהרווערט. דאָ איז ניט וויכטיג די **פאָרם** פון'ם ווערט. דער דאָזיגער ווערט קען זיין אין דער פאָרם פון גאָלדענע מטבעות אָדער פּאַפּיר־געלט, פאַר וועלכע דער קאַפּיטאַליסט קויפט פּראָדוקציאָנס־מיטלען און ארבייטס־קראַפט; דער דאָזיגער ווערט קען זיין אין דער פאָרם פון מאַשינען, אויף וועלכע עס ארבייטען ארבייטער, אָדער אין דער פאָרם פון רויה־מאַטעריאַל, פון וועלכע זיי אַרבייטען אויס סחורות; אָדער אין אַ פאָרם פון אַ פאַרטיגער סחורה, וועלכע וועט שפּעטער פאַרקויפט ווערען. **נאָר ווי באַלד דער דאָזיגער ווערט דינט אויף צו פּראָדוצירען מעהרווערט — איז דאָס קאַפּיטאַל.**

געוועהנליך וואַרפט דער קאַפּיטאַל פון זיך שטענדיג אַראָפּ איין הויט און קריכט אריין אין אַן אַנדערע. לאָמיר אַ קוק טאָן, ווי אַזוי די דאָזיגע ענדערונגען קומען פאָר.

1. דער קאַפּיטאַליסט האָט נאָך ניט איינגעקויפט קיין אַרבייטס־קראַפט, און קיין פּראָדוקציאָנס־מיטלען. ער חלש'ט אָבער דינגען אַרבייטער, זיך צוגרייטען מאַשינען, פאַרזאָרגען זיך מיט רויה־מאַטעריאַל פון בעסטען זאָרט, אויך מיט קוילען אין אַ היבשער מאָס. אָבער דערווייל באַזיצט ער ניט מעהר ווי געלט. דאָ טרעט אַלזאָ אַרויס דער קאַפּיטאַל אין דער פאָרם פון נעלט.

2. מיט דעם דאָזיגען זאַפּאַס געלט לאָזט זיך דער קאַפּי־טאַליסט אַריין (נאַטירליך ניט ער גופא, דערצו איז פאַראַן אַ טעלעפאָן און אַ טעלעגראַף, הונדערטער דינער א. אז. וו.) אויפ'ן מאַרק. דאָ קומט פאָר דער איינקויף פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען און פון אַרבייטס־קראַפט. צוריק אין פאַבריק קעהרט זיך דער קאַפּיטאַליסט אום אָהן געלט, דערפאַר אָבער מיט אַרבייטער, מאַשינען, רויה־מאַטעריאַל און באַהייצונג. די דאָזיגע אַלע זאַ־כען זיינען איצט שוין מעהר ניט קיין סחורות. זיי האָבען אויפגעהערט צו זיין סחורות: זיי ווערען ניט פאַרקויפט ווייטער. דאָס געלט האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין פּראָדוקציאָנס־מיטלען און אין אַרבייטס־קראַפט. זיין געלט האָט פאַרלאָרען דעם פּנים. איצט שטעהט פאַר אונז דער קאַפּיטאַל אין דער פאָרם פון אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל.

נאָכדעם הויבט זיך אָן די אַרבייט. עס באַוועגען זיך די מאַשינען, עס דרעהען זיך די רעדער, עס באַגיסען זיך מיט שווייס די אַרבייטער און אַרבייטערינס. די מאַשינען ווערען אָפּגענוצט, דער רויה־מאַטעריאַל ווערט פאַרווענדעט, די אַר־בייטס־קראַפט ווערט אויסגעשעפּט. דאַמאָלס —

3. פאַרוואַנדלען זיך אַלע רויה־מאַטעריאַלען, אַלע אָפּגע־נוצטע מאַשין־טיילען, די אַרבייטס־קראַפט, וואָס גיט אַרויס די אַרבייט — אַלץ פאַרוואַנדעלט זיך לאַנגזאַם אין קופּעס סחורות. דער קאַפּיטאַל פאַרלירט ווידער זיין פּנים: ער שטעהט שוין ניט פאַר אונז אין דער געשטאַלט פון פאַבריק־זאַכען, נאָר אין דער פאָרם פון סחורות. אָבער דאָ, נאָך דער פּראָדוקציע, האָט דער קאַפּיטאַל ניט גאָר איבערגעביטען זיין גאַנצע הויט —

זיין ווערט איז גרעסער געוואָרען, ווייל בעת דער פּראָדוקציע איז אָנגע־וואַקסען דער מעהרווערט.

4. נאָר דער קאַפּיטאַליסט צווינגט פונדעסטוועגען אויס־צוארבייטען סחורות, ניט פאַר זיך אליין, נאָר פאַר'ן מאַרק, אויף צו פאַרקויפען. דאָס, וואָס ס'האָט זיך אָנגעקליבען אין זיין פאַבריק־לאַגער, מוז פאַרקויפט ווערען. צוערשט איז דער קאַפּיטאַליסט געגאַנגען אויפ'ן מאַרק ווי אַ קויפער. איצט מוז ער געהן ווי אַ פאַרקויפער. צוערשט האָט ער געהאַט מיט זיך געלט און ער האָט געוואָלט באַקומען סחורות (פּראָדוקציאָנס־מיטלען). איצט האָט ער אליין מיט זיך סחורות, און ער וויל באַקומען געלט. ווען די סחורה ווערט פאַרקויפט, בייט דער קאַפּי־טאַל ווידער איבער זיין סחורה־פאָרם אויף אַ געלט־פאָרם. נאָר די סומע געלט, וואָס דער קאַפּיטאַליסט קריגט, אונטערשיידעט זיך פון דער סומע, וועלכע ער האָט פריהער אריינגעלעגט, דערמיט, **וואָס דער קאַפּיטאַל איז געוואָרען גרע־סער אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל עס האָט זיך באַקומען מעהרווערט.**

מיט דעם פאַרענדיגט זיך נאָך ניט די באַוועגונג פון קאַפּי־טאַל. דער פאַרגרעסערטער קאַפּיטאַל ווערט ווידער אריינגע־לעגט אין געשעפט. ער באַקומט נאָך מעהר מעהרווערט. דער דאָזיגער מעהרווערט ווערט טיילווייז צוגעגעבען צום קאַפּיטאַל, און אַזוי הויבט זיך אָן די סדרה פון דאָס ניי א. א. וו. דער קאַפּיטאַל קייקעלט זיך ווי אַ שניי־באַל אַלץ ווייטער און ווייטער און מיט יעדען דרעה קלעפּט זיך צו איהם צו אַלץ אַ גרעסערע מאַסע מעהרווערט. דאָס באַדייט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע פּראָ־דוקציע וואַקסט און פאַרברייטערט זיך.

אָט אַזוי זויגט אויס דער קאַפּיטאַל דעם מעהרווערט פונ'ם אַרבייטער־קלאַס און פאַרשפּרייט זיך אומעטום. זיין שנעלער וואוקס דערקלערט זיך מיט זיינע ספּעציעלע אייגענשאַפטען. האָט דאָך פריהער אויך עקזיסטירט די עקספּלואַטירונג פון איין קלאַס דורך דעם צווייטען. לאָמיר נעהמען, צ. ב., דעם גוטס־באַזיצער אין דער צייט פון לייב־אייגענשאַפט, אָדער דעם

שקלאפּען־אייגענטימער אין אַלטערטום. זיי האָבען פּשוט גע־ריטען אויף זייערע לייב־אייגענע און שקלאפּען. נאָר אַלץ, וואָס יענע האָבען געשאַפען, פלעגען זיי אויפעסען, פאַר׳שיכור׳ן, פאַר־ניצען אָדער אליין, אָדער זייערע הויף־דינער, אָדער די גרעסטע צאָהל פון זייערע טעלער־לעקער. די סחורות־פּראָדוקציע איז געוועזן זעהר שוואך ענטוויקעלט. פ א ר ק ו י פ ע ן איז בכלל ניט געוועזן וואו. הייסט עס, אַז אויב דער גוטס־באזיצער אָדער שקלאַפען־אייגענטימער וואָלט געצוואונגען זיינע שקלאפּען און לייב־אייגענע אויסצוארבייטען גאַנצע בערג ברויט, פלייש, פיש א. א. וו., וואָלט אַלץ פ א ר פ ו י ל ט געוואָרען ביי זיי. דאָ האָט זיך די פּראָדוקציע באַגרענעצט מיט די מאָגען־באדערפעניששען פון דעם גוט־באזיצער און זיין געזינדעל. גאַנץ אַנדערש איז אָבער אונטער׳ן קאפּיטאַליזם. דאָ ווערט ניט פּראָדוצירט בלויז צו באפרידיגען די באדערפעניששען, נאָר אויך צו קריגען פּראָ־פיטען. וואָס מעהר פּראָפיט, אַלץ בעסער. פון דאנען נעהמט זיך ביי דעם קאפּיטאַליסטישען קלאַס אַזא געוואַלטיגע יאָגעניש נאָך פּראָפיטען. דער דאָזיגער דורשט ווייס ניט קיין גרענעצען. ער איז דער אַקס, די וויכטיגסטע ספּרינג־פעדער פון דער קאַפּי־טאַליסטישער פּראָדוקציע.

7. די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג.

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז געבויט, ווי מיר האָ־בען געזעהן, אויף דער עקספּלואַטאַציע פון׳ם ארבייטער־קלאַס. אַ הייפעל מענשען האָט אַלץ; די מעהרהייט ארבייטער האָבען קיין זאַך ניט. די קאַפּיטאַליסטען באַפעהלען און די ארבייטער געהאָרכען. די קאַפּיטאַליסטען עקספּלואַטירען, די ארבייטער ווע־רען עקספּלואַטירט. דער גאַנצער תוך פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער געזעלשאַפט באַשטעהט טאַקע אין אָט־דער אומ׳ברחמנות׳־דיגער, אַלץ גרעסער ווערענדער עקספּלואַטאַציע.

די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע איז אַ שטענדיג ארביי־טענדער פּאָמפּ אויף ארויסצופּאָמפּען מערוועדט. פּרעגט זיך:

ווי אזוי־זשע האַלט זיך ביז אַ געוויסער צייט די דאָזיגע פּאַמפּ?
ווי אזוי טראָגען די ארבייטער איבער אזא לאגע?

ס'איז שווער גלייך צו ענטפערען אויף אַט־דער פראַגע. נאָר אין אַלגעמיין זיינען דערביי דאָ צוויי אורזאַכען. ערשטענס, די אָרגאַניזירטקייט און די מאַכט אין די הענט פון'ם קאַפּיטאַליס־טישען קלאַס; צווייטענס, וואָס די בורזשואזיע באַהערשט אין אַ גרויסער מאָס די מוחות פון'ם ארבייטער־קלאַס.

אַלס זיכערסטער מיטעל אין דעם פּרט דינט דער בורזשואזיע די מלוכה־אָרגאַניזאַציע. אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז די מלוכה ניט קיין אנדער זאַך, ווי אַ פאַרבאַנד פון באַלעבאַטים. לאָמיר נעהמען וואָס פאַר אַ לאַנד איהר ווילט: ענגלאַנד, די פאַראייניגטע שטאַטען, פראַנקרייך אָדער יאַפּאַן. אומעטום זיינען די מיניסטאָרען, די העכערע באַ־אַמטע, די דעפּוטאַטען — די זעלביגע קאַפּיטאַליסטען, גוטבאַזיצער, פאַבריקאַנטען, באַנקירען, אָדער זייערע געטרייע גוט באַצאָהלטע דינער, וואָס זיינען זיי איבערגעגעבען מיט'ן גאַנצען לייב און לעבען. אַדוואָקאַטען, באַנק־דירעקטאָרען, פּראָפעסאָרען, גענעראַלען און גייסטליכע — אָט די דאָזיגע אַלע לייט בילדען דאָס די בורזשואזיע.

די פאַראייניגונג פון די דאָזיגע לייט, וועלכע נעהמט ארום דאָס גאַנצע לאַנד און האַלט עס אין איהרע הענט הייסט מלוכה (שטאַאַט). די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע פון דער בורזשואזיע שטעלט זיך צוויי צילען: ערשטענס — און דאָס איז דער הויפּט ציל — צו דערשטיקען די אומרוהען און אויפשטאַנדען פון די ארבייטער, זיך באַוואָרענען, אַז מ'זאָל קענען רוהיג אויספּרעסען מעהרווערט פון'ם ארביי־טער־קלאַס, און מעגליך מאַכען די באַ־פעסטיגונג פון'ם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אַפּאַראַט; און צווייטענס, צו באַקעמפען אַנדערע עהנליכע אָרגאַ־ניזאַציעס (ד. ה. אַנדערע בורזשואזע מלוכות) צוליב דער חלוקה מיט'ן אויסגעפּרעסטען מעהר־ווערט. דעריבער איז דער קאַפּיטאַליסטישער שטאַט אַ פאַר־

באַנד פון באַלעבאַטים, וואָס פאַרזיכערט די עקספּלואַטאַציע. **די אינטערעסען פון קאַפּיטאַל, און נאָר די אינטערעסען פון קאַפּיטאַל** זיינען דער יסוד פון אַט דעם רויבער־פאַרבאַנד.

געגען אַזאַ קוק אויף דער בורזשואַזער מלוכה קען מען אַרויס־שטעלען אַזאַ מין טענה:

איהר זאָגט, אַז די רעגירונג נעהמט אין אַנבאַטראַכט בלויז די אינטערעסען פונ׳ם קאַפּיטאַל. גיט אָבער אַ קוק: אין אַלע קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער זיינען פאַראַן פאַבריק־געזעצען, דורך וועלכע קינדער־אַרבייט איז באַגרענעצט אָדער אינגאַנצען פאַרבאָטען, דער אַרבייטס־טאָג איז אין פאַרגלייך מיט פריהערדיגע צייטען שטאַרק פאַרקירצט א. אַז. וו. אין דייטשלאַנד צ. ב. איז נאָך אין ווילהעלם דעם צווייטענס צייטען גע־ווען אַ פאַרהעלטניסמעסיג גוטע שטאַטס־אַרבייטס־פאַרזיכערונג; אין ענגלאַנד האָט גראַדע דער בורזשואַזער מיניסטער לאָיד דזשאָרדזש איינ־געפיהרט פענסיעס און פאַרזיכערונג פאַר אַלטע לייט; אין אַלע בורזשואַזע מלוכות בויט מען קראַנקענהייזער, הייל־אַנשטאַלטען און שפּי־טאָלען פאַר אַרבייטער. ס׳ווערען געבויט אייזענבאַנען, מיט וועלכע עס פאָהרען אַלע — סיי רייכע, סיי אָרימע; ס׳ווערען געבויט וואַסער־לייטונגען, ס׳ווערט דורכגעפירט אין די שטעדט קאַנאַליזאַציע א. אַז. וו., מיט וועלכע עס באַנוצען זיך אַלע. אַלזאָ — וועלען אַנדערע זאָגען — אפילו אין לענדער, וואו עס הערשט דער קאַפּיטאַל, האַנדעלט ניט די מלוכה בלויז אין די אינטערעסען פון קאַפּיטאַל, נאָר אויך אין די אינטערעסען פוז די אַרבייטער. זי באַשטראָפט אַפילו אַמאָל די פאַב־ריקאַנטען, אויב זיי זיינען עובר אויף די פאַבריק־געזעצען.

אַזעלכע טענות זיינען ניט ריכטיג, און אָט פאַרוואָס. אמת טאַקע, אַז די בורזשואַזע מאַכט קען אַמאָל אַרויסגעבען געזעצען און פאַר־אָרדנונגען, וועלכע זיינען נוצליך אויך פאַר׳ן אַרבייטער־קלאַס. נאָר דאָס ווערט געטאָן צוליב די אינטערעסען פון דער בורזשואַזיע גופא. און ווירקליך: לאָמיר נעמען דעם ביישפּיל מיט די אייזענבאַנען. אויף די באַנען פאָהרען אויך אַרבייטער. זיי זיינען דאַריבער אויך ניצליך פאַר די אַרבייטער, נאָר בויען בויט מען זיי ניט צוליב די אַרבייטער. די געשעפטסלייט און פאַבריקאַנטען דאַרפען עס האָבען פאַר דעם טראַנספּאָרט פון זייערע סחורות, אויף איבערצופיהרען זייערע משאות, אַריבערצופירען **מיליטער**, איבערצושיקען אַרבייטער א. אַז. וו. דער קאַפּיטאַל דאַרף האָבען אייזענבאַנען — בויט ער זיי און זאָרגט דערביי וועגען זיינע **אייגענע** אינטערעסען. זיי זיינען טאַקע ניצליך אויך פאַר די אַרבייטער, אָבער ניט צוליב דעם בויט מען זיי אין אַ קאַפּיטאַליסטישער מלוכה.

אָדער לאָמיר נעמען דעם סאַניטאַרען צושטאַנד פון די שטעדט, די אַזוי גערופענע „שטאָדטישע איינריכטונג" און די קראַנקענהייזער. דאָ זאָרגט די בורזשואַזיע אויך פאַר די אַרבייטער־קוואַרטאַלען, פונ־דעסטוועגען איז פאַרגלייך מיט די בורזשואַזע קוואַרטאַלען אין צענטער שטאָדט· הערשט אין די אַרבייטער קוואַרטאַלען אויפ׳ן עק שטאָדט שמוץ, חושך, קראַנקהייטען א. אַז. וו. נאָר ע פּ ע ם טוט פונדעסטוועגען די בורזשואַזיע יאָ. פאַרוואָס? ווייל אַנדערש וואָלטען די עפּידעמיעס און קראַנקהייטען צוטראָגען געוואָרען איבער׳ן שטאָדט, און די בור־זשואַזיע אַליין וואָלט דערפון געליטען. דאָ שטרעבען אַלזאָ די בור־זשואַזע מלוכה און איהרע שטאָדטישע אָרגאַנען צו באַוואָרענען די אינ־טערעסען פון דער בורזשואַזיע גופא.

אָדער נאָך אַ ביישפּיל.

אין פראַנקרייך האָבען זיך די אַרבייטער אין די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען געלערענט פון דער בורזשואַזיע צו פאַרקלענערען קינסטליך די צאָהל קינדערגעבורטען. ענטוועדער ס׳ווערען בכלל ניט געבוירען קיין קינדער, אָדער ניט מעהר ווי צוויי. די אַרבייטער ליידען אַזאַ גרויסע נויט, אַז ס׳איז זעהר שווער אָדער כמעט אוממעגליך אויס־צוהאַלטען אַ גרויסע פאַמיליע. דער רעזולטאַט דערפון איז, אַז די באַפעלקערונג פון פראַנקרייך פאַרגרעסערט זיך כמעט גאָרניט. האָט דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע אָנגעהויבען אויסצופעלען ס אָ ל ד אַ־ ט ע ן. מאַכט זי אַ געוואַלט: „די נאַציע געהט אונטער! די דייטשען פאַרמעהרען זיך גיכער ווי מיר! זיי וועלען האָבען מעהר סאָלדאַטען!" אַגב דאַרף מען זאָגע, אַז אפילו די וואס פלעגען אָנקומען אין דער אַרמיי זיינען פון יאָהר צו יאָהר געוואָרען ערגערען סאָרט: קלייננגע־וויקסיגע, שוואַכבריסטיגע, שוואַכע אין כחות. איז די בורזשואַזיע געוואָרען מיט אַמאָל „ברייטהאַרציג"; זי האָט אַליין אָנגעהויבען פאַ־דערען, אַז מען זאָל אַביסעל פאַרבעסערען די לאַגע פונ׳ם אַרבייטער־קלאַס, כדי ער זאָל אַביסעל קומען צו זיך און ברייגגען מעהר קינדער אויף דער וועלט. ווייל אויב מען וועט קוילענען די הון, וועט זי דאָך אויפהערען צו לייגען אייער.

אין אַט די אַלע ביישפּילען נעהמט די בורזשואַזיע אַליין אָן מיטלען, וועלכע זיינען נוצליך פאַר די אַרבייטער. נאָר זי האָט דערביי א י ה ר ע א י י ג ע נ ע אינטערעסען אין זינען. עס טרעפען זיך אויך אַנדערע פאַלען, וואו די דאָזיגע אַלע נוצליכע מיטלען ווערען אָנגענומען דורך דעם בורזשואַזען שטאַט א ו נ ט ע ר׳ן ד ר ו ק פ ו נ׳ם א ר ב י י־ ט ע ר־ק ל אַ ס. אַזעלכע געזעצען זיינען פאַראַן אַ סך. כמעט אַלע פאַבריק־געזעצען זיינען דערגרייכט געוואָרען אויף אַט דעם אופן — דורך דעם דרוק פונ׳ם אַרבייטער־קלאַס. אין ענגלאַנד איז די ערשטע פאַרקירצונג פונ׳ם אַרבייטס־טאָג — ביז 10 שטונדען — דערגרייכט

געוואָרען אונטער'ן דרוק פון די אַרבייטער; אין רוסלאַנד האָט די צאַרישע רעגירונג אַרויסגעגעבען די ערשטע פאַבריק־געזעצען, זייענדיג אָנגעשראָקען פון די אַרבייטער־אומרוהען און סטרייקס. דערביי מאַכט די פיינדליכע צום אַרבייטער־קלאַס מלוכה, אַז די אונטערנעמער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָרגט פאַר איהרע אייגענע אינטערעסען, אַזאַ חשבון: „בעסער אַליין מאַכען הנחות היינט, איידער מאָרגען געהן אויף צוויי מאָל גרעסערע הנחות, אָדער ריזיקירען מיט'ן אייגענעם לעבען". פונקט אַזוי ווי דער פאַבריקאַנט הערט ניט אויף צו זיין אַ פאַבריקאַנט, ווען ער הערט די סטרייקערס אַ פאָר סענט, אַזוי הערט אויך ניט אויף די בורזשואַזע מלוכה אויף אַ האָר צו זיין אַ בורזשואַזע, ווען זי וואַרפט צו אַ ביינדעל, מורא־האָבענדיג פאַר אַרבייטער אומרוהען.

די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג איז ניט נאָר די גרעסטע און מעכטיגסטע אָרגאַניזאַציע פון דער בורזשואַזיע, זי איז אויך גלייכ־צייטיג די סאַמע קאָמפּליצירטע אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָהל אָפּטיילונגען, פון וועלכער עס ציהען זיך פעדים אין אַלע ריכטונגען. און דאָס אַלץ דינט פאַר דעם הויפּט־צוועק: די באַשיצונג, באַפעסטיגונג און פאַרברייטערונג פון דער עקספּלואַטאַציע פונ'ם אַרבייטער־קלאַס. געגען אַרבייטער־קלאַס זיינען פאַראַן מיטלען פון פשוט'ן, גראָבען צוואַנג, און ס'זיינען אויך פאַראַן מיטלען פון גייסטיגער פאַרשקלאַ־פונג. דאָס זיינען טאַקע די וויכטיגסטע אָרגאַנען פון דער קאַפּי־טאַליסטישער מלוכה.

פון די גראָבע צוואַנגס־מיטלען דאַרף מען קודם כל פאַרציי־כענען די אַרמיי, די פּאָליציי און זשאַנ־דאַרמעריע, טורמעס און געריכטען און אויך זייערע הילפס־אָרגאַנען: שפּיאָנען, פּראָוואָקאַטאָרען, אָרגאַניזאַ־ציעס פון סטרייקברעכער, גענגסטערס, א. א. וו.

די אַרמיי איז אין דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה אָרגאַ־ניזירט אויף אַ ספּעציעלען שטייגער. אן דער שפּיץ שטעהט דער אָפיצערען־קאָרפּוס, מענשען מיט „גאָלדענע עפּאָלעטען". זיי ווע־רען גענומען פון די זין פון די פריצים, גוטבאַזיצער, פון דער בור־זשואַזיע, און אין אַ געוויסער מאָס פון דער אינטעליגענץ. דאָס זיינען די ביטערסטע שונאים פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָבען

זיך פון קינדווייז אָן געלערענט אין ספּעציעלע שולען (אין אַלטען רוסלאַנד: אינ'ם קאַדעטען־קאָרפּוס און די יונקער־שולען), ווי אַזוי צו פּאַטשען די סאָלדאַטען, „אָפּהיטען דעם כבוד פון מונדיר", דאָס הייסט, האַלטען אין פולשטענדיגער שקלאַפעריי די סאָלדאַטען און מאַכען זיי פאַר אַ שפּילצייג. און די סאַמע בכבוד'יגע פון דער אַריסטאָקראַטיע און גרויס־בורזשואַזיע זיינען גענעראַלען, אַדמיראַלען, מיט אָרדענס, טשינען און עהרען־בענדער.

די אָפיצערען שטאַמען אויך ניט פון קיין אָרימע לייט. זיי האַלטען אין זייערע הענט די גאַנצע מאַסע סאָלדאַטען און די סאָלדאַטען ווערען אַזוי באַאַרבייט, אַז זיי דערוועגען זיך אפילו ניט צו פרעגען, צוליב וואָס זיי פאַרגיסען זייער בלוט. זיי דאַרפען נאָר „קוקען גלייך מיט ביידע אויגען אויף נאַטשאַלסטוואָ". אַזאַ מין אַרמיי איז קודם כל באַשטימט צו האַלטען אין צוים די אַרבייטער.

אין רוסלאַנד האָט די צאַרישע אַרמיי גאָר אָפט געדינט אַלס מיטעל צו אונטערדריקען די אַרבייטער און פויערים אומרוהען. אין אַלעקסאַנדער דעם צווייטענ'ס צייטען זיינען פאַר דער באַפרייאונג פון די פויערים פאָרגעקומען אַ סך פויערים־אויפשטאַנדען, — זיי זיינען אונטערדריקט געוואָרען דורך דער אַרמיי. אינ'ם יאָהר 1905 זיינען אַרבייטער אין דער צייט פון אויפשטאַנד אין מאָסקווע דערשאָסען געוואָרען דורך דער אַרמיי. די אַרמיי האָט אויסגעפיהרט שטראָף־עקספּעדיציעס אין דער באַלטישער געגענד, אויף קאַווקאַז און סיביר. אין די יאָהרען 1906—1908 האָט זי אונטערדריקט די אויפשטאַנדען פון די פויערים קעגען די פּריצים און באַשיצט דאָס פאַרמעגען פון די פּריצים, א. אַ. וו. אין דער צייט פון קריג זיינען דורך דער אַרמיי דערשאָסען געוואָרען אַרבייטער פון איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק, קאָסטראָמאַ, א. אַ. וו. באַזונדערס גרויזאַם זיינען אומעטום געווען די אָפיצערען און גענעראַלען. אין אויסלאַנד — די זעלבע געשיכטע. אין דייטשלאַנד פלעגט די אַרמיי פון דער קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג אויך אַרויסטרעטען אַלס דער תליון פון די אַרבייטער. דער ערשטער אויפשטאַנד פון די מאַטראָסען איז דערשטיקט געוואָרען דורך דער אַרמיי. די אַרבייטער אויפשטאַנדען אין בערלין, האַמבורג, מינכען און גאַנץ דייטשלאַנד זיינען דערשטיקט געוואָרען דורך דער אַרמיי. אין פראַנקרייך האָט די אַרמיי ניט איין מאָל געשאָסען אין סטרייקער. איצט שיסט מען דאָרט אַרבייטער, רוסישע רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטען. אין ענגלאַנד האָט די אַרמיי אין דער לעצטער צייט פיל מאָל דערטרונקען אין בלוט די אויפשטאַנדען פון די אירלענדישע אַרבייטער, פון די עגיפּטישע האַלב־

שקלאַפען, פון די אינדיער. זי האָט אויך אין ענגלאַנד גופא גע׳רודפ׳ט אַרבייטער־פאַרזאַמלונגען. אין דער ש ו ו י י ץ ווערען ביי יעדען סטרייק מאָביליזירט די קוילען־וואַרפער און די אזוי־גערופענע מיליץ (די שווייצאַרישע ארמיי). ניט איינמאָל האָט די דאָזיגע מיליץ געשאָסען אויף אַרבייטער. אין די פ אַ ר א י י נ י ג ט ע ש ט אַ ט ע ן פון אַמעריקא האָט די ארמיי גאַנץ אָפט פאַרברענט און פאַרגלייכט מיט דער ערד גאַנצע אַרבייטער־שטעדטלאַך (צ. ב. אין דער צייט פון סטרייק אין קאָלאָראַדאָ). די ארמייען פון די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען שטיקען איצט מיט געמיינזאַמע כוחות די אַרבייטער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אין אונגאַרן, אויף די באַלקאַנען און דייטשלאַנד. זיי אונטערדריקען די אויפשטאַנדען איבער דער גאַנצער וועלט.

די פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע. די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג האָט, א חוץ דער געוועהנליכער אַרמיי, נאָך אַן אַרמיי פון אָפּגעקליבענע אויסוואורפען און אַ באַזונדער אויסדרעסירטע מיליטער, ספּעציעל צוגעפּאַסט צום קאַמף געגען די אַרבייטער. אמת, דער צוועק פון די דאָזיגע אַנשטאַלטען (פון דער פּאָליציי, צ. ב.), איז צו פארטיידיגען אויך די „פּערזענליכע זיכערקייט פון די בירגער און זייער פאַרמעגען“; אָבער צו דער זעלבער צייט האַלט זיי אויס די רעגירונג פון קאַפּיטאַליסטען, כדי צו כאַפּען, רודפ׳ן און באַשטראָפען די אומצופרידענע אַרבייטער. אין רוסלאַנד איז די פּאָליציי געווען די זיכערסטע פּאַרטיידיגערין פון דעם גוט־באַזיצער און פון קסר. באַזונדערס ברוטאַל אַרבייט אין אלע לענדער די פּאָליטישע געהיים־פּאָליציי (די באַריהמטע אָכראַנקע אין אַלטען רוסלאַנד) און דער זשאַנדאַרמענקאָרפּוס. צוזאמען מיט זיי אַרבייטען אויך אַ גרויסע צאָהל שפּיאָנען, פּראָוואָקאַטאָרען, סטרייקברעכער, א. ד. ג.

אינטערעסאַנט איז אין דעם פּרט די מיטלען פון דער אַמעריקאנער געהיים־פּאָליציי. זי שטעהט אין פאַרבינדונג מיט אַ גרויסער צאָהל פּריוואטע און האַלב־מלוכה׳שע „דעטעקטיוו־ביוראָס“. די באַריהמטע פּאַסירונגען פון נאַט פּינקערטאָן זיינען אייגענטליך געווען אונטערנעהמונגען געגען די ארבייטער. שפּיאָנען פלעגען אונטערוואַרפען באָמבעס אַרבייטער־פיהרער, פלעגען אויך העצען, אַז מען זאָל הרג׳ענען קאַפּיטאַליסטען, א. אַ. וו. אָט טאקע די זעלבע שפּיאָנען קלייבען צוזאַמען גאַנצע מאַסען סטרייקברעכער (סקעבס) און מחנות באַוואַפענטע גענגסטערס, וועלכע מאָרדען, ווען עס מאכט זיך נאָר, סטרייקענדע אַרבייטער. ס׳איז ניטאָ קיין געמיינסטע זאַך, וואָס אָט־די רוצחים זאָלען ניט אָפּ־

טאָן, זייענדיג אין דינסט פון דער דעמאָקראַטישער רעגירונג פון די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטען.

דער געריכט. דער געריכט אין דער בורזשואזער רע־גירונג איז אַ מיטעל פונ'ם קלאַסען־זעלבסטשוץ פון דער בור־זשואזיע. צום אַלעם ערשטען רעכענט ער זיך אָפּ מיט די, וועלכע דערוואגען זיך צו ווידערשפעניגען דעם קאַפּיטאַליסטישען אייגענ־טום, אָדער די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג. אָט־דער געריכט האָט דאָס פאַר'משפט ליבקנעכט'ען אויף צוואַנגס־ארבייט. ליבקנעכט'ס מערדער ווידער זיינען פריינעשפראָכען גע־וואָרען. די מאכט פון די רעגירונגס־טור־מעס פיהרט אויס די דאָזיגע שטראָף פונקט אזוי ווי די תלינים פון דער בורזשואזער מלוכה. ניט געגען די רייכע, נאָר געגען די אָרימע איז געווענדעט דער שאַרף פון זייער מעסער.

אָט דאָס זיינען די אָפּטיילונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג, אין וועמעס הענט עס געפינען זיך די גראָבע מיטלען אויף צו דערשטיקען דעם ארבייטער־קלאַס.

פון די מיטלען פון גייסטיגער פארקנעכטונג פונ'ם ארבייטער־קלאַס, וואָס געפינען זיך אין די הענט פון דער קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג, דאַרף מען דערמאָנען די דריי הויפּט־מיטלען: 1) די רעגירונגס־שול; 2) די רעגי־רונגס־קירך; 3) די רעגירונגס־פּרעסע, אָדער די פּרעסע, וועלכע ווערט געשטיצט פון דער בורזשואזער רעגירונג.

די בורזשואזיע פארשטעהט גאַנץ גוט, אז נאָר מיט געוואַלד־טאַטען וועט זי די ארבייטער־מאַסען ניט בייקומען. מ'דאַרף זעהן, אז אויך די מוחות פון די ארבייטער־מאַסען זאָלען זיין פון אַלע זייטען ארומגעוועבט מיט אַ דינעם שפּינגעוועב. די בורזשואזע רעגירונג קוקט אויף די ארבייטער ווי אויף ארבייטס־בהמות: מ'דאַרף אַז זיי, אָט די בהמות, זאָלען ארבייטען, אָבער זיך ניט בייסען. דעריבער דאַרף מען זיי ניט נאָר שמייסען און שיסען, ווען זיי בייסען זיך, נאָר מ'דאַרף זיי נאָך דרעסירען, האָמעווען, ווי דאָס טוען ספּעציעלע מענשען אין זאָאָלאָגישע גאָרטענס. פונקט אזוי ער־ציהט אויך דער קאַפּיטאַליסטישער שטאַט אַזעלכע ספּעציאַליסטען

ווי בורזשואַזע לעהרער און פּראָפעסאָרען, גלחים, יעפּיסקאָפּען, בור־זשואַזע שרייבער און צייטונגס־לייט, וועמעס אויפגאבע עס איז אָפּצונאַרען, צו פּאַרדרעהען דעם קאָפּ. נאָך פון דער פריהסטער יוגענד לערנען שוין אָט־די ספּעציאַליסטען די קינדער אין שול צו געהאָרכען דעם קאַפּיטאַל, פּאַראַכטען און האַסען „בונטאָווּר־שטשיקעס"; מ'דערצעהלט די קינדער ניט קיין געשטויגענע באָבע־מעשיות וועגען דער רעוואָלוציע און דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, מ'לויבט קסרים, קעניגע און געשעפטסלייט, א. אַ. וו. די גלחים, וואָס ווערען אויסגעהאַלטען פון דעם שטאַאַט, פּרעדיגען אין די קירכען דעם כלל, אז „עס איז ניטאָ קיין הערשאַפט, וועלכע זאָל ניט זיין פון גאָט"; די בורזשואַזע צייטונגען הערען ניט אויף טאָג־איין, טאָג־אויס צו טרומייטערען אָט דעם בורזשואַזען ליגען (ארבייטער־צייטונגען ווערען געוועהנליך דורך דער קאַפּיטאַליסטי־שער רעגירונג אונטערדריקט). איז דען דעם ארבייטער ביי אַזעלכע אומשטענדען לייכט ארויסצוקריכען פון אָט דעם זומפּ?... אַ דייטשער אימפּעריאַליסטישער רויבער האָט געשריבען: „מיר דאַר־פען ניט נאָר די פיס פון די סאָלדאַטען, נאָר אויך זייער מאָרך און זייערע הערצער". דער בורזשואַזער שטאַאַט שטרעבט טאַקע צו ערציהען דעם ארבייטער־קלאַס פאַר אַ הויז־חיה, וועל־כע זאָל ארבייטען ווי אַ פערד, שאַפען מעהרווערט און זיין שטי־לער ווי וואַסער און נידעריגער ווי גראָז.

אָט אויף אַזאַ אופן באַוואָרענט דער קאַפּיטאַליסטישער שטאַאַט זיין ענטוויקלונג. די עקספּלואַטאַציאָנס־מאַשין באַוועגט זיך. פונ'ם ארבייטער־קלאַס ווערט כסדר ארויסגעפּרעסט מעהרווערט. און די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג שטעהט אויף דער וואַך און פּאַסט אויף, אַז די לוין־שקלאַפען זאָלען זיך ניט בונטעווען.

8. די גרונד־ווידערשפּרוכען פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אָרדנונג.

איצט איז נויטיג צו באַטראַכטען אויף וויפיל די קאַפּיטאַ־ליסטישע בורזשואַזע געזעלשאַפט איז גוט אָדער שלעכט געבוים. יעדע זאַך איז פעסט און גוט נאָר דאַן, ווען איהרע אַלע טיילען

זיינען צוגעפּאסט. לאָמיר נעהמען, צ. ב., אַ זייגער־מעכאַניזם. ער אַרבייט ריכטיג און אָהן אָפּשטעל ערשט דעמאָלט, ווען יעדער צאָהן פון זיינע רעדלאך איז צוגעפּאסט איינער צום אַנדערען.

לאָמיר איצט באַטראַכטען די קאפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט. דאָ וועלען מיר לייכט באַמערקען, אַז די דאָזיגע קאפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז ווייט ניט אַזוי פעסט אויפגעבויט, ווי ס'דאַכט זיך אויס; אין געגענטייל — עס זיינען אין איהר פאַרבאָרגען גאַנץ גרויסע ווידערשפּרוכען און גוואַלדיגע לעכער. קודם כל איז אונ־טער'ן קאפּיטאַליזם ניטאָ קיין אָרגאַניזירטע פּראָ־דוקציע און פּראָדוקטען פּאַרטיילונג, נאָר אַן „אַנאַרכיע” פון דער פּראָדוקציע. וואָס באַדייט עס? עס באַדייט, אַז יעדער קאפּיטאַליסטישער אונטער־נעהמער (אָדער קאפּיטאַליסטען־פאַרבאַנד) אַרבייט אויס סחורות אומאָפּהענגיג איינער פון'ם אַנדערען. ניט די געזעלשאַפט באַ־רעכענט וויפיל און וואָס זי דאַרף האָבען, נאָר פאַבריקאַנטען לאָזען זיך פּראָדוצירען מיט דער איינציגער רעכענונג צו האָבען וואָס מעהר פּראָפיטען און צו קלאַפּען דעם געגנער אויפ'ן מאַרק. דערפאַר פּאַ־סירט פון צייט צו צייט, אַז עס ווערען אָנגעאַרבייט צופיל סחורות (עס האַנדעלט זיך, נאַטירליך, וועגען דער פאַר־מלחמה צייט). די סחורות קאָנען אין ערגעץ ניט אָפּגעזעצט ווערען (די אַרבייטער קאָנען ניט קויפען, ווייל זיי האָבען ניט גענוג געלד). דאַמאָלסט ווערט אַ קריזיס: די פאַבריקען ווערען פאַרמאַכט, די אַר־בייטער אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן גאַס. די אַנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע ברענגט נאָך זיך דעם קאַמף אויפ'ן מאַרק: איינער וויל אַוועקכאַפּען ביים אַנדערען די קונים, איינגעהמען דעם מאַרק. דער דאָזיגער קאַמף נעהמט אָן פאַרשי־דענע געשטאַלטען: ער הויבט זיך אָן מיט'ן קאַמף צווישען צוויי פאַבריקאַנטען פון קאפּיטאַליסטישע מלוכות צוליב'ן איינטיילען זיך מיט די מערק אין דער גאַנצער וועלט. דאָ זעהען מיר, אַז ניט נאָר די באַשטאַנדטיילען פון דער קאפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט ווירקען ניט צוזאַמען איינער מיט די אַנדערע, נאָר עס קומט זאָגאַר פאָר אַ דירעקטער צוזאַמענשטויס צווישען זיי.

די ערשטע גרונד־אורזאַך פון דער

צושרויפטקייט פונ׳ם קאפּיטאַליזם ליגט, אַלזאָ, אין דער אַנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע, וואָס דריקט זיך אויס אין קריזיסען, אין דער קאָנקורענץ און אין מלחמות.

די צווייטע גרונד־אורזאַכע פון דער צושרויפטקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט ליגט אין איהר קלאַסען־סטרוקטור. אין תוך גענומען איז דאָך די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט ניט איינע נאָר צוויי געזעלשאַפטען: די קאַפּיטאַליסטען פון איין זייט, און די ארבייטער און אָרעמע־לייט פון דער אנדער זייט. זיי געפינען זיך אין שטענדיגער פארביטערטער פיינדשאַפט צווישען זיך, וואָס טראָגט דעם נאָמען קלאַסען־קאַמף, וואָס הערט קיינמאָל ניט אויף. דאָ זעהען מיר ווידער, אַז די פאַרשיידענע טיילען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט זיינען ניט נאָר ניט צוגפּעאַסט איינער צום צווייטען, נאָר פאַרקעהרט, צווישען זיי קומען שטענדיג פאָר צוזאַמענשטויסען.

וועט דער קאַפּיטאַליזם פאַלען אָדער ניט? דער ענטפער אויף די דאָזיגע פראַגע הענגט אָפּ אָט פון וואָס: אויב מיר וועלען באַטראַכטען די ענטוויקלונג פונ׳ם קאַפּיטאַליזם, ווי אַזוי ער האָט זיך געענדערט אינ׳ם משך פון דער צייט, און מיר וועלען געפינען, אַז זיין צושרויפטקייט ווערט אַלץ קלענער, דעמאָלט קאָנען מיר איהם ווינשען לאַנגע יאָהרען; וועלען מיר אָבער, פאַרקעהרט, אויסגעפינען, אַז מיט דער צייט וועלען איינצעלנע טיילען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער דרייקען איינער אויפ׳ן צווייטען און זיך פאַנאַנדערפאַלען און די לעבער פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט וועלען זיך אומפאַרמיידליך פאַרוואַנדלען אין אָפּגרונטען, דעמאָלט מעגען מיר זאָגען נאָך איהם קדיש.

עס מוז אַלזאָ באַטראַכט ווערען די פראַגע וועגען דער ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם.

קאפּיטעל ב.

די ענטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליס־טישער געזעלשאַפטס אָרדנונג

9. דער קאַמף צווישען דער קליינער און גרויסער פּראָדוקציע.

(צווישען דעם פּערזענליכען ארבייטענדען אייגענטום און קאפּיטאַ־ליסטישען ארבייטסלאָזען אייגענטום)

א) דער קאמף צווישען דער קליינער און גרויסער פּראָדוקציע אין דער אינדוסטריע.

ניט שטענדיג זיינען געווען גרויסע פאבריקאנטען מיט ריזיגע מאשינען, וואו עס זיינען באשעפטיגט אמאָל איבער צעהן טויזענט ארבייטער. זיי זיינען אויפגעקומען ביסלאכווייז און זיינען אויס־געוואקסען אויף די חורבות פון דער כמעט פארשוואונדענער האנד־ווערקעריי און קליינער אינדוסטריע. כדי צו פארשטעהן, ווי אזוי עס איז דערצו געקומען, מוז מען קודם כל נעהמען אין אנבאטראכט, אז ביי פּריוואט־אייגענטום און אין דער סחורות־ווירטשאפט איז אומפארמיידליך דער קאמף איבער דעם קויפער, די „קאָנקורענץ". ווער זיגט אין דעם דאָזיגען קאמף? דער, וועלכער פארשטעהט ווי אזוי ארייכצוקריגען דעם קויפער צו זיך און אָפּרעדען איהם פון זיין קאָנקורענט (געגנער). אָבער ארייכקריגען דעם קויפער צו זיך איז נאָר מעגליך דורך דעם, וואס מען וועט לאָזען די סחורה פאר א ביליגערען פּרייז. *) ווער קען אָבער פארקויפען צו א ביליגערען פּרייז? אָט די פראַגע דארף טאקע פריהער פאר אַלץ פארענט־פערט ווערען.

*) דאָ האנדעלט זיך, נאטירליך, וועגען דער פאר־מלחמה־צייט. איצט, נאָך דעם גרויסען חורבן, לויפט נאָך ניט דער סוחר דעם קויפער, נאָר פארקעהרט — דער קויפער דעם סוחר.

עס איז קלאָר, אַז דער גרעסערער פאַבריקאַנט קאָן גיכער פאַר־קויפען פאַר אַ ביליגערען פּרייז, ווי דער קליינער פאַבריקאַנט אָדער האַנדווערקער, ווייל איהם מאַכט אויס סחורה ביליגער. די גרויסע פּראָדוקציע האָט אין דער הינזיכט אַ סך מעהר שאַנסען. ער־שטענס דאָס, וואָס דער קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעהמער איז אין דער לאַגע אָוועקצושטעלען בעסערע מאַשינען, באַנוצען בעסערע געצייג און מאַכען בעסערע איינריכטונגען. דער האַנדווערקער, דער קליינער מייסטער שלאָגט זיך דורך מיט מיה און מאַטערניש. ער אַרבייט געוועהנליך מיט מאַשינען, וואָס ווערען געבראַכט אין באַוועגונג מיט'ן האַנט. ער דערוועגט זיך אפילו ניט צו טראַכטען וועגען גוטע, גרויסע מאַשינען, ווייל ער האָט ניט דערצו קיין מיטלען. דער קליינער קאַפּיטאַליסט איז דאָסגלייכען ניט אימשטאַנד איינ־צופיהרען די נייעסטע מאַשינען. וואָס גרעסער די אונטערנעהמונג, אַלץ פּאָלקאָמענער איז אַלזאָ די טעכניק, אַלץ מעהר ערפאָלג־רייך די אַרבייט, אַלץ ביליגער מאַכט דעם אונ־טערנעהמער אויס יעדע שטיק סחורה *)

---

*) אין די גרויסע פאַבריקען פון דייטשלאַנד און אַמעריקא זיינען אַפּילו דאָ אייגענע וויסענשאַפטליכע לאַבאָראַטאָריעס, וואו עס ווערען בסדר ערפונדען נייע פאַרבעסערונגען. אויף אַזאַ אופן ווערט די וויסענ־שאַפט פאַרבונדען מיט דער פּראָדוקציע. די דאָזיגע ערפינדונגען בלייבען אָבער אַ סוד פון דער באַטרעפענדער אונטערנעהמונג און דינען בלויז פאַר איהר. ביי קליין־פּראָדוקציע, האַנד־אַרבייט, גיט ארויס איין און דער זעלבער אַרבייטער כמעט דעם גאַנצען פּראָדוקט. ביי מאַשין־אַרבייט און אַ סך אַנדערע ארבייטען מאַכט איינער נאָר איין טייל פונ'ם פּראָדוקט, דער צווייטער אַן אַנדערען, דער דריטער — אַ דריטען טייל, א. אַ. וו. די אַרבייט געהט דאַן אַ סך גיכער (דאָס הייסט אַרבייטס־צונטיי־לונג). וואָס פאַר אַ מעלה ס'שטעקט אין דעם איז צו זעהן פון אַן אַמעריקאַנער אויספאָרשונג, וואָס איז געמאכט געוואָרען נאָך אין 1898טען יאָהר. אָט זיינען די פאַקטען: אויף אויסאַרבייטען צעהן אַקער־אַיי־זענס דורך האַנט־אַרבייט, האָבען געאַרבייט 2 אַרבייטער, וועלכע האָבען דורכגעמאַכט 11 פאַרשידענע אָפּעראַציעס, האָבען געאַרבייט סך־הכל 1,180 שטונדען און האָבען באַקומען 54 דאלאר. ווען דאָס זעלבע איז געטאָן געוואָרען מיט דער הילף פון מאַשין־אַרבייט: 52 אַרבייטער, 97 אָפּעַ־ראַציעס (מעהר ארבייטער — מעהר פאַרשידענערליי אַרבייטען), געאַרבייט 37 שטונדען מיט 28 מינוט, באַקומען 7.9 דאלאר (הייסט עס, צייט איז

די גרויס־פּראָדוקציע שפּאָרט איין אויף אַלץ: אויף געביידעס, מאַשינען, רוי־מאַטעריאַל, באַלייכטונג און באהייצונג, אַרבייטס־הענט, און נוצט אויס דעם אָפּפאַל א. א. וו. לאָמיר זיך פאָרשטעלען טויזענט קליינע וואַרשטאַטען און איין גרויסע פאַבריק, וואָס אַרבייט אויס אַזוי פיל סחורות, וויפיל אָט די טויזענט וואַר־שטאַטען; אויסבויען איין גרויסען גוטען בנין איז גרינגער ווי טויזענט קליינע; רויה־מאַטעריאַל וועט אין די טויזענט קליינע אַוועקגעהן מעהר (עס וועט געהן אין ניוועץ, וועט קאַליע ווערען א. א. וו.); באַלייכטען און באַהייצען איין גרויסע פאַבריק איז גרינגער, ווי טויזענט קליינע הייזלאַך; אויפראַמען, אויסקעהרען, היטען, רעמאָנטירען א. א. וו. איז אויך גרינגער. מיט איין וואָרט, אין דער גרויס־פּראָדוקציע איז אין אַלץ דאָ, וואָס מען רופט אָן „עקאָנאָמיע", אויף אַלץ שפּאָרט מען איין.

ביים איינקויפען רויה־שטאָפען און אַלץ וואָס ס'איז נויטווענדיג צו דער פּראָדוקציע, געפינט זיך די גרויסע ווירטשאַפט ווידער אין אַ בעסערער לאַגע. איינקויפען אין גרויסע מאַסען קאָסט ביליגער, און די סחורה גופא איז אויך אַ בעסערע; חוץ דעם ווייסט דער גרויסער פאַבריקאַנט בעסער דעם מאַרק, און ווי אַזוי ביליגער צו קויפען. אויך ביים פאַרקויפען די סחורה וועט זיך די קליינע אונ־טערנעהמונג שטענדיג געפינען אין אַן ערגערער לאַגע. דער גרוי־

צוועק אַ סך וועניגער און די אַרבייט האָט געקאָסט אַ סך ביליגער). דאָס אויסאַרבייטונג פון הונדערט רעדלאַך — אַפּאַראַטען פאַר זייגערס. האַנד־אַרבייט: 14 אַר־בייטער, 453 אָפּעראַציעס — 341.866 שטונדען, 80,822 דאָלאַר. מיט מאַ־שינען: 10 אַרבייטער, 1038 אָפּעראַציעס — 8343 שטונדען, 1799 דאָל. די אויסאַרבייטונג פון 500 יאַרד מעסטעל־דיגע שטאָף — האַנד אַרבייט: 3 אַרבייטער, 19 אָפּעראַציעס (פאַר־שידענע אַרבייטען), — 7534 שטונדען, 135.6 דאָלאַר. מאַשין־אַרבייט: 252 אַרבייטער, 43 אָפּעראַציעס — 84 שטונדען, 6.81 דאָלאַר.

אַזעלכע ביישפּילען קען מען ברענגען זעהר פיל. חוץ דעם איז פאַר קליינע אונטערנעהמער און האַנדווערקער איבערהויפּט ניט צו־גענגליך אַ גאַנצע רייהע פּראָדוקציאָנס־צווייגען, וואו עס פאָדערט זיך אַ הויך־ענטוויקעלטע טעכניק, ווי, צ. ב., לאָקאָמאָטיווען, פאַנצער־שיפען, בערג־אינדוסטריע, א. א. וו.

סער באַלעבאָס ווייס קודם כל בעסער, וואו מען קאָן נעהמען גוטע מקחים, וואו מען קאָן טייערער פארקויפען (פאַר דעם צוועק האַלט ער וואָיאַזשאָרען, שטעהט שטענדיג אין באַריהרונג מיט דער בירזשע, וואו עס קומען אָן אַלע ידיעות וועגען דער פאָדערונג אויף פאַרשיידענע סחורות, — —ער האָט פאַרבינדונגען מיט דער גאַנצער וועלט). נאָר חוץ דעם קאָן ער אויך וואַרטען. צ. ב. ווען די פּרייזען אויף זיינע סחורות שטעהען צו נידריג, קאָן ער האַלטען די דאָזיגע סחורות אין לאַגער און אָפּוואַרטען, ביז די פּרייזען וועלען ווידער שטייגען. דאָס קאָן אַ קליינער באַלעבאָס ניט טאָן. יענער לעבט פון דעם וואָס ער פאַרקויפט. האָט ער די סחורות פאַרקויפט, הויבט ער גלייך אָן צו לעבען מיט דעם געלט, וואָס ער האָט באַקומען; קיין איבעריגס האָט ער גאָר ניט. דעריבער מוז ער פאַר יעדען פּרייז פאַרקויפען, אַניט מוז ער הונגערען. ס'איז קלאָר, אז פון דעם אַלץ ליידט ער שטאַרק.

ענדליך פאַרמאָגט די גרויס-פּראָדוקציע נאָך אַ מעלה: אויפ'ן געביט פון קרעדיט. ווען דער גרויס-אונטערנעהמער דאַרף נויטיג האָבען געלט, קען ער אַלע מאָל קריגען צו לייהען. אַ „סאָלידער פירמע” וועט יעדער באַנק שטענדיג לייהען פאַר אַ פאַרהעלטניסמעסיג קליינעם פּראָצענט. פאַרקעהרט, דעם קליינעם מענטשעלע וועט כמעט קיינער נישט טרויען. און טאָמער געפינט זיך יאָ אימיצער, שינדט ער פון איהם אָן אומ'ברחמנות'דיג גרויסען פּראָצענט. אויף אַזאַ אופן פאַלט לייכט אריין דער קליין-אונטערנעהמער אין די הענט פון פּראָצענטניקעס און וואָכערניקעס.

אָט די אַלע בעסערע באַדינגונגען פאַר דער גרויס-ווירטשאַפט ערקלעהרען אונז, פאַר וואָס די קליין-פּראָדוקציע אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט מוז אומפאַרמיידליך אונטערגעהן. דער גרויס-קאַפּיטאַל פאַררוקט דעם קליין-קאַפּיטאַל אין אַ ווינקעל, מאַכט פון איהם אַ תל און פאַרוואַנדעלט זיין באַזיצער אין אַ פּראָלעטאַריער און שלעפּער. ס'פאַרשטעהט זיך, אז דער קליינער באַלעבאָס פּרואווט זיך אָנהאַלטען ביים לעבען. ער קעמפּט מיט זיינע אַלע כחות, אַרבייט אַליין און צווינגט זיינע אַרבייטער צו אַרבייטען איבער זייערע כחות. אָבער ענדליך מוז ער דאָך אָפּטרעטען זיין

פלאַץ פאַר׳ן גרויס־קאַפּיטאַל. אַ סך מאָל מיינען מיר, אַז מיר האָבען כלומרשט צו טאָן מיט אַ זעלבסטשטענדיגען באַלעבאָס. אין דער אמת׳ן אָבער איז ער אינגאַנצען אָפּהענגיג פון׳ם גרויסען קאַפּיטאַליסט. ארבייט פאַקטיש פאַר איהם און קאָן אָהן איהם קיין טריט ניט מאַכען. דער קליינער פּראָדוצירער הענגט אָפּט אויך אָפּ פון׳ם פּראָצענטניק. זיין זעלבסטשטענדיגקייט איז נאָר לפנים וועגען, ווייל פאַקטיש ארבייט ער פאַר דעם דאָזיגען בלוט־זויגער; דאָ הענגט ער אָפּ פון דעם איינקויפער, וועלכער נעהמט אָפּ ביי איהם די סחורה; דאָ פון׳ם געשעפט, פאַר וועלכען ער ארבייט; ער איז בלויז לפנים זעלבסטשטענדיג; פאַקטיש איז פון איהם געוואָרען אַ לוין־ארבייטער ביים קאַפּיטאַליסטישען באַ־לעבאָס. עס פּאַסירט אויך, אַז דער קאַפּיטאַליסט שטעלט איהם אמאָל צו רויה־מאַטעריאַלען און געצייג (אזוי פלעגט דאָס זעהר אָפּט זיין מיט די היים־ארבייטער — קוסטאַרעס); דאָ איז שוין גאַנץ קלאָר, אַז דער קוסטאַר שלעפּט זיך נאָך נאָכ׳ן קאַפּיטאַל. ס׳טרעפען זיך אויך אַנדערע פאָרמען פון אונטערטעניגקייט צום קאַפּיטאַל: ארום די גרויס־אונטערנעהמונגען שאַפען זיך זעהר אָפט קליינע רעפּעראַטור־ווארשטאַטען; אין דעם פאַל זיינען זיי ניט מעהר ווי אַ פּשוט׳ער שרייפעלע אין דעם פאַבריק־מעכאַניזם. און אויך דאָ זיינען זיי לפנים וועגען זעלבסטשטענדיג. מ׳קען אָפּט זעהן רואינירטע קליינע באַלעבאַטים׳לאַך, קליינע בעלי־מלאָכות, קוסטאַרעס, הענדלער. קליינע קאַפּיטאַליסטען ווערען ארויסגע־שטופּט פון איין פּראָדוקציע און האַנדעלס־צווייג — —געהען זיי דאַן אריבער אין אַ צווייטען, וואו דער גרויס־קאַפּיטאַל איז נאָך ניט אזוי שטאַרק. זעהר אָפּט ווערען די בדלות־געוואָרענע באַלע־באַטימלאַך קליינע הענדלער, טרעגער א. א. וו. אָט אזוי שטופּט דער גרויס־קאַפּיטאַל טריט ביי טריט אומעטום ארויס די קליינע פּראָדוקציע. עס וואַקסען קאָלאָסאַלע אונטערנעהמונגען, וואָס צעהלען אָן טויזענטער און אמאָל אפילו צעהנדליגער טויזענטער ארבייטער. דאָס פערזענליכע ארבייטס־אייגענטום ווערט פאַר־שוואונדען. זיין אָרט פאַרנעהמט דאָס קאַפּיטאַליסטישע איי־גענטום.

אַלס ביישפּיל ווי ס׳פאַלט די קליין־פּראָדוקציע אין רוסלאַנד קע־נען דינען די היים־ארבייטער (קוסטאַרניקעס). אַ טייל קוסטאַרני־

קעס האָבען געאַרבייט מיט זייער אייגענעם רוי־מאַטעריאַל (קירזשנער, קאָרב־פלעכטער א. אז. וו.) און פאַרקויפט זייערע סחורות וועמען זיי האָבען געוואָלט. שפּעטער האָט דער קוסטאַר אָנגעהויבען אַרבייטען פאַר איין באַשטימטען (נאָר איין) קאַפּיטאַליסט (די מאָסקווער קירזשנער, די שפּילצייג־מאַכער און בערשטער א .אז. וו.) דערנאָך קריגט ער שוין ביי זיין אַרבייטגעבער רוי־מאַטעריאַל און ווערט באמת פאַרשקלאַפט (די פּאַוולאָווער שלעסער־מאַכער, די בורמאַקינער שלאָסערס) ; ענדליך הויבט ער אָן קריגען פונ'ם אַרבייט־געבער אַרבייט פון שטיק (צ. ב. די טווערער טשוועקעס־שמידען, קומרער שוסטער, ראַגאָזשע מאַכער פון מאַקאַריעוו, מעסער־מאַכער פון פּאַוולאָוו). אין אָט אַזאַ קנעכטשאַפט זיינען אויך אַריינגעפאַלען די האנד־וועבער. אין ענגלאַנד האָט די אָפּשטאַרבענדע קליינפּראָדוקציע געקראָגען דעם נאָמען „שוויץ סיסטעם", אַזוי שווער איז זיך איהר צו האַלטען. אין דייטשלאַנד האָט זיך פון יאָהר 1882 ביז 1895 די צאָל קליינע אונטערנעמונגען פאַרקלענערט אויף 8.6 פּראָ־צענט. די צאָהל מיטעלע (פון 6 ביז 50 אַרבייטער) האָט זיך פאַרגרע־סערט אויף 69.1 פּראָצענט און די צאָהל גרויסע אויף 90 פּראָצענט. פון דאַן אָן איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען אויך אַ היבשע צאָהל מיטעלע אונטערנעמונגען. אין רוסלאַנד האָט די פאַבריק אויך גאַנץ שנעל אַרויסגעשטופּט דעם קוסטאַר. איינע פון די וויכטיגסטע פּראָדוקציאָנס צווייגען איז די טעקסטיל אינדוסטריע (וועבעריי). ווען מיר פאַר־גלייכען, ווי אַזוי ס'האָט זיך געענדערט אין דער באַוועל־אינדוסטריע די צאָהל פון פאַבריק און היים־אַרבייטער, זעהען מיר ווי שנעל די פאַבריק האָט אַרויסגעשטופּט דעם קוסטאַר. אָט זיינען די ציפערען:

די יאָהרען	די צאָהל פאַבר. אַרב.	די צאָהל הויז־אַרב.
1866	94.566	66.178
1879	162.691	50.152
1894—95	242.651	20.475

אין יאָהר 1866 איז אויף יעדע 100 פאַבריק אַרבייטער פון דער באַוועל־אינדוסטריע אויסגעקומען 70, וואָס האָבען געאַרבייט אין דער־היים. אין 1894-95 יאָהרען איז שוין געווען ניט 70 אַזעלכע, נאָר סך הכל 8. אין רוסלאַנד איז דער וואוקס פון דער גרויס אינדוסטריע געווען שטאַרקער אַ דאַנק דעם, וואָס דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל פלעגט פון אָנפאַנג אָן אָרגאַניזירען גרויסע אונטערנעמונגען. שוין אין 1902טען יאָהר איז אין די זעהר גרויסע אונטערנעמונגען געווען פאַרנומען כמעט אַ העלפט (40 פּראָצענט) פון אַלע אינדוסטריע־אַרבייטער.

אין יאָהר 1903 האָט די צאָהל פאַבריקען, אויף וועלכע עס האָבען

געאַרבייט מעהר ווי 100 אַרבייטער, אויסגעמאַכט אין אייראָפּייאישען רוסלאַנד 17 פּראָצענט פון אַלע פאַבריקען און זאַוואָדען אָון האָבען באַשעפטיגט 76.6 פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָהל אינדוסטריעלע אַר־בייטער.

דער זיג פון דער גרויס־פּראָדוקציע אין אַלע לענדער געהט האַנט אין האַנט מיט די ליידען פון די קליינע פּראָדוצירער. אָפּטמאָל שטאַר־בען אָפּ גאַנצע געגענדען און פאַכען (צ. ב. שלעזישע וועבער אין דייטש־לאַנד, די וועבער אין אינדיען א. אז. וו.).

ב) דער קאַמף צווישען קליין און גרויס פּראָדוקציע אין דער לאַנדווירטשאַפט.

דער זעלבער קאַמף, וועלכער קומט פאָר צווישען דער קליין־און גרויס־פּראָדוקציע, קומט ביים קאַפּיטאַליזם אויך פאָר אין דער לאַנדווירטשאַפט. דער גוטבאַזיצער, וועלכער פיהרט זיין ווירטשאַפט אַזוי ווי דער פאַבריקאַנט פיהרט זיין פאַבריק, דער גרויסער פויער־פּראָצענטניק (קולאַק), דער מיטעלער פויער, די דאָרפישע אָרימע לייט, וועלכע אַרבייטען נאָך גאַנץ אָפט אונ־טער אָן אַ זייט ביים גוטבאַזיצער אָדער ביים גרויסען פויער, און די דאָרפישע אַרבייטער — דאָס איז אַלץ פונקט דאָס אייגענע ווי אין דער אינדוסטריע: דער גרויסער קאַפּיטאַליסט, דער מי־טעלער פאַבריקאַנט, דער האַנדווערקער, דער היים־ און לוין־אַר־בייטער. אויך אין דאָרף, פונקט ווי אין שטאָדט, זיינען די גרוי־סע גיטער בעסער אוועקגעשטעלט ווי די קליינע.

דער גרויסער באַלעבאָס קען איינפירען אַ ג ו ט ע ט ע כ־נ י ק, לאַנדווירטשאַפטליכע מאַשינען (עלעקטרישע פלוגען, דאַמפּף־פלוגען, שנייד־מאַשינען, דאַמפּף־דרעש־מאַשינען, א. א. וו.) דער קליינער לאַנדווירט און פויער קאָן מייסטען ניט צוקומען צו אַזעלכע לאַנדווירטשאַפטליכע מאַשינען. פונקט ווי עס האָט ניט קיין זינען אַוועקצושטעלען אין אַ קליינעם וואַרשטאַט פון אַ האַנד־ווערקער אַ טייערע מאַשין (אַגב האָט ער קיין געלט ניט מיט וואָס די מאַשין צו קויפען, און זי וואָלט זיך אויך ניט באַ־צאָהלען), פונקט אַזוי קאָן אויך דער פויער ניט קויפען פאַר זיך קיין דאַמפּף־אַקער־אייזען; כדי אַזאַ סאָלידע מאַשין זאָל זיך

אפצאהלען, דארף מען האבען א סך לאנד, אבער ניט אזא שטי־קעלע ערד, וואו עס קען זיך קוים א הון פיטערען.

די פולשטענדיגע אויסנוצונג פון מאשינען און געצייג הענגט אפ פון דער גרויס פון דער ווירטשאפט. א פערד־אקעראייזען ווערט ווי ס'באדארף צו זיין אויסגענוצט אויף א פלאץ פון 30 העקטאר (1 העק־טאר איז 3 און ניין צענטעל דעסיאטין); א זיי־מאשין, שנייד־ און דרעש־מאשין ביי 70 העקטאר; א דאמף־דרעש־מאשין — ביי 250, א דאמף־פלוג — ביי 1000 העקטאר. אין דער לעצטער צייט ווערען באנוצט פאר לאנד־ארבייט עלעקטרישע מאשינען; זיי קענען אבער באנוצט ווערען אויך בלויז אין א גרויסער ווירטשאפט.

דאס באוואסערען, דאס אויסטריקענען פון זומפען און דרע־נאזש (דורכפיהרען ליימענע רעהרען, כדי אפצוציהען דאס אי־בעריגע וואסער), דאס דורכפיהרען פעלד־אייזענבאהנען און דאס גלייכען — דאס אלעס קען זיך ערלויבען בלויז א רייכער בא־לעבאס. א גרויסע ווירטשאפט שפארט איין, פונקט אזוי ווי אין דער אינדוסטריע, אויף געצייג, מאטעריאלען, ארבייטס־קראפט, באהייצונג, באלייכטונג, א. א. וו.

אין א גרויסער ווירטשאפט וועט אויף יעדען דעסיאטין אויסקומען ווייניגער גרענעץ־שטעגען, ווייניגער אפצוצאמען, ווייניגער פארקאנעס. עס וועט אויך ווייניגער פארפאלען געהן זאט, וועלכע פאלען געוועהנליך הינטער דער גרענעץ־שטעג.

פונקט אזוי קען א גרויסער אייגענטימער דינגען אגראנא־מען און פיהרען זיין ווירטשאפט אויפ'ן בעסטען אופן, לויט די נייעסטע כללים פון וויסענשאפט.

אויפ'ן געביט פון ה א נ ד ע ל א ו ן ק ר ע ד י ט קומט פאר דאס זעלבע, וואס אין דער אינדוסטריע. א גרויסער אונטערנעהמער קאן בעסער דעם מארק. ער קען אפווארטען, ער קויפט איין ביליגער אלץ, וואס ס'איז נויטיג, און ווייסט ווי טייערער צו פארקויפען. דער קליינער באלעבאס האט נאר איין אויסוועג — ארבייטען, אנשטרענגענדיג אלע זיינע כחות. נאר א דאנק אט־דער א נ ג ע ש ט ר ע נ ג ט ע ר א ר ב י י ט, אויך א דאנק דער פארקלענערונג פון די באדערפענישען, א דאנק דעם ניט־דערעסען, האלט זיך די קליינע לאנדווירטשאפט. נאר אויף אזא אופן קען זי זיך אנהאלטען ביי דער הערשאפט פונ'ם

קאפיטאליזם. חוץ דעם ווערט נאך די קליינע ווירטשאפט אונטערגעגראבען פון די גרויסע ש ט י י ע ר ע ן. דער קאפיטאליסטישער שטאט ווארפט נאך ארויף אויף די קליינע ווירטשאפט אן אומגעהויער שווערע לאסט: ס'איז גענוג צו דערמאנען, וואס פאר א באדײַטונג די צארישע נאלאגען האבען געהאט פאר די פויערים — „פארקויף אלץ, וואס דו האסט, נאר טראג אריין די אפצאהלונגען".

אין אלגעמיין קאן מען זאגען, אז אין לאנדווירטשאפט איז די קליינפראדוקציע לעבענס־פעהיגער, ווי אין דער אינדוסטריע. די האנדווערקער און קליינע אונטערנעהמער אין די שטעדט געהען גאנץ גיך אונטער און די פויערשע ווירטשאפט אין די דערפער האלט זיך אין אלע לענדער אביסעל פעסטער. נאר אויך דא קומט פאר די פארארעמטקייט פון דעם גרעסטען טייל, נישטמעהר עס ווארפט זיך ניט אזוי אין די אויגען. אמאל דוכט זיך, אז די ווירטשאפט איז גאר ניט אזוי גרויס לויט דעם שטיק ערד, וואס זי פארנעהמט. אבער פאקטיש איז זי יא א גרויסע, ווייל ס'ליגט אין איהר אריינגעלעגט א שעהנער קאפיטאל און זי האלט א היבש ביסעל געדונגענע ארבייטער (צ .ב., די גערטנער נאהענט צו די גרויסע שטעדט). אמאל, פארקעהרט, דוכט זיך, אז מיר האבען צו טאן מיט א סך גאנץ זעלבסטשטענדיגע קליינע לאנד־ווירטשאפטען. אין דער ווירקליכקייט זיינען די באלעבאטימלאך כמעט ניט מעהר ווי לוין־ארבייטער: זיי געהען זיך פארדינגען אויפ'ן שכנ'ישען גוט, אדער געהען אוועק אויף סעזאן־ארבייט, אדער געהען אין שטאדט אויף ארבייט. אין אלע לענדער קומט פאר מיט די פויערים דאס זעלבע, וואס מיט די האנדווערקער און קוסטארעס. א קליינער טייל פון זיי ווערט פראצענטניקעס, בלוטזויגער; די איבעריגע מאטערען זיך ווי עס איז דורך אדער געהען איינגאנצען צו גרונד, פארקויפען זייער קוה, זייער פערדעל און בלייבען באלעבאטים אהן א לעבעדיגען אינווענטאר. שפעטער קומט אויך א סוף צו זייער ערד־נחלה — און זיי געהען אוועק אדער אין שטאדט אדער ווערען דארפישע ארבייטער. דער וואס האט ניט קיין אייגען פערד, פארוואנדעלט זיך אין א ל ו י ן ־ א ר ב י י ט ע ר; דער בלוט־זויגער־

פּראָצענטניק פאַרוואַנדעלט זיך אין א גוטבאַזיצער אָדער אין א קאַפּיטאַליסט.

אַט אַזוי געפינט זיך אין דער לאַנדווירטשאַפט א מאַסע ערד, כלים, מאַשינען, בהמות אינ׳ם באַזיץ פון א קליין הייפעל פון די גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע גוטבאַזיצער, און מיליאָנען אַרבייטער אַרבייטען פאַר זיי, מיליאָנען פּויערים זיינען פון זיי אָפּהענגיג.

אין אַמעריקאַ, וואו דער קאַפּיטאַל איז אַם שטאַרקסטען אַנטוויקעלט, זיינען דאָ גרויסע גיטער, אויף וועלכע עס ווערט געאַרבייט ווי אין אַ פאַבריק. אַזוי ווי אין די פאַבריקען ווערט אויך דאָ פּראָדוצירט בלויז אַ באַשטימטער פּראָדוקט. עס זיינען דאָ גרויסע פעלדער, וועלכע זיינען באַשטימט בלויז פאַר רויטע יאַגדעס אָדער פאַר פרוכט־בוימער; ווייטער זיינען פאַראַן ספּעציעלע גיטער, וואו מען האָדעוועט נאָר עופות; דאָר־טען, וואו עס ווערט פאַרזייט ווייץ, אַרבייט מען מיט מאַשינען. אַ סך לאַנדווירטשאַפטליכע צווייגען זיינען פאַראייניגט אין עטליכע הענט. אַזוי איז, צ. ב., דאָ אַ קעניג פון „יונגע הינדלאַך" (אַ קאַפּיטאַליסט, וואָס אין זיינע הענט איז קאָנצענטרירט כמעט די גאַנצע פּראָדוקציע פון יונגע הינדלאַך), א „קעניג פון אייער", א. אַ. וו.

10. די אָפּהענגיגקייט פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, די רעזערוו־אַרמיי, די פרויען און קינדער־אַרבייט

אַלץ גרעסערע און גרעסערע פאָלקס־מאַסען ווערען ביים קאַפּיטאַליזם פאַרוואַנדעלט אין לוין־אַרבייטער. די רואינירטע האַנדווערקער, קוסטאַרעס, פּויערים, הענדלער, מיטעלע קאַפּיטאַ־ליסטען, וואָס זיינען בדלות געוואָרען — קורץ, אַלע וואָס ווערען אַרויסגשליידערט פון לעבען, אַלע וואָס ווערען דערשלאָגען פון גרויס־קאַפּיטאַל, פאַלען אַריין אין די רייהען פון פּראָלעטאַריאַט. אין דערזעלבער צייט, וואָס די רייכטימער ווערען קאָנצענטרירט אין די הענט פון א הייפעל קאַפּיטאַליסטען, ווערען די פאָלקס־מאַסען אַלץ מעהר פאַרוואַנדעלט אין לוין־שקלאַפען.

צוליב דעם, וואָס דער מיטעלער קלאַס ווערט נאָכאַנאַנד

רואינירט, ווערט די צאָהל ארבייטער שטענדיג גרעסער ווי עס פאָדערט דער קאפּיטאל. דורך דעם בינדט דער קאפּיטאל צו זיך צו דעם ארבייטער. ער מוז ארבייטען פאר'ן קאפּיטאליסט, וויל ער ניט, — וועלען זיך געפינען הונדערטער אנדערע.

די דאָזיגע אָפּהענגיגקייט פונ'ם קאפּיטאל ווערט נאָך שטאר־קער ניט בלויז דורכדעם, וואָס עס ווערען רואינירט אלץ נייע באפעלקערונגס־שיכטען. די הערשאפט פונ'ם קאפּיטאל איבער'ן ארבייטער־קלאס ווערט נאָך שטענדיג גרעסער דורכדעם, וואָס דער קאפּיטאל ווארפט כסדר ארויס אויפ'ן גאס די ארבייטער, וועלכע זיינען פאר איהם איבעריג — און פון זיי שאפט ער פאר זיך א רעזערוו פון ארבייטס־קראפט. ווי אזוי קומט דאָס פאָר? אָט ווי אזוי. מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, אז יעדער קאַ־פּיטאליסט שטרעבט צו פארקלענערען זיינע אויסגאבען אויף סחורות. און טאקע צוליב דעם ווערען איינגעפיהרט אלץ נייע און נייע מאשינען. א מאשין פארנעמט געוועהנליך דעם אָרט פון ארבייטער. זי מאכט א טייל ארבייטער פאר איבעריג. ווערט נאָר איינגעפיהרט א נייע מאשין, הייסט דאָס, אז א טייל ארבייטער ווערט אָפּגעשאפט. די ארבייטער, וועלכע זיינען געווען פארנומען אין דער פאבריק, זיינען פארוואנדעלט געווארען אין ארבייטסלאָזע. און אזוי ווי נייע מאשינען ווערען שטענדיג איינגעפיהרט דאָ אין איינעם, דאָ אין א צווייטען, דאָ אין א דריטען אינדוסטריע־צווייג, — איז קלאָר, אז די ארבייטס־לאָזיגקייט מוז ביים קאפּיטאליזם שטענ־דיג עקזיסטירען. דער קאפּיטאליסט זאָרגט דאָך ניט וועגען דעם, אז אלע זאָלען האָבען ארבייט, אָדער, אז אלע זאָלען זיין באזאָרגט מיט סחורות. ער זאָרגט דאָך נאָר וועגען דעם, ווי אזוי ארויסצוקוועטשען וואָס מעהר ריוח. און ס'איז פארשטענדליך, אז ער ווארפט ארויס אויפ'ן גאס די ארבייטער, וועלכע קענען איהם שוין מעהר ניט ברענגען אזעלכע פּראָפיטען, ווי פריהער.

און מיר זעהען טאקע, אז אין אלע קאפּיטאליסטישע לענדער איז אין די גרויסע שטעדט שטענדיג פאראן א גרויסע צאָהל ארבייטסלאָזע. דאָ זיינען פאראן כינעזישע אָדער יאפּאנישע

ארבייטער, וועלכע שטאמען פון רואינירטע פויערים־שיכטען און זיינען געקומען פון ווייטע מדינות זוכען עפעס וואס צו פארדינען; יונגע פויערים פון דארף, וואס זיינען נאר וואס געקומען אין שטאדט, געוועזענע קרעמער, האנדווערקער. מיר געפינען דא אויך מעטאל־ארבייטער, דרוקער און וועבער, וועלכע האבען יאהרענלאנג געארבייט אין פאבריקען און זיינען ארויסגעווארפען געווארען פון דארטען, ווייל מ'האט איינגעפיהרט נייע מאשינען. די אלע צוזאמען בילדען א רעזערוו פון ארבייטס־קראפט פאר'ן קאפיטאל — אדער, ווי מארקס האט דאס אנגערופען — ד י א י נ ד ו ס ט ר י ע ל ע ר ע ז ע ר ו ו ־ א ר מ י י. די עקזיסטענץ פון א רעזערוו־ארמיי, די שטענדיגע ארבייטסלאזיגקייט — דאס גיט די קאפיטאליסטען די מעגליכקייט צו פארשטארקען די אפהענגיגקייט און אונטערדריקונג פון ארבייטער קלאס. פון איין טייל ארבייטער זויגט דער קאפיטאל אויס מיט דער הילף פון מאשינען מעהר גאלד־זאפט ווי פריהער. דערפאר ווערען די אנדערע ארויסגעווארפען אויפ'ן גאס. נאר זייענדיג ארויסגעווארפען אויפ'ן גאס, דינען זיי אין די הענט פונ'ם קאפיטאליסט ווי א בייטש, מיט וועלכען ער טרייבט אונטער די פארבליבענע אין פאבריק.

די אינדוסטריעלע רעזערוו־ארמיי גיט ביישפילען פון פולשטענדיגער פארווילדערטקייט, פאראָרימטקייט, הונגער, אויסשטארבונג, פארברעכענס. אפילו די, וואס קענען א לאנגע צייט קיין ארבייט ניט געפינען, ווערען ביסלעכווייז שיכורים, פארוואנדלען זיך אין בעטלער און שלעפער, א א. וו. אין די גרויסע שטעדט ווי לאנדאן, ניו יארק, האמבורג, בערלין, פאריז — זיינען פאראן גאנצע קווארטאלען באזעצט מיט אזעלכע ארבייטסלאזע. אין מאסקווע קען דינען אלס א ביישפיל דער כיטראָוו־מארק. דא ווערט, אנשטאט א פראלעטאריאט, אויסגעבילדעט א נייער שיכט, וואס האט זיך שוין אפגעוואוינט פון ארבייט. דאס דאזיגע קינד פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט הייסט לומפען־פראלעטאריאט.

די איינפיהרונג פון מאשינען האט אויך געבראכט מיט זיך פ ר ו י ע ן ־ א ו ן ק י נ ד ע ר ־ א ר ב י י ט, וועלכע קאסט ביליגער און לוינט דעריבער פאר'ן קאפיטאליסט בעסער. פריהער, איידער עס זיינען געווען מאשינען, האט מען געמוזט זיין ספעציעל געניט אין דער ארבייט. אפטמאל האט מען זי זאגאר געמוזט א לאנגע צייט לערנען. אויף מאנכע מאשינען

קען אָבער אפילו ארבייטען א קליין קינד: מען דארף ניט טאָן קיין אנדער זאך ווי נאָר הויבען די האנט, אָדער א פוס, ביז עס ווערט אזש ניט גוט. דאָס איז די אורזאך פארוואָס נאָך דער ערפינדונג פון מאשינען איז אזוי שטארק פארשפרייט געווארען פרויען־ און קינדער־ארבייט. חוץ דעם קענען נאָך פרויען און קינדער ניט ארויסווייזען אזא ווידערשטאנד, ווי מענער ארבייטער. זיי זיינען מעהר נאָכגיביג, מעהר נידערשלאָגען, זיינען מעהר איינגעגלויבט אין גלחים און אין אלץ, וואָס „גרויסע לייט" (נאַטשאַלסטוואָ) זאָגען. דאריבער פארבייט אָפט דער פאבריקאנט די מענער אויף פרויען און צווינגט קליינע קינדערלאך צו פארוואנדלען זייער בלוט אין גאָלדענע מטבעות פון פראָפיט.

אין יאָהר 1913 איז די צאָהל פרויען אַרבייטערינס געוועזן: אין פראַנקרייך — 6,800,000, אין דייטשלאַנד — 9,400,000, אין עסטרייך־אונגאַרן — 8,200,000, אין איטאַליען — 5,700,000, אין בעלגיען — 930,000, אין די פאראייניגטע שטאַאטען — 8,000,000, אין ענגלאַנד — 6,000,000. אין ר ו ס ל אַ נ ד איז די צאָהל פרויען־אַרבייטער די לעצטע צייט שטאַרק געוואקסען. אין 1900 האָט די צאָהל אַרבייטענדע פרויען באַטראָפען 25 פראָצענט (אַ פערטעל) פון אַלע פאַבריק־אַרבייטער און ארבייטערינס. אין 1908 — 31 פראָצענט, ד. ה., כמעט אַ דריטעל. אין 1912 — 45 פראָצענט; אין עטליכע פראָדוקציאָנס־צווייגען זיינען די פרויען אין דער מעהרהייט. אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, צ. ב., זיינען געוועזן אין 1912 פון 870,000 באַשעפטיגטע 435,000 פרויען, ד. ה., מעהר ווי אַ העלפט (העכער 52 פראָצענט). אין די קריגס־יאָהרען איז די צאָהל אַרבייטענדע פרויען געוואקסען אין אַן אומגעהויערער מאָס. וואָס איז שייך קינדער־אַרבייט, בליט זי אין אַ סך געגענדען — ניט־קוקענדיג אויפ'ן פארבאָט. אין דעם סאַמע ענטוויקעלטסטען לאַנד פון דער וועלט — אַמעריקע — קען מען באַגעגענען קינדער־אַרבייטער אויף יעדען שריט און טריט.

דאָס פיהרט צו דער צופאַלונג פון דער ארבייטער פאמיליע. וואָס פאר א פאמיליען לעבען קען שוין זיין, אז אי די פרוי, און אָפטמאָל אויך דאָס קינד זיינען אין דער פאבריק!

איז די פרוי נאָר אריינגעפאלען אין פאבריק, איז זי נאָר געוואָרען אן ארבייטערין, קומט איהר שוין אויך אויס, ווי די מענער ארבייטער, פון צייט צו צייט צו ליידען פון אלע צרות פון דער ארבייטסלאָזיגקייט. אויך זי ווארפט דער קאפיטאליסט ארויס הינטערן' טיר; אויך זי פאלט אריין אין די רייהען פון דער

אינדוסטריעלער רעזערוו־ארמיי; אויך זי קאן, ווי דער מאן, פאלען מאראליש ביז צום סאמע גרונד. אין צוזאמענהאנג מיט דעם ענטוויקעלט זיך די פראסטיטוציע, וואו די פרויען פארקויפען זיך אויף די גאסען צום ערשטען בעסטען. ניטא וואס צו עסען, קיין ארבייט איז ניטא; און טאמער איז שוין יא פאראן ארבייט, איז אפט דער לוין אזא קלאגעדיגער, אז זי מוז פארדינען פון א זייט דורך דעם, וואס זי פארקויפט איהר קערפער. די נייע „פראפעסיע" ווערט מיט דער צייט א געוואוינהייט און אזוי שאפט זיך דער שיכט פון פראפעסיאנעלע פראסטיטוטקעס.

אין די גרויסע שטעדט בילדען די פראסטיטוטקעס א גאנץ באדייטענדע צאהל. אין אזעלכע שטעדט ווי האמבורג און לאנדאן זיינען דא אט־די אומגליקליכע אין די צעהנדליגער טויזענדער. דער קאפיטאל שאפט פון זיי פאר זיך א קוואל פון פראפיט און רייכטום, אייגארדענדיג גרויסע קאפיטאליסטיש־ארגאניזירטע „פרעהליכע הייזער". ס'עקזיסטירט א ברייטער אינטערנאציאנאלער האנדעל מיט ווייסע שקלאפינס. די צענטרען פון דעם דאזיגען האנדעל זיינען געוועזן די שטעדט אין ארגענטינע (אין דורם־אמעריקא). באזונדערס עקעלהאפט איז די ק י נ ד ע ר־פראסטיטוציע, וועלכע בליט אין אלע אייראפעאישע און אמעריקאנישע שטעדט.

אויף אזא אופן, וואס מעהר ס'ווערען אין די קאפיטאליסטישע לענדער ערפונדען אלץ בעסערע און בעסערע מאשינען, וואס מעהר ס'ווערען געבויט אלץ גרעסערע און גרעסערע פאבריקען, וואס מעהר ס'וואקסט די צאהל סחורות, אלץ גרעסער ווערט דער דרוק פונ'ם קאפיטאל, די ארימקייט און ליידען פון דער אינדוסטריעלער רעזערוו־ארמיי, די אפהענגיגקייט פון דעם ארבייטער קלאס פון זיינע עקספלואטאטארען.

ווען קיין פריוואט־אייגענטום וואלט ניט געוועזן, ווען אלץ וואלט אויסגענוצט געווארען אויף א חבר'שען אופן, וואלט גאר אנדערש געוועזן. מענשען וואלטען דאן פשוט פארקירצט דעם ארבייטס־טאג, זיי וואלטען געשאנעוועט זייערע כוחות, זיי וואלטען איינגעשפארט זייער ארבייט, זיי וואלטען געזארגט וועגן אפרוה. ווען דער קאפיטאליסט פיהרט אבער איין מאשינען, ז א ר ג ט ע ר ו ו ע ג ע ן ר י ו ח: איהם לוינט ניט צו פארקירצען דעם ארבייטס־טאג; ער וועט דערפון בלויז פארלירען. אונטער

דער הערשאפט פון קאפיטאל באפרייט ניט די מאשין דעם מענש, נאָר פארשקלאפט איהם.

מיט דער ענטוויקלונג פונ'ם קאפיטאליזם ווערט אלץ א גרעסערער טייל קאפיטאל פארוועגדט אויף מאשינען, אפאראַטען, פארשיידענע איינריכטונגען, גיגאנטישע פאבריק־געביידעס, קאלאסאלע שמעלץ־אויוענס, א. אז. וו. און דערביי ווערט אלץ א קלענערער טייל קאפיטאל באשטימט אויף לוין פאר ארבייטער. פריהער, ביי דער האנט־ארבייט, זיינען די אויסגאבען אויף געצייג געוועזן זעהר קליין; כמעט דער גאנצער קאפיטאל איז אוועק אויף לוין פאר די ארבייטער. איצט איז עס פארקערט. דער גרעסטער טייל ווערט אויסגעגעבען אויף פארשיידענע איינריכטונגען און מאשינען. און דאָס באדייט, אז די פאָדערונג אויף ארבייטסהענט וואקסט ניט אויף אזוי פיל גיך, אויף וויפיל ס'ווערט גרעסער די צאָהל פאר־אָרימטע מענשען, וואס זיינען פארוואנדעלט געווארען אין פראַלעטאריער. וואס שטארקער עס ענטוויקעלט זיך די טעכניק אונטער'ן קאפיטאליזם, אלץ שטארקער איז דער דרוק פון קאפיטאל איבער'ן ארבייטער־קלאס, ווייל אלץ שווערער ווערט צו געפינען ארבייט, אלץ שווערער ווערט צו לעבען.

11. אנארכיע אין דער פראָדוקציע, קאָנקורענץ און קריזיסען

די ליידען פונ'ם ארבייטער־קלאס וואקסען אלץ מעהר צוזאמען מיט דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק. די ענטוויקלונג פון דער טעכניק, אַנשטאָט צו ברענגען אומגעהויערע נוצען, ברענגט אונטער'ן קאפיטאליזם א פארגרעסערונג פונ'ם ריוח פאר'ן קאפיטאל, ארבייטסלאָזיגקייט און נויט פאר א סך ארבייטער. נאָר די דאָזיגע ליידען וואקסען אויך דורך אנדערע אורזאכען.

מיר האָבען פריהער באמערקט, אז די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט איז זעהר שלעכט אויפגעבויט. עס הערשט דאָס

פריוואט־אייגענטום אָהן אן אלגעמיינעם פּלאַן. יעדער פאברי־קאַנט פיהרט זיין געשעפט אומאפּהענגיג פון די איבעריגע. מיט די איבעריגע קעמפט ער פאר'ן קויפער, ער „קאָנקורירט" מיט זיי.

שטעלט זיך איצט די פראגע, צי מיט דער ענטוויקלונג פון קאפּיטאַליזם ווערט דער דאָזיגער קאמף אפּגעשוואכט אָדער פאר־שטארקט.

אויפ'ן ערשטען קוק קען זיך אויסדאכטען, אז דער דאָזיגער קאמף ווערט שוואכער, די צאָהל קאפּיטאַליסטען ווערט דאָך אַלץ קלענער. די גרויסע פרעסען אויף די קליינע; פריהער האָבען צווישען זיך געקעמפט צעהנדליגער טויזענטער פארשיידענע אונ־טערנעהמער — די קאָנקורענץ איז געווען אַ פארביטערטע. איצט איז פאראַן ווינציג קאָנקורענטען — דארף שוין דער קאמף אזוי פארביטערט ניט זיין. אזוי וואָלט מען זיך געקענט טראכטען. נאָר אין דער ווירקליכקייט איז עס ניט אזוי: אין דער אמת'ען איז גאָר פארקערט. ס'איז אמת, אז עס ווערט ווינציגער קאָנ־קורענטען. נאָר יעדער איינער פון זיי איז געווארען א סך גרעסער און שטארקער, ווי די פריהערדיגע קאָנקור־רענטען. און דער קאמף צווישען זיי איז געווארען ניט שוואַכער, נאָר שטארקער, ניט שטילער, נאָר פארביטערטער ווי פריהער. ווען אין דער גאנצער וועלט וואָלטען געהערשט בלויז א צוויי קאפּיטאַליסטען, וואָלטען זיי צווישען זיך געפיהרט דעם פאר־ביטערטסטען קריג. און ענדליך איז טאקע געקומען דערצו. איצט געהט דער קאמף אָן צווישען קאָלאָסאַלע קאפּיטאַליסטען־פארבאנדען, צווישען זייערע מלוכות. און זיי קעמפען שוין ניט נאָר מיט ביליגע פרייזען, נאָר אויך מיט באוואפענטער מאכט. הייסט עס, אז מיט דער ענטוויקלונג פונ'ם קאפּיטאַליזם ווערט די קאָנקורענץ קלענער נאָר בלויז אין דער צאָהל קאָנקורענטען, זי ווערט אָבער פארביטערטער און אַלץ מעהר צושטערענדער.*)

מ'מוז אנמערקען נאָך איין ערשיינונג: די אזוי גערופענע

---

*) אויספיהרליכער וועגען דעם רעדט דער קאפּיטעל וועגען דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

קריזיסען. וואָס זיינען דאָס אַזוינס די קריזיסען? אין וואָס באַשטעהען זיי? די געשיכטע קומט פאָר אָט אַזוי. אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען ווייזט זיך ארויס, אז עס איז אויסגע־אַבּרייט אָהן אַ שיעור פיל סחורות. די פּרייזען פאַלען, און ס'איז ניטאָ וואוהין צו פּארקויפען די סחורות. די לאַגערס זיינען געפּאקט מיט אַלערליי פּראָדוקטען, וועלכע קאָנען ניט פארקויפט ווערען, ווייל ס'זיינען ניטאָ קיין קויפער. בעלנים זיינען פאראַן, ס'פאַרשטעהט זיך, אַ סך הונגעריגע אַרבייטער, וואָס קריגען בלויז געצעהלטע גראָשען, פאַר וועלכע זיי קאָנען אין בעסטען פאַל ניט קויפען מעהר ווי דאָס, וואָס זיי פלעגען געוועהנליך קויפען. דאַן הויבט זיך אָן אַ חורבן. אין איין אינדוסטריע צווייג פאַלען צוערשט די קליינע און מיטעלע אונטערנעמונגען און זיי מוזען זיך פארמאכען. נאָך זיי קומען די גרעסערע אונטערנעהמונגען. איין אינדוסטריע איז אָבער איינגעוויזען אויף די סחורות פון דער אַנדערער, זיי קויפען איינע ביי די אַנדערע. צ. ב. די שניידער־אונטערנעמער קויפען פון די פאַבריקאנטען, וועלכע אַרבייטען אויס שטאָף א. אַז. וו. געהען די שניידער־אונטערנעמונגען צו גרונד, הייסט עס, אז ס'איז שוין ניטאָ ווער עס זאָל קויפען ביי די פאַבריקאנטען דעם וואָלען־שטאָף — הויבען אָן פּלאַצען די געוואַנט־פאַבריקען. דערנאָך הויבט זיך אָן די זעלבע געשיכטע אין דער וואָל־פּראָדוקציע. אומעטום הויבען זיך אָן פאַרמאַכען פאַבריקען און זאוואָדען, צעהנדליגער טויזענטער אַרבייטער ווערען ארויסגעוואָרפען אויפ'ן גאַס. די אַרבייטסלאָזיגקייט שטייגט אומגעהויער, דאָס לעבען פון די אַרבייטער ווערט נאָך ערגער ווי פריהער. סחורות זיינען פונדעסטוועגען דאָ אַזוי פיל, אַז די שפּייכלערס ווערען ממש צושפּאַרט פון זיי. אַזוי פלעגט עס אָפט פּאַסירען פאַר דער מלחמה: אָט שטייגט די אינדוסט־ריע, די געשעפטען ביי די פאַבריקאנטען זיינען אויסגעצייכענט; דערנאָך, פּלוצלונג אַ קראַך, אַ חורבן, אַרבייטסלאָזיגקייט, די געשעפטען שטעהען; שפּעטער געהט עס אַוועק בעסער, דערנאָך ווייטער גלענצענד; דערנאָך ווידער אַ קראַך און אַזוי ווייטער כסדר.

מיט וואָס ערקלערט זיך אַזאַ מין ווילדע אָרדנונג, וואָס

מענשען ווערען אָדעמע לייט פון רייכקייט?

אויף אָט דער פראַגע איז ניט אזוי לייכט צו ענטפערען, אָבער אַן ענטפער מוז אויף איהר געגעבען ווערען.

מיר האָבען שוין אויבען געזעהן, אז אין דער קאַפּיטאַליס־טישער געזעלשאַפט הערשט א מיש־מאַש, וואָס טראָגט דעם נאָמען **אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע**. יעדער אונטער־נעמער פּראָדוצירט סחורות, אומאָפּהענגיג פון די אנדערע, אויף זיין אייגענער ריזיקע און פאַראַנטוואָרטליכקייט. ס'איז גאַנץ נאַטירליך, אז ביי אזא לאַגע מוז פריהער אָדער שפּעטער קומען צו דעם, אז עס ווערען אויסגעאַרבייט צופיל סחורות (איבער־פּראָדוקציע פון סחורות). ווען מען פלעגט אויסאַרבייטען פּראָ־דוקטען און ניט קיין סחורות, ד. ה. ווען די פּראָדוקציע איז ניט געווען באַשטימט פאַר'ן מאַרק, איז די איבער־פּראָדוקציע ניט געווען געפעהרליך. נאָר גאַנץ אנדערש איז אָבער ביי דער סחורות פּראָדוקציע. דאָ מוז יעדער פאַבריקאַנט, כדי צו קויפען די סחורות, וואָס זיינען איהם נויטיג פאַר דער ווייטערדיגער פּראָדוקציע, פריהער פאַרקויפען זיינע אייגענע סחורות. האָט זיך נאָר די מאַשין וואו ניט איז פאַרטשעפּעט צוליב דעם מיש־מאַש, טראָגט זיך עס גלייך איבער פון איין געביט אויפ'ן צווייטען. עס ברעכט אויס אַן אַלגעמיינער קריזיס.

די דאָזיגע קריזיסען מאַכען אַן גרויסע צרות. פון א סך סחורות ווערט א תל. די רעשטלאַך פון דער קליין פּראָדוקציע ווערען אויסגעקעהרט ווי מיט אַן אייזערנעם בעזים. גאַנץ אָפט ווערען רואינירט אויך גרויסע פירמעס. ס'איז שווער, אז אַלע זאָלען זיך קאָנען איינהאַלטען אויף די פיס.

די הויפּט־שוועריגקייטען פון די קריזיסען פאַלט, פאַר־שטעהט זיך, אויף דעם אַרבייטער קלאַס.

אייניגע פאַבריקען פאַרמאַכען זיך אינגאַנצען. אנדערע פאַרקלענערען די פּראָדוקציע, זיי אַרבייטען ניט די גאַנצע וואָך. די דריטע פאַרמאַכען זיך צייטוויילינ, די צאָהל אַרבייטסלאָזע ווערט גרעסער. עס וואַקסט די אינדוסטריעלע רעזערוו־אַרמיי, און צוזאַמען מיט דעם וואַקסט די אָרימקייט און די אונטערדריי־

קונג פונ'ם ארבייטער־קלאַס. אין דער צייט פון קריזיסען ווערט די אַזוי שוין אויך שלעכטע לאַגע פונ'ם ארבייטער קלאַס נאָך ערגער.

אַט זיינען, אַלס ביישפּיל, ציפערען וועגען קריזיס פון 1907—1910, וועלכער האָט אַרומגענומען גאַנץ אייראָפּא און אַמעריקא — קורץ, די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט. אין די *פאַראייניגטע שטאַטען* איז די צאָהל אַרבייטסלאָזע צווישען די מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען געוואַקסען אויף אַזאַ אופן: אין יוני, 1907, — 8.1 פּראָצענט, אין אָקטאָבער — 18.5 פּראָצענט, אין נאָוועמבער — 22 פּראָצענט, אין דעצעמבער — 32.7 פּראָצענט (אין דער בוי־אינדוסטריע — 42 פּראָצענט, אין דער קליידער־אינדוסטריע — 43.6 פּראָצענט, אין דער טאַבאַק אינדוסטריע זאָגאַר 55 פּראָצענט); פאַרשטעהט זיך, אַז די אַלגעמיינע אַרבייטסלאָזיגקייט (נעהמענדיג אין באַטראַכט בלויז די אָרגאַניזירטע ארבייטערשאַפט) איז געווען נאָך גרעסער. אין *ענגלאַנד* איז דער פּראָצענט אַרבייטסלאָזע אין זומער פון יאָהר 1907 געווען פון 3.4 ביז גאַנצע 4 פּראָצענט; אין נאָוועמבער האָט עס שוין געהאַלטען ביי 5 פּראָצענט, אין דעצעמבער — 6.1 פּראָצענט. אין יוני, 1908, האָט עס זיך דערהויבען ביז 8.2 פּראָצענט. אין *דייטשלאַנד* איז אין אָנהויב יאַנואַר, 1908, דער פּראָצענט אַרבייטסלאָזע געווען דאָפּעלט אַזוי גרויס, ווי אין די פריהערדיגע יאָהרען. דאָס זעלבע האָט מען אויך געקענט באַמערקען אין די איבעריגע לענדער.

וואָס איז שייך דער *פאַרקלענערונג פון דער פּראָדוקציע*, איז, צ. ב., די אויסשמעלצונג פון גוס־אייזען אין אַמעריקא געפאַלען פון 28 מיליאָן טאָן אין 1907טען יאָהר, אויף 16 מיליאָן אין 1908טען יאָהר.

אין דער צייט פון קריזיסען פאַלען די פּרייזען פון סחורות. דאַן באַנוצען זיך די הערען קאַפּיטאַליסטען, כדי נים צו פאַרלירען זייערע פּראָפיטען, מיט דער *פאַרדאַרבונג פון דער פּראָדוקציע*. אין אַמעריקע, צ. ב., פלעגט מען פאַרלעשען די שמעלץ־אויווענס. נאָך אינטערעסאַנטער האָבען געהאַנדעלט די אייגענטימער פון די קאַפע־פּלאַנטאַציעס אין בראַזיליען. כדי אָנצוהאַלטען הויכע פּרייזען אויף קאַפע, פלעגען זיי *דערטרינקען* אין ים זעקלאַך מיט קאַפע. איצטער ליידט די גאַנצע וועלט פון *הונגער און מאַנגעל אין פּראָדוקטען*. דער דאָזיגער מאַנגעל און הונגער אין פּראָדוקטען איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלחמה. ער איז אַרויסגערופען געוואָרען דורכ'ן קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט געבראַכט צו אַט דער צושטערענדער מלחמה. אין אין פרידליכע צייטען האָט זיך דער קאַפּיטאַליזם געשטיקט און

געוואָרגען פון די פילע פּראָדוקטען, די אַרבייטער אָבער האָבען דערפון ניט געקאָנט, ווייל די אַרבייטער האָבען געהאַט אַ צו־מאָגערע קעשענע. פון אָט־דעם איבערפלוס האָט דער אַרבייטער בלויז איין זאַך געהאַט: אַרבייטסלאָזיגקייט מיט אַלע איהרע שרעקען.

12. די ענטוויקלונג פונ'ם קאַפּיטאַליזם און די קלאַסען.

(די פאַרשאַרפונג פון די קלאַסען־געגענזאַצען).

מיר האָבען געזעהן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האָט צוויי הויפּט־ווידערשפּרוכען, צוויי הויפּט־פעהלערען: ערשטענס, איז זי „אַנאַרכיסטיש" (ס'איז ניטאָ ביי איהר קיין אָרגאַניזירט־קייט); צווייטענס, באַשטעהט זי אין דער ווירקליכקייט פון צוויי פיינדליכע געזעלשאַפטען (קלאַסען). מיר האָבען אויך געזעהן, אַז מיט דער ענטוויקלונג פונ'ם קאַפּיטאַליזם פיהרט די אַנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע, וואָס דריקט זיך אויס אין דער קאָנקורענץ, צו אַלץ אַ גרעסערער פאַרשאַרפונג, דיסאָרגאַניזירונג און צושטערונג. די דיסאָרגאַניזירונג פון דער געזעלשאַפט ווערט ניט קלענער, נאָר פאַרקעהרט, זי וואַקסט. דאָס זעלבע קומט אויך פאָר מיט דער צוברעקלונג פון דער געזעלשאַפט אויף צוויי טיילען, — אויף קלאַסען. מיט דער ענטוויקלונג פונ'ם קאַפּיטאַליזם ווערט די דאָזיגע צוברעקלונג, די דאָזיגע צושפּאַלטונג צווישען די קלאַסען אויך ניט קלענער, נאָר גרעסער. אויף איין זייט — ביי די קאַפּיטאַליסטען — קלייבען זיך אָן אַלע רייכטימער פון דער וועלט, אויף דער אַנדערער זייט — ביי די אונטערדריקטע קלאַסען קלייבט זיך אָן די גאַנצע אָרימקייט, צרות און טרעהרען. די אינדוסטריעלע רעזערוו־אַרמיי נעהמט אַרום געפאַלענע, פאַרווילדערטע, אין העכסטען גראַד פאַראָרימטע מענ־שען־שיכטען. נאָר אפילו די וואָס אַרבייטען, אונטערשיידען זיך לויט זייער לעבענס־שטייגער אַלץ מעהר פון די קאַפּיטאַליסטען. דער אונטערשייד צווישען דער בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט האַלט אין איין וואַקסען. פריהער זיינען גע־ווען אַלערליי מיטעלע און קליינע קאַפּיטאַליסטען, פיל פון זיי זיי־

נען געוועזן אין נאָהענטע באַציהונגען מיט די אַרבייטער און גע־לעבט האָט זיך זיי ניט אַ סך בעסער פון די אַרבייטער. איצטער איז גאַנץ אַנדערש. די גרויסע הערען פיהרען איצט אַזאַ לעבען, פון וועלכען קיינער האָט פריהער אפילו ניט גע'חלומ'ט. אמת, מיט דער ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם לעבט זיך אויך די אַר־בייטער בעסער. ביז'ן אָנהויב פון 20טען יאָהרהונדערט האָבען זיך די שכירות אין אַלגעמיין פאַרגרעסערט. נאָר גלייכצייטיג איז דער פּ ר אָ פ י ט פ ו נ ' ם ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט ג ע־ ו ו אַ ק ס ע ן נ אָ ך אַ ס ך ש נ ע ל ע ר. איצט איז די אַרבייטער־מאַסע פונ'ם קאַפּיטאַליסט פּונקט אַזוי ווייט, ווי דער הימעל פון דער ערד. דער קאַפּיטאַליסט, דאָס איז גאָר אַן אַנדער באַשעפעניש, איהם וועמטו אַזוי לייכט ניט דערגרייכען. און וואָס מעהר דער קאַפּיטאַליזם ענטוויקעלט זיך, אַלץ העכער וואַקסט אויס דאָס הייפעלע רייכסטע קאַפּיטאַליסטען, אַלץ טיפער ווערט דער אָפּגרונד צווישען דער דאָזיגער גרופּע ניט־געקרוינטע קעניגע און דער פיל־מיליאָניגער מאַסע פאַרשקלאַפטע פּראָלעטאַריער.

מיר האָבען געזאָגט, אַז דער אַרבייטס־לוין פון די אַרביי־טער איז דאָך געוואַקסען, נאָר נאָך שנעלער איז געוואַקסען דער פּראָפיט, און ד ע ר י ב ע ר איז גרעסער געוואָרען דער אָפּ־גרונד צווישען די צוויי קלאַסען. נאָר פון אָנהויב פונ'ם 20טען יאָהרהונדערט וואַקסט שוין ניט מעהר דער אַרבייטס־לוין, פאַר־קעהרט: ער פאַלט. אין דער זעלבער צייט האָבען זיך די פּראָ־פיטען פאַרגרעסערט אַזוי, ווי נאָך קיינמאָל ניט ביז אַהער. דע־ריבער האָט זיך פאַר דער לעצטער צייט באַזונדערס שטאַרק פאַר־שאַרפט די געזעלשאַפטליכע אומגלייכהייט.

ס'איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז אויב אָט־די אומגלייכהייט האַלט אין איין וואַקסען, מוז זי פריהער אָדער שפּעטער ברייגנען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישען אַרבייטער און קאַפּיטאַליסטען. וואָלט דער דאָזיגער אונטערשיד צווישען זיי געוועזן קלענער, וואָלטען זיך די אַרבייטער, לויט זייער לאַגע, דערנעהענטערט צו די קאַפּיטאַליסטען, דאַן וואָלט, פאַרשטעהט זיך, איינגעשטעלט זיך „שלום און ברכה אויף דער וועלט". אָבער דאָס איז דאָך טאַקע די מעשה, וואָס די אַרבייטער אין דער קאַפּיטאַליסטישער

געזעלשאַפט קאָנען זיך ניט דערנעהענטערען צו די קאַפּיטאַליסטען, נאָר דערווייטערען זיך מיט יעדען טאָג פון זיי. און דאָס מיינט, אַז עס מוז זיך אויך אומפאַרמיידליך פאַרשאַרפען דער קלאַסענקאַמף צווישען פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע.

געגען דער דאָזיגער מיינונג האָבען די בורזשואַזע געלערענטע געהאַט זעהר אַ סך טענות ארויסצושטעלען. זיי האָט זיך געוואָלט דערווייזען, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט וועט דעם אַרבייטער'ס לעבען ווערען אַלץ בעסער און בעסער. נאָך זיי זיינען געקומען די רעכטע סאָציאַליסטען און אָנגעהויבען צו טענה'ען דאָס זעלבע. סיי די, סיי יענע פלעגען פאַרזיכערען, אַז די אַרבייטער ווערען ביסלעכווייז רייכער און קענען מיט דער צייט אַליין ווערען קאַפּיטאַליסטלאַך. דאָס אַלץ האָט זיך ארויסגעוויזען, פאַרשטעהט זיך, פאַר ניט ריכטיג. אין דער אמת'ען איז די לאַגע פונ'ם אַרבייטער אין פאַרגלייך מיט דער לאַגע פונ'ם קאַפּיטאַליסט געוואָרען אַלץ ערגער. אָט איז אַ ביישפּיל פונ'ם סאַמע ענטוויקעלטען קאַפּיטאַליסטישען לאַנד — פון אַמעריקא. אויב מיר זאָלען אָננעהמען די קויף־קראַפט פונ'ם פאַרדינסט (ד. ה., וויפיל דער אַרבייטער קען קויפען געברויך־פּראָדוקטען, נעהמענדיג אין באַטראַכט זייערע פּרייזען) אין די יאָהרען 1890—1899 פאַר 100, וועט זיך ארויסווייזען, אַז די קויף־קראַפט פונ'ם פאַרדינסט האָט אויסגעמאַכט אין 1890 אַן ערך 98.6; אין 1895 — 100.6; אין 1900 — 103.0; אין 1905 — 101.4, אין 1907 — 101.5. דאָס הייסט, אַז די באַפרידיגונג פון די לעבענס־באַדערפעניששען פון די אַרבייטער איז די גאַנצע צייט כמעט ווי געשטאַנען אויף איין אָרט. וויפיל עסענוואַרג, קליידער, א. ד. ג. דער אַרבייטער האָט געקענט קריגען אין יאָהר 1890, האָט ער כמעט אזוי פיל, קוים־קוים מעהר (אויף 3 פּראָצענט) געקענט קריגען אויך אין 1907טען יאָהר. און פאַר דער זעלבער צייט האָבען די אַמעריקאנער מיליאָרדערען (די גרעסטע אינדוסטריע מאַגנאַטען), געמאַכט געוואלדיגע פּראָפיטען. און דער מעהרווערט, מיט וועלכען זיי האָבען זיך אָנגעפּאַקט, איז געוואָקסען אָהן אַ שיעור. ס'איז פאַרשטענדליך, אַז דער אַרט לעבען פון די קאַפּיטאַליסטען, זייערע לוקסוס־קאַפּריזען, א. אַ. וו., איז באַדייטענד געשטיגען.

דער קלאַסענקאַמף שטיצט זיך אויף די געגענזאַצען פון די אינטערעסען צווישען דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט. אין גרונט גענומען זיינען די דאָזיגע אינטערעסען אויך אזוי שווער אויסצוגלייכען, ווי די אינטערעסען פון וועלף און שעפּסען.

יעדער איינער וועט לייכט פאַרשטעהן, אַז דעם קאַפּיטאַ־ליסט לוינט זיך צו צווינגען די אַרבייטער אַרבייטען וואָס מעהר און זיי צאָהלען וואָס ווייניגער. פאַרקעהרט, דעם אַרבייטער לוינט זיך אַרבייטען וואָס ווענינער און קריגען וואָס מעהר. דע־ריבער איז גאָר קיין וואונדער ניט, אַז גלייך ווי עס איז אויפ־געקומען דער אַרבייטער־קלאַס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער **קאַמף פאַר העכערען דעם אַרבייטס־לוין און פאַרקירצען דעם אַרבייטס־טאָג.**

אָט דער קאַמף האָט קיין מאָל ניט אויפגעהערט און איז קיינמאָל ניט געוואָרען איננאַנצען אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך אָבער ניט באַגרענעצט בלויז מיט'ן קאַמף פאַר נאָך אַ פּאָר גראָשען צו זיין לוין. אומעטום, וואו עס פלעגט זיך נאָר ענט־וויקלען די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, פלעגען די אַרבייטער קומען צו דער איבערצייגונג, אַז ס'איז נויטווענדיג צו מאַכען אַ סוף צום קאַפּיטאַליזם גופא. די אַרבייטער האָבען דאַריבער גענומען באַטראַכטען וועגען און מיטלען ווי אַזוי צו פאַרבייטען די פאַר־האַסטע אָרדנונג מיט אַנאַנדערער, מיט אַ גערעכטערער, חבר'שער אַרבייטס־אָרדנונג. אָט אַזוי איז געבאָרען געוואָרען די **קאָמו־ניסטישע באַוועגונג פונ'ם אַרבייטער קלאַס.**

אין משך פון זיין קאַמף האָט דער אַרבייטער ניט איין מאָל געהאַט מפּלות. נאָר די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג גופא ענטהאַלט אין זיך דעם ענטגילטיגען זיג פונ'ם פּראָלעטאַריאַט. פאַרוואָס? דערפאַר טאַקע, וואָס איהר ענטוויקלונג ברענגט דער־צו, אַז די ברייטסטע פאָלקס שיכטען זאָלען פאַרוואַנדעלט ווערען אין פּראָלעטאַריער. דער זיג פונ'ם גרויס קאַפּיטאַל באַדייט דעם אונטערגאַנג פונ'ם האַנדווערקער, הענדלער, פּויער; ער פאַרגרע־סערט אַלץ מעהר די רייהען פון די לוין־אַרבייטער. מיט יעדען שריט פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג, **ווערט דער פּראָלעטאַריאַט גרעסער אין צאָהל.** ער איז ווי די פּיל־קעפּיגע מערקווירדיגע הידרע: האַקט מען איהר אַראָפּ איין קאָפּ, וואַקסען גלייך אויס צעהן נייע. צו־קלאַפּט די בורזשואַזיע די אַרבייטער־אַטאַקעס, באַפעסטיגט זי

דערמיט די קאפיטאליסטישע געזעלשאפטס־ארדנונג. נאר די ענטוויקלונג פון דער דאזיגער קאפיטאליסטישער געזעלשאפטס־ארדנונג רואינירט צעהנדליגער טויזענטער, מיליאנען קליינע באלעבאטים און פויערים, ווארפט זיי ארונטער אונטער דעם יאך פון די קאפיטאליסטען. ווערט דורך דעם גרעסער די צאהל פראלעטאריער, די פיינד פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג. אבער ניט נאר אין צאהל פארשטארקט זיך דער ארבייטער־קלאס. ער *שמעלצט* זיך וואס ווייטער אלץ מעהר צונויף. פארוואס? טאקע דערפאר, וואס מיט דער ענטוויקלונג פונ׳ם קאפיטאליזם וואקסען די גרויסע פאבריקען. און יעדע גרויסע פאבריק זאמעלט צונויף אונטער איהר דאך טויזענטער, מאנכעסמאל צעהנדליגער טויזענטער ארבייטער. אט די ארבייטען זייט בײַ זייט, זיי זעהען ווי דער באלעבאס־קאפיטאליסט עקספלואטירט זיי. זיי זעהען ווי איין ארבייטער איז צום צווייטען א פריינד און א חבר. די ארבייט גופא לערענט אויס די ארבייטער, פאראייניגט דורך דער פאבריק, זיך האלטען אינאיינעם. זיי איז זיך אויך גרינגער צונויפצורעדען. אט פארוואס עס וואקסען מיט דער ענטוויקלונג פונ׳ם קאפיטאליזם ניט נאר די כוחות, נאר אויך די *געשלאסענקייט* פון די ארבייטער־רייהען.

וואס שנעלער ס׳וואקסען די גרויסע פאבריקען, וואס גיכער עס ענטוויקעלט זיך דער קאפיטאליזם, אלץ גיכער ווערען רואינירט די האנדווערקער, די דארפישע קוסטארעס (היים־ארבייטער), די פויערים, אלץ שנעלער וואקסען די ריזיג־גרויסע *שטעט*. ענדליך קלייבט זיך אן אויף א פארהעלטניסמעסיג קליינעם שטח אין די גרויסע שטעט א קאלאסאלע צאהל מענשען, פון וועלכע די גרעסטע צאהל זיינען פאבריק־ארבייטער. ער פיהלט אן די שמוציגע קווארטאלען פול מיט רויך, און דאס הייפעלע הערשענדע באלעבאטים לעבט אין פראכטפולע פאלאצען. דאס דאזיגע הייפעלע ווערט אלץ קלענער אין צאל. ארבייטער ווערען אלץ מעהר און מעהר, און זיי פאראייניגען און פארבינדען זיך וואס ווייטער אלץ מעהר.

אונטער אזעלכע באדינגונגען מוז די אונפארמיידליכע פארשארפונג פונ׳ם קאמף זיך ענדיגען מיט א זיג פונ׳ם ארבייטער־

קלאַס. פריהער אָדער שפּעטער, ניט קוקענדיג אויף די אַלע שלויע שטיק פון דער בורזשואַזיע, קומט דער אַרבייטער־קלאַס אין אַ שאַרפען צוזאַמענשטויס מיט דער בורזשואַזיע, וואַרפט זי אַראָפּ פון איהר טראָן, צושטערט איהר רויבערישע מלוכה און גרינדעט אַ נייע, קאָמוניסטישע אַרבייטער־אָרדנונג. אויף אַזאַ אופן פיהרט דער קאַפּיטאַליזם אין זיין ענטוויקלונג אומפאַרמיידליך צו אַ קאָמוניסטישער רעוואָלוציע פונ'ם פּראָלעטאַריאַט.

דער קלאַסענקאַמף פונ'ם פּראָלעטאַריאַט געגען דער בורזשואַזיע פלעגט אָננעהמען פאַרשידענע פאָרמען. אינ'ם דאָזיגען קאַמף האָבען זיך געשאַפען דריי הויפּט־פאָרמען פון דער אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע: פּראָפעסיאָנאַלע פאַראיינען, וואָס פאַראייניגען די אַרבייטער לויט זייערע פּראָפעסיעס; קאָאָפּעראַטיווען, איבער־הויפּט קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע שטעלען זיך די אויפגאַבע צו באַפרייען זיך פון פאַרמיטלער־הענדלער, און פּאָליטישע פּאַרטייען פונ'ם אַרבייטער־קלאַס (סאָציאַליסטישע, סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, קאָמוניסטישע פּאַרטייען), וועלכע האָבען געמאַכט פאַר זייער פּראָגראַם די פּאָליטישע הערשאַפט פונ'ם אַרבייטער־קלאַס. וואָס מעהר עס פאַרשאַרפט זיך דער קאַמף צווישען די קלאַסען, אַלץ מעהר האָבען פאַרשידענע פאָרמען פון דער אַרבייטער־באַוועגונג געמוזט זיך אייניגען אויף איין צוועק — אַראָפּצוואַרפען די בורזשואַזע הערשאַפט. יענע פיהרער פון דער אַרבייטער־באַוועגונג, וועלכע האָבען ריכטיג אָפּגעשאַצט די לאַגע, פלעגען שטענדיג אָנווייזען אויף דער נויטווענדיגקייט פון אייניגקייט און ענגער מיטאַרבייטערשאַפט פון אַלע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבען געזאָגט, צ. ב., אַז ס'איז נויטיג אַן אייגהייטליכקייט אין דער טעטיגקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, און פון דער פּאָליטישער פּאַרטיי, און דעריבער טאָרען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען ניט זיין „נייטראַל" (ד. ה. גלייכגילטיג צו פּאָליטישער אַקציע), נאָר זיי מוזען זיין צוזאַמען מיט דער פּאַרטיי פונ'ם אַרבייטער־קלאַס.

פאַר דער לעצטער צייט האָט די אַרבייטער־באַוועגונג אַרויסגערוקט נאָך נייע פאָרמען, די וויכטיגסטע פון וועלכע זיינען די ראַטען פון די אַרבייטען. אָבער וועגען זיי וועלען מיר שפּעטער ריידען.

אַלזאָ, פונ'ם צוקוקען זיך צו דער ענטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג קאָנען מיר לייכט פעסטשטעלען אָט וואָס: די צאָל קאַפּיטאַליסטען ווערט קלענער, נאָר זיי ווערען אַלץ רייכער און שטאַרקער; די צאָהל אַרבייטער וואַקסט

אלץ מעהר; דערביי ווערען אלץ מעהר געשלאסענער זייערע רייהען, הגם ניט אין דער זעלבער מאס. דער אונטער־שייד צווישען ארבייטער און קאפיטא־ליסטען ווערט גרעסער. די אנטוויקלונג פונ׳ם קאפיטאליזם פירט דאריבער צו אן אומפארמיידליכען צוזאמענשטויס צווישען אט די קלאסען. דאס הייסט צו דער קאמוניסטישער רעוואלוציע.

13. די קאנצענטרירונג און צענטראליזירונג פון קאפיטאל אלס באדינגונגען פאר דער פארווירקלי־כונג פון דער קאמוניסטישער געזעלשאפטס־ארדנונג.

ווי מיר האבען פריהער געזעהן, גראבט דער קאפיטאליזם פאר זיך אליין א קבר און שאפט דערצו זיינע אייגענע באגרעבער — די פראלעטאריער. און וואס מעהר ער ענטוויקעלט זיך, אלץ מעהר טויט־פיינד שאפט ער און פאראייניגט זיי געגען זיך. אבער ניט נאר ער האדעוועט אויס זיינע פיינד, ער גרייט אויך צו א באדען פאר א נייער ארגאניזאציע פון געזעלשאפטליכער פראדוק־ציע, פאר א נייער חבר׳שער, קאמוניסטישערווירטשאפט. אויף וואס פאר אן אופן? אויף דעם וועלען מיר גלייך געבען אן ענט־פער.

מיר האבען פריהער געזעהן (זעה פאר. 7: „דער קאפיטאל”), אז דער קאפיטאל ווערט שטענדיג גרעסער. א טייל מערווערט, וואס דער קאפיטאליסט קוועטשט אויס פונ׳ם ארבייטער, גיט ער צו צו זיין קאפיטאל, און דאס מאכט דעם קאפיטאל גרעסער. קוים ווערט דער קאפיטאל גרעסער — הייסט עס, אז מען קאן פאר־ברייטערען די פראדוקציע. אזא פארגרעסערונג פונ׳ם קאפיטאל, אזא וואוקס פון רייכטימער פון איינצעלנע באזיצער רופט מען אנזאמלונג אדער קאנצענטראציע פונ׳ם קאפיטאל.

מיר האָבען אויך געזעהן (זעה פאראגראף 10: „דער קאמף צווישען דער קליינער און גרויסער פּראָדוקציע”), אז צוזאמען מיט דער ענטוויקלונג פונ'ם קאפּיטאליזם געהט אונטער די מיטעלע און קליינע פּראָדוקציע. די קליינע און מיטעלע אונטערנעמער און הענדלער ווערען רואינירט, ניט ריידענדיג שוין וועגען די האנד־ווערקער. זיי אלע ווערען פון דעם גרויס קאפּיטאל אויפגעפרעסען. דאָס וואָס די קליינע און מיטעלע קאפּיטאליסטען האָבען פריהער פארמאָגט, זייערע קאפּיטאלען, פארשווינדען פון זייערע הענט און אויף פארשידענע אופנים זאמלען זיי זיך אָן אין די הענד פון די גרויסע רויב־פיש. דורך דעם פארגרעסערט זיך דער קאפּיטאל ביי די דאָזיגע גדולים. דער זעלבער קאפּיטאל, וועלכער איז פריהער געווען צוטיילט צווישען א סך אייגענטימער, פאראייניגט זיך איצט אין איין האנד, אין דער פויסט, וועלכע האָט אינ'ם קאמף געזיגט. די דאָזיגע צונויפזאמלונג פון דעם פריהער צואוואָרפענעם קאפּי־טאל הייסט *צענטראליזירונג* פונ'ם קאפּיטאל.

קאָנצענטרירונג און צענטראליזירונג פון *קאפּיטאל* הייסט נאָך ניט *קאָנצענטרירונג און צענט־ראליזירונג פון דער פּראָדוקציע*. לאָמיר אָננעמען, אז דער קאפּיטאליסט האָט אויפ'ן אָנגעזאמעלטען מעהרווערט אָפּגעקויפט ביי זיין שכן א קליינע פאבריק און לאָזט זי ווייטער ארבייטען, ווי זי האָט פריהער געארבייט. דאָ איז פאָרגעקומען אָן אָנזאמלונג, אָבער די פּראָדוקציע פירט זיך ווי פריהער. נאָר געוויינליך קומט עס פאָר אזוי, אז דער קאפּיטא־ליסט ענדערט אויך די פאָרם פון דער פּראָדוקציע (וויילל דאָס לוינט זיך איהם), ער פארברייטערט זי, פארברייטערט און פארגרעסערט אויך די פאבריקען גופא. דאָ קומט שוין פאָר ניט נאָר א *פארגרעסערונג פונ'ם קאפּיטאל*, נאָר *אויך פון דער פּראָדוקציע גופא*. די פּראָדוקציע ווערט א קאָלאָסאלע, זי נעמט ארום א מאסע מאשינען, וואָס פאראייניגען א סך טויזענדער ארבייטער. עס פּאסירט אויך, אז עטליכע צעהנדליג גרעסערע פאבריקען דעקען דעם גאנצען גע־ברויך פון סחורות אין א געוויסען לאנד. אין תוך גענומען ארביי־טען דאָ די ארבייטער פאר דער גאנצער געזעלשאפט. די ארבייט

ווערט, ווי מען דריקט זיך אויס, פ א ר ג ע ז ע ל ש א פ ט ל י כ ט. אָבער די פארוואלטונג און דער פראָפיט געהערען צום קאפיטאליסט.

אזא מין צענטראליזאציע און קאָנצענטראציע פון דער פ ר אָ ד ו ק צ י ע מאכט מעגליך אויך א ווירקליך חבר'ש פראָדוקציע נאָך דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע.

און ווירקליך, ווען אזא קאָנצענטראציע פון דער פראָדוקציע וואָלט ניט געווען, און דער פראָלעטאריאט וואָלט זיך געשטעלט ביי דער מאכט, ווען די פראָדוקציע וואָלט געווען צואוואָרפען און צעשפליטערט איבער הונדערטער טויזענדער קליינינקע ווארשטאטען, וואו ס'ארבייטען צו 2-3 ארבייטער, וואָלט קיין מעגליכקייט ניט געווען צו אָרגאניזירען די דאָזיגע ווארשטאטען און אוועקצושטעלען זיי אויף געזעלשאפטליכע יסודות. וואָס מעהר ס'איז ענטוויקעלט דער קאפיטאליזם, וואָס מעהר ס'איז צענטראליזירט די פראָדוקציע, אלץ גרינגער איז דעם פראָלעטאריאט זי צו באהערשען, נאָכדעם ווי ער האָט אָפגעהאלטען זיין זיג.

ד ע ר ק א פ י ט א ל י ז ם ש א פ ט א ל ז אָ נ י ש ט ב ל ו י ז ז יי נ ע ש ו נ א י ם א ו ן ע ר פ י ר ט נ י ט ב ל ו י ז צ ו ד ע ר ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע ר ר ע ו ו אָ ל ו צ י ע, נ אָ ר ע ר ש א פ ט א ו י ך ד ע ם ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ן פ ו נ ד א מ ע נ ט פ א ר ד ע ר פ א ר ו ו י ר ק ל י כ ו נ ג פ ו ן ד ע ר ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע ר ג ע ז ע ל ש א פ ט ס - אָ ר ד נ ו נ ג.

קאַפּיטעל ג.

קאָמוניזם און דיקטאַטור פון פּראָלע־טאַריאַט

14. די כאַראַקטעריסטיק פון דער קאָמוניסטי־שער געזעלשאַפטס־אָרדנונג.

מיר האָבען געזעהן, פאַרוואָס די קאַפּיטאַליסטישע געזעל־שאַפט האָט געמוזט אונטערגעהן (און איצט געהט זי טאַקע אונטער פאַר אונזערע אויגען). זי געהט צו גרונד, ווייל עס ווירקען אויף איהר צוויי געגענזאַצען; פון איין זייט די פּראָדוקציאָנס־אַנאַרכיע, וואָס האָט געפירט צו קאָנקורענץ, קריזיסען, מלחמות; פון דער אַנדערער זייט דער קלאַסען־כאַראַק־טער פון דער געזעלשאַפט, פון וועלכער איין טייל טראָגט אַ פאַרביטערטע שנאה צום צווייטען טייל, און דער רעזולטאַט איז דער קלאַסענקאַמף. די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז אַ שלעכט־צונויפגעשטעלטע מאַשין, אין וועלכער איין טייל פאַרטשעפּעט זיך שטענדיג אָן דעם צווייטען (זעה פּאַראַגראַף 8: „די געגענזאַצען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפטס־אָרדנונג"), דאַריבער האָט די דאָזיגע מאַשין אומפאַרמיידליך געמוזט פריהער אָדער שפּעטער פּלאַצען.

עס פאַרשטעהט זיך, אז די נייע געזעלשאַפט מוז זיין אַ סך פעסטער געבויט, ווי די קאַפּיטאַליסטישע. וויבאַלד די גרונד־געגענזאַצען בויערען דורך און רייסען אויף דעם קאַפּיטאַליזם, מוז אויפשטעהן אויף די רואינעס פון אָט דעם קאַפּיטאַליזם אַ נייע געזעלשאַפט, וואָס זאָל ניט האָבען די געגענזאַצען, וועלכע האָבען צופרעסען די אַלטע געזעלשאַפט. אויף אַזאַ אופן מוז די קאָמוניס־טישע פּראָדוקציע באַזיצען די פאָלגענדע סימנים:

1) עס מוז זיין אַן אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט, אין וועלכער עס זאָל ניט זיין קיין אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע, קיין קאָנקורענץ פון פּריוואַט־אונטערנעמער, קיין מלחמות און קיין קריזיסען; 2) זי מוז זיין אַ געזעלשאַפט אָהן קלאַסען; זי טאָר ניט באַשטעהן פון צוויי העלפטען, וואָס באַקעמפען שטענדיג איינע די צווייטע; זי טאָר ניט זיין אַזאַ געזעלשאַפט, וואו איין קלאַס ווערט עקספּלואַטירט פון דעם צווייטען. אַזאַ געזעלשאַפט, וואו עס איז ניטאָ קיין קלאַסען, און וואו די גאַנצע פּראָדוקציע איז אָרגאַניזירט, קאָן זיין בלויז אַ חבר׳שע, קאָמוניסטישע אַרבייטס־געזעלשאַפט.

לאָמיר באַטראַכטען די דאָזיגע געזעלשאַפט גענויער.

דער יסוד פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט דאַרף זיין דאָס געזעלשאַפטליכע אייגענטום פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען און פאַרקעהרס־מיטלען. ד. ה., אַז די מאַשינען, אַפּאַראַטען, לאָקאָמאָטיוועז, דאַמף־שיפען, פאַבריק־געביידעס, לאַגערען, עלעווייטאָרס, קוילען־גרובען, טעלעגראַף, טעלעפאָן, די ערד און די אַרבייטס־חיות — אַלץ געפינט זיך אין דעם רשות פון דער געזעלשאַפט, און די געזעלשאַפט האָט איבער דעם אַלעם די דעה. ניט קיין איינצעלנער קאַפּיטאַליסט, ניט קיין פאַראייניגונג פון רייכע לייט, נאָר די געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצע האָט אַ דעה איבער אָט די אַלע מיטלען. וואָס באַטייט דער אויסדרוק „די געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצע”? דאָס מיינט, אַז אַפילו ניט איין קלאַס איז דער הערשער, נאָר אַלע מענשען, וואָס בילדען די געזעלשאַפט. אונטער אַזעלכע אומשטענדען פאַרוואַנדעלט זיך די געזעלשאַפט אין אַ גרויסע חבר׳שע אַרבייטס־געזעלשאַפט. דאָ איז ניטאָ קיין שום צושפּליטערונג אין דער פּראָדוקציע און קיין שום אַנאַרכיע. פאַרקעהרט, ערשט ביי אַזאַ אָרדנונג וועט די גאַנצע פּראָדוקציע זיין אָרגאַניזירטע. אין אַזאַ געזעלשאַפט וועט קיין איין אונטערנעמונג ניט קעמפען און ניט קאָנקורירען מיט די איבעריגע, ווייל אַלע פאַבריקען, זאַוואָדען, קוילען־גרובען, און אַלע איבעריגע אַנשטאַלטען וועלען זיין אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט נאָר אָפּטיילונגען פון אַ ריזיגען פאָלקס־וואַרשטאַט, וואָס נעמט אין זיך

אַריין די גאַנצע פאָלקס־ווירטשאַפט. ס׳פאַרשטעהט זיך, אַז אַזאַ קאָלאָסאַלע אָרגאַניזאַציע מוז האָבען אַן אַלגעמיינעם פּראָדוקציאָנס פּלאַן. אויב אַלע פאַבריקען, זאַוואָדען, די גאַנצע לאַנדווירטשאַפט שטעלט מיט זיך פאָר איין קאָלאָסאַלען פאַרבאַנד, מוז, נאַטירליך, גענוי אויסגערעכענט ווערען, ווי אַזוי צו פאַרטיילען די אַרבייטס־קרעפטען צווישען די פאַרשידענע אינדוסטריע־צווייגען, וואָס פאַר אַ פּראָדוקטען און אין וואָס פאַר אַ צאָהל זיי ווערען אויסגעאַרבייט, ווי אַזוי און וואוהין אָנוועגדען די טעכנישע קרעפטען א. אַ. וו. — דאָס אַלעס מוז אין פאָראויס, וויינינגסטען אומגעפעהר, אויסגערעכענט ווערען און לויט דעם אויסגעאַרבייט. אין דעם טאַקע דריקט זיך אויס די **אָרגאַניזירטקייט** פון דער קאָמוניסטישער פּראָדוקציע. אָהן אַן אַלגעמיינעם פּלאַן און געמיינזאַמער לייטונג, אָהן אַ גענויער אויסרעכענונג קאָן ניט זיין קיין אָרגאַניזאַציע. אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפטס־אָרדנונג איז אַזאַ פּלאַן פאַראַן.

נאָר די אָרגאַניזירטקייט אַליין איז נאָך ווייניג. די הויפּטזאַך באַשטעהט אין דעם, וואָס די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע איז אַ חבר׳שע, אַן אָרגאַניזאַציע פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. חוץ איהר אָרגאַניזירטקייט צייכענט זיך נאָך די קאָמוניסטישע אָרדנונג אויס דורך דעם, וואָס זי **מאַכט אַן ענד צו עקספּלואַטאַציע און צו דער צוטיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף קלאַסען**, ווייל מען קאָן דאָך זיך, צ. ב., פאָרשטעלען די אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע אויך אויף אַזאַ שטייגער: אַ קליינע גרופּע קאַפּיטאַליסטען באַהערשט אַלץ, זי באַהערשט עס אָבער **קאָלעקטיוו**: די פּראָדוקציע איז אָרגאַניזירט, איין קאַפּיטאַליסט באַקעמפט ניט דעם אַנדערען, ער קאָנקורירט ניט מיט איהם און זיי קוועטשען אויס געמיינזאַם דעם מעהרווערט פון די אַרבייטער, וואָס זיינען פאַרוואַנדעלט אין האַלבע קנעכט. דאָ איז פאַראַן אַן אָרגאַניזאַציע, נאָר ס׳איז אויך דאָ אַן עקספּלואַטאַציע פון איין קלאַס דורכ׳ן צווייטען. דאָ איז פאַראַן אַ געמיינזאַם אייגענטום פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, נאָר דאָס איז אַ געמיינזאַם אייגענטום בלויז פון איין קלאַס — פון דעם עקספּלואַטאַטאָרען־קלאַס. דעריבער

איז דאָס גאָר ניט קיין קאָמוניזם, הגם מיר האָבען דאָ אַן אָרגאַני־זירטקייט אין דער פּראָדוקציע.

אַזאַ מין אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט וואָלט באַזייטיגט נאָר איין הויפּט־צרה: די אַנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע. זי וואָלט אָבער פאַרשטאַרקט די צווייטע הויפּט־צרה פונ'ם קאַפּיטאַליזם: די צוטיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף צוויי קעמפּענדע לאַגערען; דער קלאַסענקאַמף וואָלט דאַן געוועזן נאָך שאַרפער. די דאָזיגע געזעלשאַפט וואָלט געווען אָרגאַניזירט נאָר אין איין ריכטונג; זי וואָלט אָבער געווען זעהר שאַרף צוטיילט אין אַ צווייטער ריכטונג, אין דער ריכטונג פון קלאַסען. די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט אָר־גאַניזירט ניט בלויז די פּראָדוקציע, נאָר זי באַפרייט אויך מענשען פון דער אונטערדריקונג פון אַנדערע מענשען. זי איז אָרגאַניזירט אין אַלע איהרע טיילען.

דער חבר'שער כאַראַקטער פון דער קאָמוניסטישער פּראָדוקציע דריקט זיך אויס אויך אין אַלע פּרטים פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַ־ציע. ביים קאָמוניזם וועלען צ. ב. ניט זיין קיין שטענדיגע פאַבריק־פאַרוואַלטער, אָדער ס'וועלען ניט זיין אַזעלכע מענשען, וואָס פאַר־נעמען זיך דעם גאַנצען לעבען מיט איין און דער זעלבער אַרבייט. איצט פירט זיך דאָך אַזוי: איז אימיצער אַ שוסטער, מאַכט ער זיין גאַנצען לעבען שטיוועל, און חוץ זיין קלאַפּער־געצייג זעהט ער קיין זאַך ניט; איז ער אַ לעקאַך־באַקער, באַקט ער זיין גאַנצען לעבען לעקאַך; איז ער אַ פאַבריק־פאַרוואַלטער, האָט ער נאָר איין אַרבייט — פאַרוואַלטען און באַפעהלען; איז ער אַ פּשוט'ער אַרבייטער, דאַרף ער זיין גאַנצען לעבען פאָלגען און אויספיהרען פרעמדע באַפעהלען. גאַנץ אַנדערש איז עס אין דער קאָמוניסטי־שער געזעלשאַפט. דאָ האָבען אַלע מענשען געקראָגען אַן אַלזייטיגע בילדונג און זיינען באַקאַנט מיט פאַרשידענע צווייגען פון דער פּראָדוקציע. היינט בין איך אַ פאַרוואַלטער און רעכען אויס וויפיל מ'דאַרף דעם קומענדען מאָנאַט אַרויסגעבען וואַרימע שיך אָדער פראַנצויזישע בולקעס; מאָרגען אַרבייט איך אויף אַ זייף־פאַב־ריק; אין אַ וואָך אַרום — אויף אַן עלעקטרישער סטאַנציע. — דאָס וועט זיין מעגליך נאָר דאַן, ווען אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט וועלען קריגען די ענטשפּרעכענדע בילדונג.

15. די פארטיילונג אין דער קאָמוניסטישער גע־זעלשאַפט.

ווען די פראָדוקציע ווערט אָנגעפיהרט אויף א קאָמוניסטישען אופן, שאפט זי נים פאר'ן מארק, נאָר פאר'ן אייגענעם געברויך. אָבער דאָ פראָדוצירט ניט קיין איינצעלנער באַלעבאָס, ניט קיין איינצעלנער פויער פאר זיך אַליין, נאָר דער גאנצער ריזיג־גרויסער קאָלעקטיוו פראָדוצירט פאר אַלעמען. ממילא זיינען דאָ ניטאָ קיין ס ח ו ר ו ת, נאָר בלויז פ ר אָ ד ו ק ט ע ן. אָט די אויסגעאַרבייטע פראָדוקטען ווערען ניט געביטען איינער אויף דעם צווייטען, מען קויפט זיי ניט און פארקויפט זיי ניט. זיי ווערען פשוט אָפּגעגעבען אין געזעלשאַפטליכע לאַגערען פאר פראָ־דוקטען און ווערען ארויסגעגעבען צו די, וועלכע נויטיגען זיך אין זיי. אויף אזא אופן וועט מען דאָ גאָר קיין געלט ניט באַדאַרפען. ווי אזוי זשע? וועט יעדער איינער פרעגען. איינער קען דאָך נעמען פאר זיך צופיל, און פאר דעם אַנדערען זאָל בלייבען גאָר וויי־ניג? וואָס זשע וועט אויסקומען פון אזא מין פארטיילונג פון פראָ־דוקטען? דאָ דארף אָט וואָס געזאָגט ווערען: די ערשטע צייט, אפשר אין משך פון עטליכע צעהנדליג יאָהר, וועט, פארשטעהט זיך, אויסקומען איינפירען פארשיידענע כללים, און באַשטימטע פראָדוק־טען וועלען, צ. ב., ארויסגעגעבען ווערען בלויז צו די, וועלכע וועלען ווייזען א געוויסען נאָטיץ אין זייערע ארבייטס־ביכלאָך אָדער זייערע ארבייטס־קאַרטען. שפּעטער, ווען די קאָמוניסטישע גע־געזעלשאפט וועט זיך שוין האָבען באַפעסטיגט און אַנטוויקעלט, וועט אָט דאָס אַלץ ווערען איבריג. אַלע פראָדוקטען וועלען זיין איבער גענוג. אַלע וואונדען וועלען שוין לאַנג זיין פאר־היילט. און מ'וועט קענען יעדערען געבען די מעגליכקייט צו נעמען וויפיל ער דארף האָבען. די מענשען גופא וועלען גאָר ניט זיין פאראינטערעסירט צו נעמען מעהר ווי זיי באַדאַרפען. איצט, צ. ב., פאַלט דאָך גאָר קיינעם ניט איין צו קויפען דריי בילעטען אין טראַמוויי און פארנעמען בלויז איין אָרט, אָנהאַל־טענדיג די איבעריגע צוויי פלעצער ליידיג. און דאַן וועט זיין דאָס זעלבע מיט אַלע פראָדוקטען: דער מענש האָט גענומען פון

געזעלשאַפטליכען לאַגער אַזוי פיל און אַזוי פיל און ניט מעהר. פאַרקויפען דאָס איבעריגע איז אויך ניטאָ צוליב וואָס: ווייל יעדער איינער קאָן דאָך קריגען צו יעדער צייט דאָס, וואָס ער דאַרף. הייסט עס, אַז אין דער ערשטער צייט פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וועלען די פּראָדוקטען, וואַרשיינליך, פאַרטיילט ווערען לויט דער ארבייטס־לייסטונג, און שפּעטער — לויט די באַדערפניסען פון די חברים־בירגער.

גאַנץ אָפט זאָגט מען, אַז אין דער צוקונפטיגער געזעלשאַפט וועט פאַרווירקליכט ווערען דאָס רעכט פון יעדען איינעם אויף דעם גאַנצען פּראָדוקט פון זיין ארבייט: קריג דאָס, וואָס דו האָסט אויסגעארבייט. דאָס איז ניט ריכטיג און דאָס קאָן קיינמאָל ניט דורכגעפיהרט ווערען אין א פולער מאָס. פאַרוואָס? פּשוט דערפאַר, ווייל אויב אַלע וואָלטען געקראָגען דאָס, וואָס זיי האָבען אויסגעאַרבייט, וואָלט אונמעגליך געווען צו ענטוויקלען ווייטער די פּראָדוקציע, פאַרברייטערען זי און פאַרגרעסערען. שטענדיג מוז א טייל פון דער ארבייט געהן אויף צו פאַרבסערען און פאַרגרעסערען די פּראָדוקציע. אויב מיר וואָלטען אויפגעגעסען און אויסגעטראָגען אַלץ, וואָס מיר האָבען אויסגעארבייט, וואָלטען מיר ניט געקאָנט אויסארבייטען קיין מאַשינען: מאַשינען — עסט מען דאָך ניט און מען קליידעט זיך אין זיי אויך ניט. פאַר יעדען איינעם איז אבער פאַרשטענדליך, אַז מיט דער פאַרברייטערונג און ענטוויקלונג פון דער מאַשינעריע, וועט זיך דאָס לעבען פאַרבעסערען. דאָס מיינט אָבער, אַז אַ טייל פון דער אַרבייט, וועלכע ליגט אין די מאַשינען וועט זיך ניט אומקעהרען צו דעם, וואָס האָט געארבייט. קיינמאָל קאָן, אַלזאָ, דער איינצעלנער ניט באַקומען דעם פולען ווערט פון זיין ארבייט און דאָס איז אויך גאָר ניט נויטיג. מיט דער הילף פון גוטע מאַשינען וועט די פּראָדוקציע זיין אַזוי אוועקגעשטעלט, אַז אַלע באַדערפנישען וועלען סיי ווי סיי באַפרידיגט ווערען.

אין דער צייט וועט, אַלזאָ, די פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטען פאָרקומען לויט דער געלייסטעטער אַ ר ב י י ט (הגם ניט לויט דעם פולען פּראָדוקט פון דער ארבייט) און שפּעטער, ווען אַלץ וועט זיין לרוב, לויט די ב אַ ד ע ר פ נ י ש ע ן.

16. די פאַרוואַלטונג אין דער קאָמוניסטישער אָרדנונג.

אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וועלען ניט זיין קיין קלאַסען. נאָר אויב עס וועלען דאָרט ניט זיין קיין קלאַסען,

הייסט עס, אז עס וועט אויך ניט זיין קיין שום מלוכה. מיר האָבען דאָך שוין פריהער געזאגט, אז א מלוכה איז אַ קלאסען־אָרגאניזאציע פאר הערשאפט; די מלוכה ווערט שטענדיג אויסגענוצט פון איין קלאס געגען דעם צווייטען; איז עס א בורזשואזע מלוכה, איז זי געווענדעט געגען פּראָלעטאריאט; איז עס א פּראָלעטארישע מלוכה איז זי געווענדעט געגען דער בורזשואזיע. אין דער קאָמוניסטישער אָרדנונג אָבער זיינען ניטאָ ניט קיין גוטס־באזיצער, ניט קיין קאַפּיטאליסטען, ניט קיין לוין־ארבייטער. עס זיינען נאָר פּאַראָן פּשוטע מענשען־חברים. ס'זיינען ניטאָ קיין קלאסען, איז ניטאָ קיין קלאַסענקאַמף. ס'זיינען אויך ניטאָ קיין קלאסען־אָרגאַניזאַציעס. ס'איז ניטאָ, הייסט עס, אויך קיין מלוכה: זי איז דאָ ניט נויטיג ווייל ס'איז ניטאָ קיין קלאַסענקאַמף. ס'איז ניטאָ וועמען צו האלטען אין די הענט, און ס'איז אויך ניטאָ ווער עס זאָל דאָס טאָן.

מ'וועט אונז אָבער פרעגען: ווי אזוי־זשע קען אַזאַ קאָלאָסאַלע ארגאניזאציע ארבייטען אָהן וועלכער עס איז פּאַרוואַלטונג? ווער־זשע וועט אויסארבייטען דעם פּלאַן פון דער געזעלשאפטליכער פּראָדוקציע? ווער וועט פאַרטיילען די ארבייטס־קרעפטען? ווער וועט בארעכענען די געזעלשאפטליכע אויסגאַבען און איינגאהמען? קורץ, ווער וועט האָבען די אויפזיכט איבער דער גאַנצער אָרדנונג?

דאַרויף איז ניט שווער צו ענטפערען. די הויפּט־פיהרונג וועט זיך געפינען אין פארשיידענע רעכענונגס־קאנטאָרען, אָדער סטאַטיסטישע ביוראָס. דאָרט וועט פון טאָג צו טאָג געפיהרט ווערען א רעכענונג פון דער גאַנצער פּראָדוקציע און פון אלע באדערפנישען פון דער פּראָדוקציע. דאָ וועט אויך אָנגעוויזען ווערען, וואוהין מ'דאַרף צוגעבען ארבייטס־קרעפטען, פון וואַנען אָפּנעהמען, וויפיל מ'דאַרף ארבייטען. און אזוי ווי אלע וועלען פון קינדווייז אָן זיין צוגעוואוינט צו געמיינשאפטליכער ארבייט, און אלע וועלען פארשטעהן, אז זי איז נויטיג און אז ס'איז פיל לייכטער צו לעבען, ווען אלץ ווערט אָנגעפיהרט לויט א דורכגעטראכטען פּלאַן, — וועלען אלע טאָקע ארבייטען לויט די אָנוויי־

זונגען פון אַט די סטאַטיסטישע ביוראָס. דאָ זיינען ניט נויטיג קיין ספּעציעלע מיניסטאָרען, קיין פּאָליציי, קיין טורמעס, קיין געזעצען, קיין דעקרעטען — קיין זאַך ניט. פּונקט ווי אין אַן אָרקעסטער קוקען אַלע אויף דעם דיריגענט׳ס שטעקעלע און טוען שוין ווי דאָס שטעקעלע ווייזט אָן, אזוי וועט מען דאָ אויך קוקען אויף די טאַבעלען־ציפערען און ארבייטען אזוי, ווי ס׳איז אין זיי אָנגעוויזען.

דאָ איז, אלזאָ, מעהר קיין מלוכה ניטאָ. עס עקזיסטירט ניט קיין גרופּע און קיין שום קלאַס, וואָס זאָל שטעהן איבער די איבעריגע קלאַסען. חוץ דעם וועט אין אַט די סטאַטיסטישע ביוראָס ארבייטען היינט — איינער, מאָרגען —א צווייטער. די ביוראָקראַטיע, די גרופּע פון שטענדיגע טשינאָווניקעס וועט פארשווינדען. די מלוכה וועט אפּשטאַרבען.

אזוי, פארשטעהט זיך, וועט זיין אין דער אַנטוויקעלטער, באַפעסטיגטער קאָמוניסטישער ארדנונג, נאָך דעם פולשטענדיגען און ענטגילטיגען זיג פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, און דאָס אויך ניט גאָר אזוי גיך אפילו נאָך דעם דאָזיגען זיג. דעם ארבייטער־קלאַס וועט דאָך נאָך לאַנג אויסקומען צו קעמפען מיט זיינע שונאים, און דערנאָך מיט אַלע רעשטלאַך פון דער פארגאַנגענהייט: מיט פוילקייט, מיט נאַכלעסיגקייט, פארברעכערישקייט, גאוה. עס וועלען זיך מוזען איבערבייטען א צוויי־דריי דורות, ערצויגענע און אויסגעוואקסענע אונטער גאַנץ נייע באַדינגונגען, ביז עס וועט פארשווינדען די נויטווענדיגקייט צו האָבען געזעצען און שטראָפען, ביז דער ארבייטער־שטאַט וועט אויסראָטען אלע רעשטלאַך פון דער קאַפּיטאַליסטישער פארגאַנגענהייט. נאָר אויב פאַר אַט דעם צוועק איז נויטיג אַן ארבייטער מלוכה, וועט אין אַן אַנטוויקעלטער אָרדנונג, ווען ס׳וועלען אָפּשטאַרבען די רעשטלאַך פונ׳ם קאַפּיטאַליזם, אויך אָפּשטאַרבען דער שטאַט־אַפּאַראַט פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט. דער פּראָלעטאַריאַט גופא וועט זיך אויסמישען מיט די איבעריגע שיכטען, ווייל ביסלאַכוויז וועלען אַלע אריינגעצויגען ווערען אין דער אַלגעמיינער ארבייט, און אין א יאָהר צעהן־צוואַנציג ארום, וועט ווערען גאָר אַן אנדער וועלט מיט אנדערע מענשען און אנדערע זיטען.

17. די ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען אין דער קאָמוניסטישער אָרדנונג.

(די מעלות פונ'ם קאָמוניזם.)

ווען די קאָמוניסטישע אָרדנונג וועט האָבען געזיגט און אַלע וואונדען וועלען פאַרהיילט ווערען, וועט זיך שנעל רוקען **פאָראויס די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען**. אָט די גוואַלדיג שנעלע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען וועט פאָרקומען אָט צוליב וועלכע אורזאַכען: ערשטענס, וועט באַפרייט ווערען אַ גאַנצע מאַסע פון מענשליכער ענערגיע, וועלכע דער **קלאַסענקאַמף** נעמט איצט אַוועק. ניט נאָר אַ ווײַלע אַ טראַכט, וויפיל ס'געהט איצט אַוועק נערוועז, כוחות, אַרבייט אויף פּאָליטיק, סטרייקס, אויפשטאַנדען, דערשטיקען די אויפשטאַנדען, געריכטען, פּאָליציי, מלוכה־מאַכט, אויף די טאָגטעגליכע אָנשטרענגונגען פון יעדען צד באַזונדער.

דער קלאַסענקאַמף שלינגט איין אַ מאַסע כוחות און מיטלען. די דאָזיגע כוחות ווערען פריי; מענשען הערען אויף צו קעמפען איינער מיט'ן צווייטען. אָט די באַפרייטע כוחות ווערען אויסגענוצט פאַר פּראָדוקטיווער אַרבייט. צווייטענס, ווערען דאַן איינגעשפּאָרט כוחות און מיטלען, וועלכע ווערען איצט צושטערט אָדער פאַרשוועדעט אויף קאָנקורענץ, קריזיסען, מלחמות. ווען מען זאָל נאָר אויסרעכענען וויפיל עס קאָסטען איצט אָפּ מלחמות, וועט שוין דאָס אַליין אויסמאַכען אַן אומגעהויער גרויסע סומע. היינט וויפיל פאַרלוסטען ליידעט די געזעלשאַפט אַ דאַנק דעם קאַמף, וואָס ס'קומט פאָר צווישען די פאַרקויפער פון איין זייט און די קויפער און די פאַרקויפער פון דער צווייטער זייט. וויפיל כוחות געהט אין ניוועץ אין די קריזיסען; וויפיל ענערגיע ווערט פאַרשוועדעט אומזיסט צוליב דער ניט אָרגאַניזירטקייט און צוליב דעם כאַאָס, וואָס הערשט אין דער פּראָדוקציע! אָט די אַלע כוחות, וואָס געהן איצט פאַרלאָרען, ווערען פאַרשפּאָרט אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. **דריטענס**, די אָרגאַניזירטקייט און אַ צוועקמעסיגער פּלאַן שפּאָרען איין ניט נאָר איבעריגע אויסגאַבען (די גרויס־פּראָדוקציע שפּאָרט שטענדיג איין), נאָר

זיי וועלען אויך געבען א מעגליכקייט בעסער אוועקצושטעלען די זאך טעכניש: די ארבייט וועט דורכגעפירט ווערען אין די גרעסטע פאבריקען מיט דער הילף פון די בעסטע טעכנישע מיטלען.ביים קאפיטאליזם איז דאך אפילו דאס אנווענדען פון מאשינען געווען באגרעניצט: דער קאפיטאליסט פלעגט נאר דאן איינפיהרען מאשינען, ווען ער האט ניט געהאט קיין גענוג ביליגע ארבייטס־הענט. פלעגט ער נאר געפינען ביליגע אר־בייטס־הענט האט ער שוין ניט נויטיג געהאט איינצופיהרען מא־שינען. ווייל ער האט אהן מאשינען אויך געהאט א גאנץ שעה־נעם פראפיט. ער פלעגט זיך נאר דאן נויטיגען אין א מאשין, ווען זי פלעגט איהם איינשפארען טייערע ארבייטס־קראפט. און אזוי ווי ביים קאפיטאליזם זיינען ארבייטס־הענט בכלל ביליג, ווערט די שלעכטע לאגע פונ׳ם ארבייטער־קלאס א ש ט ע ר ו נ ג פאר דער פארבעסערונג פון דער טעכניק. זעהר בולט פלעט זיך דאס ארויסווייזען אין דער לאנדווירטשאפט. דארט זיינען שטענ־דיג געווען ביליגע ארבייטס־הענט, און דעריבער איז דארט די אנטוויקלונג פון מאשין־ארבייט געגאנגען זעהר לאנגזאם. די ק א מ ו נ י ס ט י ש ע געזעלשאפט זארגט אבער ניט פאר׳ן פראפיט, נאר פאר די ארבייענדע גופא. דא ווערט יעדע פאר־בעסערונג גלייך אויפגעכאפט און דורכגעפיהרט אין לעבען. דער קאמוניזם געהט ניט מיט׳ן וועג פונ׳ם קאפיטאליזם. די טעכנישע ערפינדונגען וועלען אויך פראגרעסירען אונטער דעם קאמוניזם; ווייל אלע וועלען קריגען א גוטע בילדונג. און די, וואס פלעגען ביים קאפיטאליזם שטארבען פון הונגער (צ. ב. די טאלאנטפולע ארבייטער), וועלען דא האבען א פולשטענדיגע מעגליכקייט צו ענטוויקלען זייערע פעהיגקייטען.

אין דער קאמוניסטישער געזעלשאפט וועט אויך פארשווינדען דער פ א ר א ז י ט י ז ם, ד. ה., עס וועלען ניט זיין קיין מענ־שען־פאראזיטען, וואס טוען גאר נישט און לעבען אויפ׳ן חשבון פון אנדערע. דאס, וואס ווערט אין דער קאפיטאליסטישער געזעל־שאפט פון די קאפיטאליסטען פארהוליעט, אויפגעפרעסען און פאר׳שיכור׳ט, וועט אין דער קאמוניסטישער געזעלשאפט פארווענ־דעט ווערען אויף פראדוקטיווע באדערפענישען. די קאפיטאליס־

טען, זייערע לאקייען און משרתים, די גלחים, פראסטיטוטקעס, א. א. וו. וועלען פארשווינדען און אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט וועלען זיין פארנומען מיט פראדוקטיווער ארבייט.

דער קאמוניסטישער וועג פון פראדוקציע וועט באדייטען א קאלאסאלע אנטוויקלונג פון די פראדוקטיווע קרעפטען, ד. ה., אז יעדען ארבייטער פון דער קאמוניסטישער געזעלשאפט וועט אויסקומען א סך ווינציגער ארבייטען, ווי פריהער. דער ארבייטס־טאג וועט ווערען אלץ קירצער און די מענשען אלץ מעהר באפרייט פון די קייטען, וואס די נאטור לייגט אויף זיי ארויף. וויבאלד דעם מענשען וועט אויסקומען אפגעבען וועניג צייט אויף צו דערנעהרען און באקליידען זיך, הייסט עס, אז ער וועט האבען א סך צייט צו פארנעהמען זיך מיט זיין גייסטיגער ענטוויקלונג. די מענשליכע קולטור וועט שטייגען צו אן אומגעהויערער הויך און זי וועט טאקע זיין א ווירקליך־מענשליכע און ניט קיין קלאסען־קולטור. עס וועט פארשוואונדען ווערען ניט נאר די הערשאפט פון איין מענש איבער א צווייטען, נאר עס וועט אויך פארשווינדען די הערשאפט פון דער נאטור איבער די מענשען. און ערשט דאן וועט די מענשהייט אנהויבען פיהרען א באמת־שכל'דיגען לעבען, און ניט קיין לעבען פון חיות.

די געגנער פון קאמוניזם האבען שטענדיג פארגעשטעלט דעם קאמוניזם אלס א גלייכפארטיילונג פון פראדוקטען צווישען אלעמען. זיי זאגען, אז די קאמוניסטען ווילען אלץ קאנפיסקירען און גלייכמעסיג איינטיילען צווישען זיך: די ערד און אלע אנדערע מיטלען פון פראדוקציע און אויך די געברויכס־ארטיקלען. עס קאן אבער גאר קיין גרעסערער אומזין ניט זיין, ווי אזא מיינונג. קודם כל איז גאר אין אלגעמיין אוממעגליך אזא מין צעטיילונג. מען קען צעטיילען די ערד, די בהמות, דאס געלט. מען קען אבער ניט טיילען די אייזענבאהנען, די מאשינען, די דאמף־שיפען, די קאמפליצירטע אפאראטען. דאס איז איינס. צווייטענס, קאן פון אזא צוטיילונג ניט נאר קיין גוטס ניט ארויסקומען, נאר פארקעהרט, זי גיט א שטויס די מענשהייט אויף צוריק. זי ברענגט צו אן אויסבילדונג פון א גרויסער צאהל קליינע אייגענטימער. ווייסען מיר דאך שוין, אז פונ'ם קליין־אייגענטום און דורך דער קאנקורענץ צווישען די קליינע באזיצער ווערט געשאפען דער גרויס־באזיצער. אלזא, ווען עס וואלט פארווירקליכט ווערען די אלגעמיינע צוטיילונג, וואלט זיך

די געשיכטע ווידער אָנגעהויבען פון אָנפאַנג, און די מענשהייט וואָלט אויפסניי געהאַט צו זינגען דאָס אַלטע לידעל.

דער **פּראָלעטאַרישער** קאָמוניזם (אָדער פּראָלעטאַרישער סאָציאַליזם) איז אַ גרויסע חבר׳יש־פאַראייניגטעווירטשאַפט. ער איז דער רעזולטאַט פון דער גאַנצער ענטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און פון דער לאַגע פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט אין דער דאָזיגער געזעלשאַפט. מען דאַרף וויסען, אַז דער פּראָלעטאַרישער קאָמוניזם איז גאָר עפּעס אַנדערש ווי:

1. **דער לומפּען־פּראָלעטאַרישער סאָציאַליזם (אַנאַרכיזם)**. די אַנאַרכיסטען וואַרפען פאָר די קאָמוניסטען, אַז דער קאָמוניזם האַלט אָן די מלוכה־מאַכט אין דער קומענדיגער געזעלשאַפט. ווי מיר האָבען געזעהן איז דאָס ניט ריכטיג. דער אמת׳ער אונטערשייד באַשטעהט אין דעם, וואָס די אַנאַרכיסטען שענקען אַ סך מעהר אויפמערקזאַמקייט אויף דער פאַרטיילונג פון דער פּראָדוקציע ווי אויף איהר אָרגאַניזירונג. און די דאָזיגע אָרגאַניזירונג פון דער פּראָדוקציע שטעלען זיי זיך פאָר ניט ווי אַ קאָלאָסאַלע חבר׳שע ווירטשאַפט, נאָר ווי אַ גרויסע צאָהל פון קליינע „פרייע" קאָמונעס, וואָס פאַרוואַלטען זיך זעלבסטשטענדיג. ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז אַזאַ אָרדנונג קאָן ניט באַפרייען די מענשהייט פון דער נאַטור־אונטערדריקונג. אין אַזאַ אָרדנונג קענען זיך די פּראָדוקטיווע כוחות ניט ענטוויקלען אפילו צו אַזאַ הויך, וועלכע זיי האָבען דערגרייכט ביים קאַפּיטאַליזם. ווייל דער אַנאַרכיזם מאַכט ניט גרעסער און ברייטער די פּראָדוקציע, נאָר ער **צעברעקעלט** זי. ס׳איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אין דער פּראַקטיק זיינען די אַנאַרכיסטען אָפט מאָל גענויגט צו צוטיילען די געברויכטע אַרטיקלען, און טרעטען אַרויס **געגען** דער אָרגאַניזירונג פון דער גרויס־פּראָדוקציע. זיי שפּיגלען הויפּטזעכליך אָפּ די אינטערעסען און שטרעבונגען ניט פונ׳ם אַרבייטער־קלאַס, נאָר פון דעם אַזוי גערופענעם לומפּען־פּראָלעטאַריאַט, וועלכען ס׳לעבט זיך שווער אונטער׳ן קאַפּיטאַליזם, וועלכער איז אָבער ניט פעהיג צו קיין שום זעלבסטשטענדיגער שאַפענדיגער אַרבייט.

2. **דער קליינבירגערליכער סאָציאַליזם**. ער שטיצט זיך ניט אויפ׳ן פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויף אונטערגעהענדע האַנדווערקער, שטאָטישע קליינבירגער, צום טייל אויך אויף דער אינטעליגענץ. ער פּראָטעסטירט געגען דעם גרויס־קאַפּיטאַל און איז פאַר דער „פרייהייט" פון דעם קליינעם אונטערנעמער. דאָס רוב שטעהט ער פאַר בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, איז געגען דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און האָפט צו דערגרייכען זיינע אידעאַלען אויף אַ „פרידליכערען אופן": דורך דער ענטוויקלונג פון קאָאָפּעראַטיווען, דורך דער פאַראייניגונג פון הוים־אַרבייטער, א. אַז. וו. אונטער דעם קאַפּיטאַליזם פאַרוואַנדלען זיך גע־

וויינציק זייערע אונטערנעהמונגען אין פשוט'ע קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, און די קאָאָפּעראַטיווען אונטערשיידען זיך דעמאָלט כמעט מיט קיין זאַך ניט פון אויסגעשפּראָכענע בורזשועז.

3. דער אַגראַר־סאָציאַליזם נעמט אָן פאַרשידענע פאָרמען, אָפטמאָל דערנענטערט ער זיך צום דאָרפישען אַנאַרכיזם. פאַר איהם איז הויפּטזעכליך כאַראַקטעריסטיש דאָס, וואָס ער שטעלט זיך קיינמאָל ניט פאָר דעם סאָציאַליזם ווי אַ גרויסע ווירטשאַפט און ער גיט זיך אָפּ מעהר דער צעטיילונג און „אויסגלייכונג"; פונ'ם אַנאַרכיזם אונטערשיידט ער זיך דערהויפּט דערמיט, וואָס ער פאָדערט אַ שטאַרקע מאַכט, וועלכע זאָל איהם פון איין זייט באַשיצען פונ'ם גיטס־באַזיצער (פּאָמעשטשיק), פון דער אַנדערער זייט — פונ'ם פּראָלעטאַריער. דער דאָזיגער מין „סאָציאַליזם" איז די „סאָציאַליזירונג פון דער ערד" פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, וועלכע באַפעסטיגט אויף אייביג די קליין־פּראָדוקציע און האָט מורא פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט און פאַר דער פאַרוואַנדלונג פון דער גאַנצער פאָלקס־ווירטשאַפט אין אַ חבר'ש גרויסע געזעלשאַפטליכע פאַראייניגונג. אגב זיינען ביי איניגע שיכטען פונ'ם פויערטום דאָ נאָך אַנדערע מינים סאָציאַליזמען, וועלכע דערנעהנטערען זיך מעהר אָדער ווייניגער צום אַנאַרכיזם, (צ. ב. דער קאָמוניזם פון די סעקטאַנטען, דוכאָבאָרען, א. אַז. וו.) עס דאַרף צוועקגעהן אַ שעהן ביסעל יאָרען, ביז עס וועלען אויסגעראָטען ווערען די פויערשע נייגונגען און די פויערשע מאַסע וועט איינזעהן אַלע מעלות פון דער גרויס־ווירטשאַפט (וועגען דעם וועט אונז נאָך אויסקומען צו ריידען שפּעטער).

4. דער אַזוי גערופענער סאָציאַליזם פון שקלאַפענטרייבער און גרויס־קאַפּיטאַל. אין דער אמת'ן געפינט מען דאָ ניט אפילו דעם שאָטען פון סאָציאַליזם. אויב אין די דריי אויבענגעבראַכטע גרופּעס פון „סאָציאַליזם" זיינען נאָך דאָ עפּעס אָנצוהערענישען אויף דעם און אויב אין זיי איז יאָ פאַראַן אַ פּראָטעסט געגען דער אונטערדריקונג, איז עס אין אָט דעם פאַל ניט מער ווי אַ וואָרט, וואָס ווערט שווינדלעריש באַנוצט. די דאָזיגע מעטאָדע איז איינגעפיהרט געוואָרען פון די בורזשואַזע געלערנטע און צוליב זיי אויך פון די פּשרה־סאָציאַליסטען (טיילווייז איז זי אפילו איבערגענומען געוואָרען פון קאַוטסקי'ן און קאָמפּ.) פון דעם מין איז, צ. ב., דער „קאָמוניזם" פונ'ם אַלט־גריכישען פילאָזאָף פּלאַטאָן. ער באַשטעהט אין דעם, וואָס די אָרגאַניזאַציע „פון שקלאַפען־האַלטער עקספּלואַטירט „חבר'ש" און געמיינזאַם די מאַסע פון רעכטלאָזע שקלאַפען. די שקלאַפען־האַלטער האָבען פולשטענדיגע גלייכהייט און אַלץ געהערט צו זיי אַלעמען. די שקלאַפען האָבען גאָרנישט: זיי זיינען פאַרוואַנדעלט אין בהמות. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס שמעקט אפילו ניט מיט סאָציאַליזם. אַזאַ מין „סאָציאַליזם" פּרעדיגען אויך

איינציגע בורזשואַזע פּראָפעסאָרען אונטער דער פאָרם פון „מלוכה־סאָ־ציאַליזם", נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס אין שקלאַפען ווערט פאַר־וואַנדעלט דער איצטיגער פּראָלעטאַריאַט. און אנשטאט די שקלאַפען־אייגענטימער זיצען אויבען אָן די גרעסטע קאַפּיטאַליסטען. אין דער אמת'ן איז אויך דאָ גיט קיין שאָטען פון סאָציאַליזם, נאָר ס'איז פאַראַן אַ שטאַט־קאַפּיטאַליזם פון צוואַנגס־ארבייט (וועגען דעם וועט נאָך שפּעטער גערעדט ווערען).

דער קליינבירגערליכער, אַגראַרישער און לומפּען־פּראָלעטאַרישער סאָציאַליזם האָבען איין געמיינזאַמען שטריך: אַט די אַלע מינים פון ניט־פּראָלעטאַרישען סאָציאַליזם נעמען ניט אין אָנבאַטראַכט דעם ווירק־ליכען גאַנג פון דער ענטוויקלונג. דער גאַנג פון דער ענטוויקלונג פיהרט דערצו, אַז די פּראָדוקציע זאָל פאַרגרעסערט ווערען. און ביי זיי איז אַלץ באַזירט אויף דער קליין־פּראָדוקציע. דעריבער שטעלט דער דאָזיגער סאָציאַליזם מיט זיך פאַר ניט מעהר ווי אַ חלום, אַן אוטאָפּיע, וואָס קאָן ניט האָפען ווען עס איז פאַרווירקליכט צו ווערען.

18. די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

כדי צו פאַרווירקליכען די קאָמוניסטישע אָרדנונג, מוז דער פּראָלעטאַריאַט האָבען אין זיינע הענט די גאַנצע מאַכט און די גאַנצע קראַפט. ער קען ניט איבערקעהרען די אַלטע וועלט, אויב ער וועט ניט האָבען אין זיינע הענט אַט די קראַפט, אויב ער וועט ניט ווערען אויף אַ געוויסע צייט דער הערשענדער קלאַס. עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די בורזשואַזיע וועט אָהן אַ קאַמף ניט אָפּטרעטען פון איהרע פּאָזיציעס. ווייל קאָמוניזם מיינט דאָך פאַר איהר צו פאַרלירען די פריהערדיגע מאַכט, די פריהערדיגע פּאָזיציע. דאָס הייסט דאָך פאַרלירען די פרייהייט ארויסצופּרע־סען פונ'ם ארבייטער זיין שווייס און בלוט; דאָס הייסט דאָך פאַרלירען דאָס רעכט אויף פּראָפיטען, פּראָצענטען, רענט, א. א. וו. די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, די קאָמוני־סטישע רעפאָרמירונג פון דער געזעלשאַפט, שטויסט זיך דעריבער אָן אויף אַ הארטנעקיגען קאַמף און ווידערשטאַנד מצד די עקס־פּלואַטאַטאָרען. די אויפגאַבע פון דער ארבייטער־מאַכט באַ־שטעהט טאַקע אין דעם, וואָס זי מוז אומ'ברחמנות'דיג א ו נ ־ ט ע ר ד ר י ק ע ן דעם דאָזיגען ווידערשטאַנד. אזוי אָבער, ווי

דער דאָזיגער ווידערשטאַנד וועט אומפאַרמיידליך זיין זעהר אַ שטאַרקער, מוז די פּראָלעטאַרישע מאַכט זיין אַן ארבייטער ־ ד י ק ־ ט אַ ט ו ר. אונטער „דיקטאטור" דאַרף מען פאַרשטעהן אַ שטרענגע פאָרם פון רעגירונג און ענטשלאָסענהייט ביים אונטער־דריקען די פיינט. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אז ביי אַזאַ מין לאַגע קאָן ניט זיין קיין רייד וועגען פרייהייט פאַר אַ ל ע מ ע נ ־ ש ע ן. די דיקטאַטור פונ'ם פּראָלעטאַריאַט איז אוממעגליך צו־זאַמען מיט פרייהייט פאַר דער בורזשואזיע. די דאָזיגע דיקטאַ־טור איז טאַקע נויטיג, כדי אָפּצונעהמען ביי דער בורזשואזיע די פרייהייט, כדי צו ב י נ ד ע ן ביי איהר הענט און פיס, כדי ניט צו דערלאָזען, אַז די בורזשואזיע זאָל פיהרען אַ קאַמף געגען דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט. וואָס גרעסער ס'איז דער ווי־דערשטאַנד פון דער בורזשואזיע, וואָס ענערגישער זי מאָביליזירט איהרע כוחות, וואָס געפעהרליכער זי איז, אַלץ האַרטער און פעס־טער דאַרף זיין די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, וועלכע דאַרף אין ספּעציעלע פאַלען זיך אפילו ניט אָפּשטעלען פאַר טעראָר. ערשט נאָך דעם ווי די עקספּלואַטאַטאָרען ווערען פאָלשטענדיג אונטער־דריקט, ווען זיי הערען אויף ארויסצואווייזען אַ ווידערשטאַנד, ווען פאַר דער בורזשואזיע וועט ניט זיין מעהר קיין שום מעגליכקייט צו שאַדען דעם ארבייטער־קלאַס, — וועט די פּראָלעטארישע דיק־טאַטור מילדער ווערען. אונטער דער צייט וועט דערווייל די פריי־הערדיגע בורזשואזיע ביסלאכווייז זיך צונויפמישען מיט'ן פּראָלע־טאַריאַט. די ארבייטער־מלוכה וועט לאַנגזאַם אָפּשטאַרבען, און די גאַנצע געזעלשאַפט וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, אָהן שום צוטיילונג אויף קלאַסען.

אונטער דער דיקטאַטור פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז ניט מעהר ווי אַ פ אַ ר ב י י ג ע ה ע נ ד ע איינריכטונג, געהערען די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, אין תוך גענומען, ניט צו דער גאַנצער געזעלשאַפט אָהן אויסנאַהם, נאָר צום פּראָלעטאַריאַט אַליין, צו זיין מ ל ו כ ה'ש ע ר א ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע. אויף אַ צייט מאָנאָ־פּאָליזירט דער ארבייטער־קלאַס, ד. ה., די מעהרהייט פון דער באַפעלקערונג, אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען. דעריבער האָבען מיר דאָ נאָך ניט קיין פאָלשטענדיגע ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע פּראָ־

דוקציע. דאָ עקזיסטירט נאָך די קלאַסען־צוטיילונג פון דער געזעלשאפט; דאָ איז נאָך פאַראַן אַ הערשענדער קלאַס (דער פּראָלעטאַריאַט); דאָ מאָנאָפּאָליזירט נאָך דער דאָזיגער *נייער* קלאַס אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען; דאָ איז נאָך פאַראַן אַ מלוכה־מאַכט (די מאַכט פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט), וואָס אונטערדריקט איהרע שונאים. אָבער צוגלייך מיט דעם, ווי ס׳ווערט אונטערדריקט דער ווידערשטאַנד פון די געוועזענע קאַפּיטאַליסטען, גוט־באַזיצער, באַנקירען, געגעראַלען און גלחים, געהט די *אָרדנונג פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור איבער אָהן שום רעוואָלוציעס צום קאָמוניזם.*

די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור איז ניט נאָר אַ מיטעל צו אונטערדריקען דעם שונא, נאָר זי איז אויך דער *וויכטיגסטער מיטעל פאַר דער עקאָנאָמישער איבערקעהרעניש.* די דאָזיגע איבערקעהרעניש דאַרף דאָך פאַרוואַנדלען דאָס פּריוואַט אייגענטום פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין אַ געזעלשאַפטליכען אייגענטום; די דאָזיגע איבערקעהרעניש מוז ארויסרייסען („עקספּראָפּריאירען”) ביי דער בורזשואַזיע די פּראָדוקציאָנס און פאַרקערס־מיטלען. פרעגט זיך דאָן: ווער זאָל דאָס דורכפיהרען? ס׳פאַרשטעהט זיך, אַז נישט קיין איינצעלנע פּערזאָן און אויך ניט קיין איינצעלנע קליינע גרופּען. דעמאָלט וואָלט זיך אין בעסטען פאַל באַקומען אַ חלוקה און אין ערגסטען פאַל וואָלט זיך דערפון אויסגעלאָזען אַ פּשוט׳ע רויבעריי. עס איז דעריבער פאַרשטענדליך, אַז די עקספּראָפּריאַציע פון דער בורזשואַזיע מוז דורכגעפיהרט ווערען דורך דער *אָרגאַניזירטער* מאַכט פון פּראָלעטאַריאַט. און אַזאַ אָרגאַניזירטע מאַכט שטעלט מיט זיך טאַקע פאָר די דיקטאַטאָרישע ארבייטער־רעגירונג.

געגען דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור טרעט מען אַרויס פון אַלע זייטען. ערשטענס, די *אַנאַרכיסטען.* זיי זאָגען, אַז זיי קעמפּפען געגען יעטוועדער מאַכט, געגען יעדען שטאַט, אין דער צייט וואָס די באָלשעוויקעס, די קאָמוניסטען, האַלטען פאַר דער סאָוועטען־מאַכט. אָבער אַזוי ווי יעדע מאַכט איז אַ געוואַלד־טאַט און אַן אונטערדריקונג פון דער פרייהייט, מוז מען אַראָפּוואַרפען די סאָוועטען־מאַכט און די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. מען דאַרף ניט האָבען קיין שום דיקטאַטור, קיין שום מלוכה.

אַזוי טענה'ן די אַנאַרכיסטען, און זיי מיינען, אַז זיי זיינען דערמיט גוואַלדיגע רעוואָלוציאָנערען. אין דער אמת'ן זיינען די אַנאַרכיסטען ניט לינקער, נאָר רעכטער פון די קאָמוניסטען. צו וואָס דאַרפען מיר דען האָבען די דיקטאַטור? כדי אָרגאַניזירטערהייט אַרויסצורייסען די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע, כדי אָנצואווענדען **געוואלט** (מיר זאָגען עס אָפען) געגען די שונאים פון פּראָלעטאַריאַט. ווער עס איז געגען דער דיקטאַטור, דער האָט מורא פאַר ענטשלאָסענע טאַטען, דעם מוט וועה צו באַגעהן אַן עולה געגען דער בורזשואַזיע; דער איז ניט קיין רעוואָלוציאָנער. ווען מיר וועלען אינגאַנצען באַזיגען די בורזשואַזיע, וועלען מיר זיך ניט נויטיגען אין קיין שום דיקטאַטור; נאָר ווען עס פיהרט זיך אַ קאַמף אויף לעבען און טויט, דאַן איז די הייליגע פליכט פונ'ם אַרבייטער־קלאַס ענערגיש צו אונטערדריקען זיינע שונאים. **צווישען** דעם קאָמוניזם און קאַפּיטאַליזם **מוז** זיין אַן עפּאָכע פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

עס טרעטען אויך אַרויס געגען דער דיקטאַטור די **סאָציאַל־דעמאָקראַטען**, הויפּטזעכליך די מענשעוויקעס. אָט די הערען האָבען אינגאַנצען פאַרגעסען, וואָס זיי האָבען אַמאָל אַליין געשריבען. אין אונזער אַלטער פּראָגראַם, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען **צוזאַמען** מיט די מענשעוויקעס, איז דאָך שוואַרץ אויף ווייס געזאָגט געוואָרען: „דער אומבאַדינגטער תנאי פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע איז די **דיקטאַטור** פונ'ם **פּראָלעטאַריאַט**. דאָס הייסט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל קריגען אַזאַ פּאָליטישע מאַכט, וועלכע זאָל איהם געבען די מעגליכקייט צו **דערשטיקען** יעדען ווידערשטאַנד פון די עקספּלואַטאַטאָרען". אונטער דעם שרייבען זיך אויך אונטער (מיט'ן מויל) די מענשעוויקעס. ווען עס קומט אָבער צו **טאַטען**, הויבען זיי אָן צו שרייען, אַז מען רויבט אַוועק די פריהייטען פון דער בורזשואַזיע, אַז מיין פאַרמאַכט די בורזשואַזע צייטונגען, אַז די „באָלשעוויקעס געברויכען טעראָר", א. אַז. וו. אין זיין צייט האָט אפילו פּלעכאַנאָוו גאַנץ גערן אַנערקענט פאַר ריכטיג די אום'ברחמנות'דיגע מיטלען געגען דער בורזשואַזיע. ער האָט געזאָגט, אַז מיר מעגען צונעמען ביי דער בורזשואַזיע איהר וואַל־רעכט, א. א. וו. דאָס אַלץ האָבען איצט פאַרגעסען די מענשעוויקעס, וועלכע זיינען אַריבער אין דעם לאַגער פון דער בורזשואַזיע.

ענדליך טרעטען אויך פילע אַרויס געגען די קאָמוניסטען פון אַ ריין מאָראַלישען שטאַנדפּונקט. זיי זאָגען, אַז מיר פּסקנ'ען, ווי די ווילדע האָטענטאָטען. דער האָטענטאָט זאָגט: „ווען איך נעם צו ביי מיין שכן זיין ווייב, איז דאָס גוט; ווען ער נעמט צו ביי מיר מיין ווייב — הייסט דאָס שלעכט". און די באָלשעוויקעס, הייסט עס, אונטערשיידען זיך מיט גאָרניט פון די דאָזיגע ווילדע, ווייל זיי זאָגען

דאָך: „ווען די בורזשואַזיע ווענדט אָן געוואַלט געגען פּראָלעטאַריאַט איז עס שלעכט. ווען דער פּראָלעטאַריאַט ווענדט אָן געוואַלט געגען דער בורזשואַזיע איז עס גוט.″

די, וואָס טענה'ן אַזוי, פאַרשטעהען לחלוטין ניט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. ווען זיי ריידען וועגען האָטענטאָטען, האָבען זיי צו טאָן מיט צוויי גלייכע מענשען, וועלכע גנב'ענען איינער ביים צווייטען די ווייבער צוליב איין און די זעלבע טעמים. דער פּראָלעטאַריאַט און די בורזשואַזיע זיינען אָבער לחלוטין ניט קיין צוויי גלייכע. דער פּראָלעטאַריאַט איז אַ געוואַלטיג גרויסער קלאַס, די בורזשואַזיע איז אַ הייפעלע. דער פּראָלעטאַריאַט קעמפט פאַר דער באַפּרייאונג פון דער גאַנצער מענשהייט; די בורזשואַזיע — כדי אָנצוהאַלטען אונטערדריקונג, מלחמות, עקספּלואַטאַציע. דער פּראָלעטאַריאַט קעמפט פאַר'ן קאָמוניזם; די בורזשואַזיע —כדי איינצוהאַלטען דעם קאַפּיטאַליזם. וואָלטען דער קאָמוניזם און דער קאַפּיטאַליזם געווען די זעלבע זאַך, וואָלטען די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט געווען ענליך צו צוויי האָטענטאָטען. איצט אָבער קעמפט נאָר דער פּראָלעטאַריאַט פאַר אַ נייע אָרדנונג; אַלץ וואָס העלפט איהם אין דעם דאָזיגען קאַמף — איז נוצליך; אַלץ וואָס שטערט — איז שעדליך.

19. די עראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט.

דער פּראָלעטאַריאַט פאַרווירקליכט זיין דיקטאַטור דורך דער עראָבערונג פון מלוכה־מאַכט. וואָס הייסט אָבער עראָבערען די מאַכט? אַ סך מיינען, אַז עראָבערען די מאַכט ביי דער בורזשואַזיע איז דאָס זעלבע ווי איבערלייגען אַ שפּיל־באַל פון איין קעשענע אין אַ צווייטע. פריהער איז די מאַכט געווען ביי דער בורזשואַזיע אין די הענט, און דערנאָך האָט דער פּראָלעטאַריאַט פאַרטריבען די דאָזיגע בורזשואַזיע און האָט די מאַכט, וואָס האָט זיך געפונען ביי איהר אין די הענט, צוגענומען פאַר זיך. ער האָט ניט געשאַפען קיין נייע מאַכט, נאָר ער האָט פאַרכאַפּט אין זיינע הענט די אַלטע.

אַזאַ מיינונג איז לחלוטין פאַלש. ס'איז גענוג זיך גוט אריינצוטראַכטען אין דער זאַך, כדי איינצוזעהן, אין וואָס עס באַשטעהט דער טעות.

די מלוכה־מאַכט איז אַן אָרגאַניזאַציע. די בור־

זשואזע מלוכה־מאכט איז אַ בורזשואַזע אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער מענשען זיינען אויף אַ באַשטימטען שטייגער צוגע־פּאַסט פאַר געוויסע ראָלען: אין דער ארמיי זיצען אויבען־אָן די גענעראַלען, און אין דער רעגירונג די מיניסטאָרען — אַלע פון דעם רייכען קלאַס מענשען. ווען דער פּראָלעטאַריאַט קעמפט פאַר דער מאכט, איז געגען וועמען פיהרט ער אָן דעם קאַמף? קודם כל געגען אָט־דער בורזשואזער אָרגאַניזאַציע. אָבער ווען ער קעמפט געגען איהר, הייסט עס, אז זיין אויפגאַבע באַשטעהט אין געבען איהר קלעפּ און פאַרניכטען זי. און אַזוי ווי די הויפּט־מאכט פון שטאַאט באַשטעהט אין דער ארמיי, איז, כדי צו באַ־זיגען די בורזשואַזיע, קודם כל נויטיג אונטערצוגראָבען און צו־שטערען די בירגערליכע ארמיי. די דייטשע קאָמוניסטען קענען ניט אראָפּוואַרפען די רעגירונג פון שיידעמאַן און נאָסקע, ניט צושטערענדיג איהר וויים־גוואַרדייאישע ארמיי. אַזוי לאַנג ווי די ארמיי פון דעם געגנער האַלט זיך, קען די רעוואָלוציע ניט זיגען. זיגט די רעוואָלוציע, ווערט דיסאָרגאַניזירט און צופאַלען די ארמיי פון דער בורזשואַזיע. דעריבער האָט, צ. ב., דער זיג איבער׳ן צאַריזם געמיינט אַ געוויסע צושטערונג פון דער צאַרישער מלוכה און די צופאַלונג פון איהר ארמיי; און דער זיג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געמיינט די ענדגילטיגע צושטערונג פון דער מלוכה־אָרגאַניזאַציע פון דער צייטווייליגער רעגירונג און די צופאַלונג פון קערענסקי׳ס ארמיי.

די רעוואָלוציע צושטערט, אַלזאָ, די אַלטע מאכט און שאַפט אַ נייע, — אַ מאכט, וועלכע איז פריהער ניט גע־ווען. ס׳פאַרשטעהט זיך, אז אָט די נייע מאכט נעהמט אין זיך אריין אייניגע באַשטאַנד־טיילען פון דער אַלטער אָרדנונג, נאָר זיי זיינען צוזאַמענגעבונדען אויף אַן אַנדער שטייגער.

די ערלאָבערונג פון דער מלוכה־מאכט ווערט דערגרייכט ניט דורך דער ערלאָבערונג פון דער זעלביגער אָרגאַניזאַציע, נאָר דורך דער שאַפונג פון אַן אנדער מין אָרגאַניזאַציע, פון דער אָרגאַניזאַ־ציע פון יענעם קלאַס, וועלכער האָט געזיגט אינ׳ם קאַמף.

די דאָזיגע פראַגע האָט אַ קאָלאָסאַלע פּראַקטישע באַדייטונג. מען באַשולדיגט, צ. ב., די דייטשע קאָמוניסטען (ווי מען האָט אין אַ גע־

ווייסער צייט באַשולדיגט די רוסישע באָלשעוויקעס), אַז זיי צעשטערען די אַרמיי און ברייגגען דערצו, אַז די דיסציפּלין זאָל פאַלען, אַז מען זאָל ניט פאָלגען די גענעראַלען, א. אַ. וו. אַ סך האָבען עס געהאַלטען, און האַלטען עס נאָך עד היום, פאַר אַ שווערע באַשולדיגונג. אין דער אמת'ן איז עס גאָרניט אַזוי שרעקליך: יענע אַרמיי, וואָס טרעט אַרויס לויט'ן באַפעהל פון דער בורזשואַזיע און איהרע גענעראַלען געגען די אַרבייטער, מוז צושטערט ווערען. אויב ניט, איז דאָס אַ טויט פאַר דער רעוואָלוציע. מיר האָבען גאָרניט וואָס מורא צו האָבען פאַר דער צושטערונג פון דער בורזשואַזער אַרמיי, און יעדער רעוואָלוציאָנער מוז עס באַטראַכטען פאַר אַ פאַרדינסט, ווען ער צושטערט דעם מלוכה־אַפּאַראַט פון דער בורזשואַזיע. דאָרט, וואו די בורזשואַזיע דיסציפּלין האַלט זיך פעסט, איז די בורזשואַזיע אומבאַזיגבאַר. וויל מען צוקלאַפּען די בורזשואַזיע, טאָר מען זיך ניט אָפּשרעקן ווען עס קומט אויס צו באַגעהן געגען איהר אַן עולה.

20. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די קלאַסען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

כדי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל אין אַ לאַנד קאָנען זיגען, איז נויטווענדיג, אַז ער זאָל זיין פאַראייניגט און אָרגאַניזירט. ס'איז נויטווענדיג, ער זאָל האָבען זיין קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס זאָל קלאָר זעהן, וואוהין די אנטוויקלונג פונ'ם קאַפּיטאַליזם פיהרט, וואָס זאָל פאַרשטעהן די אמת'ע לאַגע און די אמת'ע אינטערעסען פונ'ם ארבייטער־קלאַס; וואָס זאָל קלאָר מאַכען פאַר די אַרבייטער די דאָזיגע לאַגע און וואָס זאָל זיי פיהרען אין שלאַכט און אָנפיהרען די דאָזיגע שלאַכט. קיין פּאַרטיי האָט נאָך קיינמאָל און אין ערגעץ ניט געהאַט אין איהרע רייהען אַלע מיטגלידער פון איהר קלאַס; אַזאַ גראַד פון באַוואוסטזיניגקייט האָט נאָך קיין קלאַס קיינמאָל ניט דערגרייכט. געוועהנליך אָרגאַניזירען זיך אין אַ פּאַרטיי די סאַמע פּראָגרעסיווע מיטגלידער פונ'ם קלאַס, די יעניגע, וואָס פאַרשטעהען אַם ריכטיגסטען זייערע קלאַסען אינטערעסען, די מעהר דרייסטע, די מעהר ענערגישע און קאַמפּס־פעהיגע. אויף אַזאַ אופן איז אַ פּאַרטיי, לויט דער צאָהל פון איהרע מיטגלידער, שטענדיג אַ סך קלענער פון דעם קלאַס, וועמעס אינטערעסען זי פאַרטיידיגט. נאָר אַזוי ווי די פּאַרטיי פּאַרטיי־

דיגט טאַקע אַט־די ריכטיג פאַרשטאַנענע אינטערעסען, שפּילען די פּאַרטייען געוועהנליך די לייטענדע ראָלע. זיי פיהרען נאָך זיך דעם גאַנצען קלאַס. און דער קאַמף פאַר מאַכט צווישען קלאַסען קומט פאָר ווי אַ קאַמף פאַר מאַכט צווישען פּאָ־ליטישע פּאַרטייען. כדי צו פאַרשטעהן די נאַטור פון פּאָליטישע פּאַרטייען, דאַרף מען באַטראַכטען די לאַגע פון יעדען קלאַס פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט באַזונדער. פון דער דאָזיגער לאַגע דרינגען ארויס באַשטימטע קלאַסען־אינטערעסען. און אין דער פאַרטיידיגונג פון די דאָזיגע אינטערעסען באַשטעהט, ווי מיר האָבען געזעהן, דער עצם פון די פּאָליטישע פּאַרטייען.

גוטבאַזיצער. אין דעם ערשטען פעריאָד פון דער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג האָט זיך זייער ווירטשאַפט געהאַל־טען אויף דער ארבייט פון די האַלב־שקלאַפערישע פּויערים. זיי פלעגען פאַרדינגען זייער לאַנד צו די פּויערים פאַר אַ געוויסען פּרייז (צ. ב. ש. פאַר אַ חלק פונ׳ם גערעטעניש, אָדער פאַר אַ באַ־שטימטער ארבייט, אָדער פאַר געלט). דער קלאַס פון אַזעלכע פּריצים איז געווען פאַראינטערעסירט, אַז די פּויערים זאָלען ניט אוועקגעהן אין די שטעדט. אָט דער קלאַס איז געווען געגען אלערליי נייע איינריכטונגען. איהם האָט זיך געוואָלט אָנהאַלטען די אַמאָ־ליגע האַלב־שקלאַפערישע באַציהונגען אין דאָרף; דעריבער איז דער דאָזיגער קלאַס געווען אַ געגענער פון דער אויפקומענדער אינ־דוסטריע. אַזעלכע גוטבאַזיצער האָבען געהאַט זייערע אַלטע, בירושה געקראָגענע, פּריצישע גיטער. אליין האָבען זיי געוויינליך זייער ווירטשאַפט ניט געפירט און האָבען געלעבט ווי פּאַראַזיטען אויפ׳ן קארק פון די פּויערים. מיט דעם דערקלערט זיך, פאַר וואָס די פּאַרטייען פון גוטבאַזיצער זיינען שטענדיג געווען און זיינען נאָך ביז היינט צו טאָג די שטיצע פון דער סאַמע שווארצער רע־אַקציע. דאָס זיינען פּאַרטייען, וואָס ווילען אומעטום אומקערען די אַלטע אָרדנונג, מיט דער הערשאַפט פון די פּריצים, מיט אַ פּריצישען קיסר (מאָנאַרך), מיט דער אויבער־האַנט פונ׳ם „וואויל־געבאָרענעם אדעלטום‟, מיט דער פולשטענדיגער פאַרשקלאַפונג פון די פּויערים און ארבייטער. דאָס זיינען די אַזוי גערופענע קאָנ־סערוואַטיווע, אָדער ריכטיגער, רעאַקציאָנערע

פארטייען. אזוי ווי נאָך אין די אַלטע צייטען זיינען די מיליטאַריסטען ארויסגעקומען פון די רייהען פון די אריסטאָקראַטישע גוטבאַזיצער, איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס די פארטייען פון די גוטבאַזיצער זיינען גרויסע מחותנים מיט די גענעראַלען און אדמיראַלען. אזוי איז עס אין אַלע לענדער.

אַלס מוסטער דערצו קען דינען דאָס פרייסישע „יונקערטום" (אין פרייסען רופט מען יונקערס די גרויסע גוטבאַזיצער), וואָס פון איהם פלעגט מען צוזאַמענשטעלען דעם אָפיצירען־קאָרפּוס. דאָס זעלבע איז מיט דעם רוסישען אַדעל (דוואָריאַנסטוואָ), די אַזוי־גערופענע ווילדע פריצים אָדער „זוברעס" ווי צ. ב. די דומע־דעפּוטאַטען מאַרקאָוו דער צווייטער, קרופּענסקי און אַנדערע. אַז מען זאָל נעהמען, אַ שטייגער, דעם צאַרישען גאָסודאַרסטווענני סאָוויעט, איז ער צום גרעסטען טייל באַשטאַנען פון פאָרשטעהער פונ'ם דאָזיגען קלאַס פון גוטבאַזיצער. די גרויסע גוטבאַזיצער פון די אַלטע משפחות, די פירשטען, גראַפען א. אז. וו., זיינען די יורשים פון זייערע אָבות, וועלכע האָבן פאַרמאָגט טויזענדער לייב־אייגענע. אין רוסלאַנד זיינען געוועזן פריצישע פאַרטייען: דער „סאָיוז רוסקאַוואָ נאַראָדאַ", די פאַרטיי פון „נאַציאָנאַליסטען" (מיט קרופּענסקי'ן אָן דער שפּיץ), די רעכטע אָקטיאַבריסטען א. אז. וו.

די קאפיטאליסטישע בורזשואזיע. איהר אינטערעס איז צו קריגען וואָס מעהר פּראָפיטען פון דער אַנטוויקלענדיגער היימישער אינדוסטריע, ד. ה. פונ'ם מעהרווערט, וואָס ווערט ארויסגעקוועטשט פונ'ם ארבייטער קלאַס. ס'איז קלאָר, אַז איהרע אינטערעסען פאַלען ניט אינגאַנצען צונויף מיט די אינטערעסען פון די פריצים. ווען דער קאפּיטאַל רייסט זיך אריין אין דאָרף, צישטערט ער דאָרט די אַלטע באַציהונגען; ער שלעפּט ארויס דעם פויער פון דאָרף אין שטאָדט אריין. ער שאַפט אין שטאָדט אַ קאָלאָסאַלען פּראָלעטאריאַט; ער רופט ארויס אין דאָרף נייע פאָדערונגען; עס באַווייזט זיך די שטורמדיגע „מייסטערשאַפט"; די פריהער באַשיידענע פויערים הויבען אָן צו „קריגען חוצפּה". דעריבער זיינען ניט צום הארצען די גוטבאַזיצער די דאָזיגע אַלע איבערקערענישען. די קאַפּיטאַליסטישע בורזשואזיע, פאַרקערט, זעהט אין דעם סימנים פון איהר וואוילשטאַנד. וואָס מעהר עס ציהט דעם ארבייטער פון דאָרף אין שטאָדט אריין, אַלץ מעהר ארבייטס־הענט שטעהען דעם קאַפּיטאַליסט צו דינסט, אַלץ ביליגער קאָן מען צאָהלען פאַר זיי. וואָס מעהר דאָס דאָרף ווערט

רואינירט, וואָס מעהר די קליינע באַזיצער הערען אויף אַליין צו פּראָדוצירען פאַר זיך פאַרשיידענע פּראָדוקטען, אַלץ מעהר ווערען זיי אַנגעוויזען אויף צו קויפען אַלץ ביים גרויסען פאַבריקאַנט. אַלזאָ, וואָס גיכער עס פאַרשווינדען די אַלטע באַציהונגען, ביי וועלכע דאָס דאָרף פלעגט פּראָדוצירען אַלעס פאַר זיך אַליין, אַלץ ברייטער ווערט דער מאַרק, וואו מ'קאָן פאַרקויפען די פאַבריק־סחורות, אַלץ גרעסער ווערט דער פּראָפיט פונ'ם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס.

דאַריבער בייזערט זיך דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס אויף די אַלט־מאָדישע גוטבאַזיצער (עס זיינען אויך דאָ קאַפּיטאַליסטישע גוטבאַזיצער, וואָס פיהרען אָן זייער ווירטשאַפט מיט דער הילף פון לוין־ארבייט און מאַשינען; לויט זייערע אינטערעסען שטעהען זיי נאָהענט צו דער בורזשואַזיע און זיי טרעטען געוויינליך אריין אין די פּאַרטייען פון דער גרויס־בורזשואַזיע). פאַרשטעהט זיך, אַז זיין הויפּט־קאַמף איז געווענדעט געגען ארבייטער קלאַס. ווען דער ארבייטער קלאַס פיהרט אָן זיין קאַמף הויפּטזעכליך געגען די גוטבאַזיצער, און די בורזשואַזיע באַקעמפט ער וויניג, באַציהט זיך דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס צו איהם מיט סימפּאַטיע (צ. ב. ש. אין 1904—1905, ביז אָקטאָבער). אָבער ווען די ארבייטער הויבען אָן צו פאַרווירקליכען זייערע קאָמוניסטישע אינטערעסען און טרעטען ארויס געגען דער בורזשואַזיע, דעמאָלט פאַראייניגט זיך די בורזשואַזיע מיט די גוטבאַזיצער געגען די ארבייטער. איצט פיהרען אָן אין אַלע לענדער די פּאַרטייען פון דער קאַפּיטאַליסטישער בורזשואַזיע (די אַזוי גערופענע ליבעראַלע פּאַרטייען) אַ פאַרביטערטען קאַמף געגען דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט און בילדען דעם פּאָליטישען גענעראַל־שטאַב פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע.

אין רוסלאַנד איז אַזאַ פּאַרטיי די „קאָנסטיטוציאָנעל דעמאָקראַטישע" (קאַדעטען) און די כמעט פאַרשוואונדענע „אָקטיאָבריסטישע" פּאַרטיי די בורזשואַזיע, די קאַפּיטאַליסטישע גוטבאַזיצער, די באַנקירען און אויך זייערע פאַרטיידיגער—די חויבע אינטעליגענץ (פּראָפעסאָרען, גוט־באַצאָלטע אַדוואָקאַטען, שריפטשטעלער, דירעקטאָרען פון פאַבריקען)—זיי אַלע האָבען געבילדעט דעם קרן פון די דאָזיגע פּאַרטייען. אין 1905 איז די דאָזיגע פּאַרטיי געווען אומצופרידען מיט דער זעלבסט־הערשאַפט, אָבער

זי האָט שוין צו יענער צייט מורא געהאַט פאַר די אַרבייטער און פּויערים. נאָך דער פעברואַר רעוואָלוציע, האָט זיך די „קאַדעטישע" פּאַרטיי געשטעלט אָן דער שפּיץ פון אַלע פּאַרטייען, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטען געגען דער פּאַרטיי פונ'ם אַרבייטער קלאַס, ד. ה. געגען די באָלשעוויקעס (קאָמוניסטען). אין די יאָהרען 1918 און 1919 האָט די פּאַרטיי פון די „קאַדעטען" אָנגעפיהרט אַלע פאַרשווערונגען געגען דער סאָוועטען־מאַכט און באַטייליגט זיך אין די רעגירונגען פונ'ם גענעראַל דעניקין און אַדמיראַל קאָלטשאַק. קורץ, זי איז געוואָרען די פּיהרערין פון דער בלוטיגער רעאַקציע און האָט זיך פולשטענדיג צונויפגעגאָסען מיט די פּאַרטייען פון די גוטבאַזיצער. אַזוינס האָט פּאַסירט צוליב דעם, וואָס אונטער'ן דרוק פונ'ם אַרבייטער קלאַס פאַראייניגען זיך אַלע גרופּען פון די גרויס־אייגענטימער אין איין שוואַרצער מחנה, וואָס אָן איהר שפּיץ שטעלט זיך געוועהנליך די סאַמע ענערגישסטע פּאַרטיי.

די שטאָדטישע קליין־בורזשואזיע און די קליין־בירגערליכע אינטעליגענץ. אהער געהערען האַנטווערקער און קליינע קרעמער, קליינע אָנגעשטעלטע פון דער אינטעליגענץ און די נידעריגערע באַאמטע. דאָס איז אייגענטליך ניט קיין קלאַס, נאָר אַ פאַרשיידענאַרטיגע גרופּע. אָט די אַלע עלעמענטען ווערען מעהר אָדער ווייניגער עקספּלואַטירט פון קאַפּיטאַל און אַרבייטען אָפט איבער די כוחות. פילע פון זיי ווערען פולשטענדיג צודריקט אין דער צייט, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג געהט אָן. נאָר די באַדינגונגען פון זייער אַרבייט זיינען אַזעלכע, אַז די מייסטע פון זיי פאַרשטעהען ניט די האָפנונגסלאָזיגקייט פון זייער לאַגע אונטער דעם קאַפּיטאַליזם. לאָמיר נעמען, צ. ב. ש. אַ האַנטווערקער. אַרבייטען אַרבייט ער ווי אַ פערד. דער קאַפּיטאַל עקספּלואַטירט איהם אויף פאַרשיידענע אופנים: ער ווערט עקספּלואַטירט פונ'ם פּראָצענטניק, ער ווערט אויסגענוצט פונ'ם געשעפט, פאַר וועלכען ער אַרבייט, א. אז. וו. אָבער דער האַנטווערקער פילט זיך דאָך ווי אַ „זעלבסטשטענדיגער באַלעבאָס": ער אַרבייט מיט אייגענע ווערקצייג, ער איז כלומר'שט אומאָפּהענגיק; ער סטאַרעט זיך ניט צו ווערען צונויפגעשמאָלצען מיט די אַרבייטער און ער טאַנצט נאָך ניט די אַרבייטער, נאָר דעם נגיד, ווייל אין האַרצען טראָגט ער זיך אַרום מיט דער האָפנונג אַליין צו ווערען אַמאָל אַ נגיד. און דעריבער, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס

ער איז אַליין אַ גוואַלדיגער קבצן, איז ער אָפט נעהנטער צו זיינע עקספּלואַטאַטאָרען, ווי צום ארבייטער קלאַס. די קליינבירגערליכע פּאַרטייען טרעטען אָפט ארויס אונטער דער פּאָן פון ר ע פּ ו ב ־ ל י ק א נ י ש ע און אָפטמאָל אויך ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע פּאַרטייען (ווי עס איז אָנגעוויזען אין קליינעם שריפט אין פּאַראַ־גראַף 17). ס'איז גאַנץ שווער אַוועקצושלעפּען דעם קליינעם באַלאַ־בעסעל פון זיין פאַלשער פּאָזיציע: אין דעם איז ניט זיין „שולד", נאָר זיין אומגליק.

אין רוסלאַנד האָבען די קליין־בירגערליכע פּאַרטייען מעהר ווי ער־געץ אַנדערש וואו, אָנגעטאָן אויף זיך אַ סאָציאַליסטישען שלייער. אַזעל־כע זיינען די פּאַרטייען פון „פאָלקס סאָציאַליסטען", „עסערען", טייל־ווייז די מענשעוויקעס. אגב דאַרף מען באַמערקען, אז די „עס־ערען" האָבען איבערהויפּט געשטרעבט צו שטיצען זיך אויף די מיטעלע און רייכערע עלעמענטען פון דאָרף.

ד אָ ס פּ ו י ע ר ט ו ם. די פּויערים אין די דערפער פאַר־נעמען כמעט די זעלבע פּאָזיציע, וואָס די קליין־בורזשואַזיע פאַר־נעמט אין די שטעדט. דאָס פּויערטום איז אייגענטליך אויך ניט קיין קלאַס פאַר זיך, ווייל אונטער דעם קאַפּיטאַליזם צופאַלט זיך דאָס פּויערטום כסדר אויף קלאַסען. אין יעדען דאָרף מוז שטענדיג איין טייל פּויערים געהן זוכען אַרבייט, און שפּעטער ווערען זיי אין גאַנצען פאַרוואַנדעלט אין פּראָלעטאַריער, אין דער צייט, וואָס אַנדערע פון זיי ווערען פּאַראַזיטען — פּראָצענטניקעס. די מיטעלע פּויערים זיינען אויך אַזאַ עלעמענט: אייניגע פאַלען און ווערען אַזוי אָרים, אַז זיי פאַרמאָגען אפילו ניט קיין פערדעל; שפּעטער ווערען זיי דאָרפישע אַרבייטער און ענדליך אינדוסטריע־אַרבייטער. די אַנדערע קומען צו זיך אַ ביסעל, אַרבייטען זיך ארויף און ווערען אייגענטימער, דינגען אַרויסהעלפער אָדער שטענדיגע אַרבייטער, שטעלען אַוועק מאַשינען—קורץ, ווערען אונטערנעמער־קאַפּיטאַליס־טען. מען מוז דאַריבער ביים פּויערטום אונטערשיידען מינדע־סטענס ד ר י י גרופּען: די ל אַ נ ד ו ו י ר ט ש אַ פ ט ל י כ ע בורזשואַזיע, וועלכע עקספּלואַטירט לוין־אַרבייט; די מ י ט ע ל ע בורזשואַזיע, וועלכע פיהרט אַן א י י ג ע נ ע ווירטשאַפט, אָבער עקספּלואַטירט ניט קיין לוין־אַרבייטער; און ענדליך די ה אַ ל ב ־ פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ע ר און פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ע ר.

עס איז ניט שווער צו פאַרשטעהן, אז די אַלע גרופּען נעמען אָן, לויט זייער לאַגע, פאַרשיידענע שטעלונגען צום קלאַסען־קאַמף. די פּראָצענטניקעס זיינען געוועהנליך אין חבר'שאַפט מיט דער בורזשואַזיע און זעהר אָפט אפילו מיט די גוטבאַזיצער (אין דייטש־לאַנד, צ. ב. זיינען די אַזוי גערופענע „גרויסע־פויערים" אין איין אָרגאַניזאַציע מיט די גלחים און גוטבאַזיצער; דאַסזעלבע איז אין דער שווייץ; טיילווייז אויך אין פראַנקרייך; אין רוסלאַנד האָבען אין יאָהר 1918 די דאָרפישע פּראָצענטניקעס אונטער־שטיצט אַלע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונגען). די האַלב־פּראָלעטאַרישע און פּראָלעטאַרישע שיכטען האָבען נאַטירליך אונטערשטיצט די ארבייטער אין זייער קאַמף געגען דער בורזשואַזיע און די דאָרפישע פּראָצענטניקעס. אָבער ביי די מיטעלע פויערים איז די זאַך קאָמפּליצירטער. ווען די מיטעלע פויערים וואָלטען פאַרשטאַנען, אז די מייסטע פון זיי האָבען ניט אונטער'ן קאַפּיטאַליזם קיין מעגליכקייט צו לעבען, אַז בלויז אַ קליינע צאָהל פון זיי וועט זיך קאָנען „ארויפארבייטען" און ווערען פאַרמעגליכע פויערים, אין דער צייט, ווען די אַנדערע פון זיי וועלען מוזען פיהרען כמעט אַ בעטלעריש לעבען, — וואָלטען זיי אַלע ענטשלאָסען אונטערשטיצט די ארבייטער. זייער אומגליק באַשטעהט אָבער אין דעם, וואָס מיט זיי פּאַסירט פּונקט דאָס זעלבע, וואָס מיט די האַנדווערקער און מיט דער שטאָדטישער קליין־בורזשואַזיע. טיף אין הארצען האָפט יעדער איינער פון זיי רייך צו ווערען. פון דער אַנדערער זייט ווערט ער אָבער אונטערדריקט פונ'ם קאַפּיטאַליסט, פונ'ם גוט־באַזיצער, פונ'ם דאָרפישען פּראָצענטניק. דעריבער וואַרפט זיך דער מיטעל־פויער אַהין און אַהער צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע. ער קאָן פאַר קיין פאַל ניט שטעלען זיך מיט ביידע פיס אויף דעם שטאַנדפּונקט פונ'ם ארבייטער־קלאַס; אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט ער מורא פאַר'ן גוטבאַזיצער ווי פאַר פייער.

באַזונדערס קלאָר קען מען דאָס זעהן אין רוסלאַנד. די מיטעלע פויערים האָבען געשטיצט די ארבייטער געגען די גוטבאַזיצער און דאָר־פישע פּראָצענטניקעס; דערביי האָבען זיי אָבער מורא געהאַט, טאָמער וועט זיי אין דער „קאָמונע" ערגער געהן, זיינען זיי ארויסגעטראָטען געגען

די אַרבייטער: האָט די „קולאַקעס” געלונגען זיי אַריינצונאַרען. ווען ס'האָט אָבער דערנאָך זיך באַוויזען אַ געפאַהר פון די גוטבאַזיצער (דער־ניקין, קאָלטשאַק), האָבען זיי ווידער אָנגעהויבען העלפען די אַרבייטער. די זעלבע באַציהונגען האָבען זיך אַרויסגעוויזען אויך אינ'ם קאַמף פון די פּאַרטייען. דאָ זיינען די מיטעל־פּויערים געגאַנגען מיט דער אַרבייטער פּאַרטיי, באָלשעוויקעס (קאָמוניסטען), דאָ, ווידער מיט דער פּאַרטיי פון די „קולאַקעס” און רייכע פּויערים — די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען.

דער אַרבייטער קלאַס (פּראָלעטאַריאַט) בילדעט דעם קלאַס, וועלכער „האָט גארניט צו פארלירען, אַ חוץ זיינע קייטען”. ער ווערט ניט בלויז עקספּלואַטירט פון די קאַפּי־טאַליסטען, נאָר ער ווערט אויך, ווי מיר האָבען דאָס שוין געזעהן, אין פארלויף פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג צונויפגעשמידט אין אַ גוואַלטיגער מאכט, אין אַ סאָלידאַרע, איינאַרטיגע מאכט, וועלכע איז געוואוינט צוזאמען צו אַרבייטען און געמיינזאם צו קעמפּען. דעריבער איז דער ארבייטער קלאַס דער פּאָרט־געשריטענסטער קלאַס אין דער קאַפּי־טאַליסטישער געזעלשאַפט. דעריבער איז אויך זיין פּאַרטיי די פּאָרטגעשריטענסטע, די רעוואָלוציאָנערסטע פּאַרטיי, וועלכע קאָן נאָר זיין.

עס איז אויך נאַטירליך, וואָס דער ציל פון דער דאָזיגער פּאַרטיי איז די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע. פּאַר אָט דעם צוועק מוז די פּאַרטיי פונ'ם פּראָלעטאַריאַט זיין אַ פּאַרטיי, וועלכע ווייס ניט פון קיין שום פּשרות. איהר אויפגאַבע איז ניט צו דינגען זיך מיט דער בורזשואַזיע, נאָר אוּמ־צואַוואַרפען די בורזשואַזיע און ברעכען איהר ווידערשטאַנד. אָט די פּאַרטיי „מוז אויפדעקען דעם געגענזאַץ, איבער וועלכען מען קאָן קיין שום בריק ניט אריבערוואַרפען, צווישען די אינטערעסען פון די עקספּלואַטאַטאָרען און די אינטערעסען פון די עקספּלואַטירטע. (אַזוי איז אויך אָנגעוויזען געווען אין אונזער אַלטער פּראָגראַם, וואָס אונטער איהר האָבען זיך אויך אונטערגע־שריבען די מענשעוויקעס. ליידער האָבען זיי עס אינגאַנצען פאַר־געסען און איצט קאָקעטירען זיי מיט דער בורזשואַזיע)

וואס דארף זיין אונזער באציהונג צו דער קליין־בורזשואזיע, צו דער שטאדטישער, ניט־פראלעטארישער ארימקייט, צו די מיטעלע פויערים?

די דאזיגע באציהונג איז קלאר פון דעם, וואס איז אויבען געזאגט געווארען. מיר מוזען אויף אלערליי אופנים אנווייזען און קלאר מאכען, אז האפען אויף א בעסער לעבען אונטער דעם קאפיטאליזם מיינט אפנארען אנדערע אדער זיך זעלבסט נארען. מיר דארפען שטענדיג געדולדיג ערקלערען דעם מיטעלסטען פויער, אז ער מוז ענטשלאסען איבערגעהן אין דעם לאגער פונ'ם פראלעטאריאט, צוזאמען מיט איהם קעמפען, ניט קוקענדיג אויף אלע שוועריגקייטען; אונזער פליכט איז אנצוווייזען, אז ביים נצחון פון דער בורזשואזיע געווינען ניט מעהר ווי די „קולאקעס", וואס וועלען מיט דער צייט ווערען פריצים. מיט אייןווארט, מיר דארפען רופען אלע ארבייטענדע צו אן אפמאך מיט'ן פראלעטאריאט און אז אלע ארבייטענדע זאלען זיך שטעלען אויפ'ן שטאנדפונקט פונ'ם ארבייטער קלאס. די קליין-בורזשואזיע און דאס מיטעלע פויערטום זיינען פול מיט אבערגלויבענס, וואס זיינען אויסגעוואקסען פון זייערע לעבענס-באדינגונגען. אונזער פליכט איז אויפצודעקען די אמת'ע לאגע: די לאגע פונ'ם האנד־ווערקער און פונ'ם ארבייטער־פויער איז האפנונגסלאז אונטער דעם קאפיטאליזם, און ס'איז ניטא זיך וואס צו טרייסטען מיט זיסע חלומות; אונטער דעם קאפיטאליזם וועט שטענדיג זיצען אויפ'ן רוקען דער פריץ, דער אלטער — פון די אדעליגע, אדער דער נייער — פון די „קולאקעס"; נאר ווען דער פראלעטאריאט וועט זיגען און זיך באפעסטיגען, קען מען איבערבויען דאס לעבען אויף נייע יסודות. און אזוי ווי דער פראלעטאריאט קען זיגען נאר דאן, ווען ער וועט זיין ארגאניזירט און ער וועט האבען א שטארקע צוזאמענגעשמידטע ענטשלאסענע פארטיי, דארפען מיר רופען אין אונזערע רייהען אלע ארבייטענדע, וועמען ס'איז טייער אט דאס נייע לעבען און וועלכע האבען זיך אויסגעלערענט דענקען און קעמפען ווי פראלעטאריער.

וואס פאר א באדייטונג עס האט די עקזיסטענץ פון א צוזאמענגעשמידעטער, קאמפס-פעהיגער קאמוניסטישער פארטיי, קען מען זעהן אויף

דעם ביישפיל פון דייטשלאַנד און רוסלאַנד. אין דייטשלאַנד, וואו דער פּראָלעטאַריאַט איז געווען ענטוויקעלט, איז פונדעסטוועגן פאַר דער מלחמה ניט געווען אַזאַ קאַמפּס־פּאַרטיי פונ'ם אַרבייטער קלאַס, ווי די רוסישע קאָמוניסטען־באָלשעוויקעס. נאָך דער מלחמה האָבען די חברים קאַרל ליבקנעכט, ראָזע לוקסענבורג און אַנדערע אָנגעהויבען בויען אַ באַזונדערע קאָמוניסטישע פּאַרטיי. דעריבער האָט זיך ניט איינגעגעבען די דייטשע אַרבייטער אין די יאָהרען 1918 און 1919, ניט קוקענדיג אויף אַ גאַנצע רייהע אויפשטאַנדען, צו באַזיגען די בורזשואַזיע. אין רוסלאַנד איז אָבער געווען אַזאַ אומקאָמפּראָמיסליכע פּאַרטיי ווי די קאָמוניסטישע. אַ דאַנק דעם האָט דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט געהאַט אַ גוטע פיהרערשאַפט, און ניט קוקענדיג אויף אַלע שוועריגקייטען, איז ער געווען צוליב דעם דער ערשטער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט געהאַט די מעגליכקייט אַרויסצוטרעטען אין געשלאָסענע רייהען און אַזוי שנעל זיגען. אונזער פּאַרטיי קאָן אין דעם פּרט דינען, און זי דינט טאַקע, אַלס אַ מוסטער פאַר די איבעריגע קאָמוניסטישע פּאַרטייען. איהר צוזאַמענגעשמאָלצענקייט און איהר דיסציפּלין זיינען אומעטום באַוואוסט. זי איז פאַקטיש די קאַמפּס־פעהיגסטע און פיהרענדע פּאַרטיי פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

קאַפּיטעל ד.

ווי אזוי די ענטוויקלונג פונ'ם קאַפּיטאַ־ ליזם האָט געפיהרט צו דער קאָמו־ ניסטישער רעוואָלוציע

(אימפּעריאַליזם, קריג און דער צוזאמענבּרוך פון קאַפּיטאַליזם.)

21. דער פינאַנס־קאַפּיטאַל.

אין די ערשטע קאַפּיטלען פון דעם בוך האָבען מיר געזעהן, אז צווישען איינצעלנע אונטערנעהמער קומט שטענדיג פאָר א פאַר־ניכטענדער קאַמף פאַר קויפער, און אז אין אָט דעם קאַמף זיגט אַלעמאָל דער גרויסער אונטערנעמער. דערפון זיינען די קליינע באַלעבאַטים אומגעקומען און געגאַנגען צו גרונט, און דער קאַפּי־טאַל און די גרויס פּראָדוקציע האָט זיך קאָנצענטרירט אין די הענט פון די גרעסטע קאַפּיטאַליסטען (קאָנצענטראַציע און צענט־ראַליזאַציע פון קאַפּיטאַל). צום אָנפאַנג פון די אכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט איז שוין דער קאַפּיטאַל געווען גאַנץ נישקשה'דיג צענטראַליזירט. ס'זיינען אָנשטאָט די פריהערדיגע באַזונדערע באַלעבאַטים אויפגעקומען אין א גרויסער צאָהל גע־שלאָסענע אַקציען־געזעלשאַפטען. עס פאַר־שטעהט זיך, אז די דאָזיגע געזעלשאַפטען זיינען באַשטאַנען פון קאַפּיטאַליסטען. וואָס פאַר א זין האָבען זיי געהאַט? פון וואַנען האָבען זיי זיך גענומען? אַן ענטפער געבען איז גאַר ניט שווער. צו יענער צייט האָט יעדע נייע אונטערנעמונג גלייך פון אָנפאַנג געמוזט האָבען א באַדייטענדען קאַפּיטאַל. פלעגט געגרינדעט ווערען וועלכע ס'איז קבצנ'ישע אונטערנעמונג, האָט

זי גאַנץ ווייניג שאַנסען געהאַט אויף א לאַנג לעבען. זי פלעגט גלייך פון אַלע זייטען אַרומגערינגעלט ווערען מיט שטאַרקע און מעכטיגע געגנער, מיט די גרויסע פאַבריקאַנטען. און יעדע נייע אונטערנעמונג האָט דאַריבער געמוזט זיך גלייך אָרגאַניזירען אויף ברייטע יסודות, אויב זי האָט נאָר געוואָלט לעבען און בליהען, ניט אונטערגעהן. אבער אויף ברייטע יסודות האָט זי זיך געקאָנט אָרגאַניזירען נאָר דאַן, ווען זי האָט געהאַט די מעגליכקייט אָנצור־הויבען ארבייטען מיט א גרויסען קאַפּיטאַל. פון אָט דער באַ־דערפניש איז געבאָרען געוואָרען די אַקציען־געזעלשאַפט. איהר פונדאַמענט באַשטעהט פון דעם, וואָס אייניגע גרויסע קאַפּיטאַ־ליסטען נוצען דאָ אויס די קאַפּיטאַלען פון די קליינע אונטערנע־מער, אפילו די קליינע אָפּשפּאָרונגען פון די ניט־קאַפּיטאַליסטישע גרופּען (אָנגעשטעלטע, פּויערים, באַאַמטע א. אז וו.). אָט ווי אַזוי דאָס קומט פאָר. יעדער איינער צאָהלט איין איינעם אָדער עטליכע חלקים פונ׳ם קאַפּיטאַל און קריגט דערפאַר א פּאַפּיר, אַן „אַקציע", וועלכע גיט איהם דאָס רעכט צו באַקומען א געוויסען טייל פונ׳ם פּראָפיט. אויף אַזאַ אופן זאַמלען זיך צונויף פון אַלע זייטען קליינע קאַפּיטאַלען און ס׳באַקומט זיך א גרויסער קאַפּיטאַל, דער אַקציען־קאַפּיטאַל.

ווען די דאָזיגע אַקציען־געזעלשאַפטען זיינען אויפגעקומען, האָבען אייניגע בורזשואַזע געלערנטע, און נאָך זיי אויך אָפּאָר־טוניסטישע סאָציאַליסטען אָנגעהויבען צו ריידען, אַז איצט הויבט זיך אָן א נייע צייט: דער קאַפּיטאַל פיהרט ניט צו דער הער־שאַפט פון א הייפעל קאַפּיטאַליסטען, נאָר יעדער אָנגעשטעלטער האָט א מעגליכקייט צו קויפען אַן אַקציע פאַר זיינע אָפּגעשפּאָרטע גראָשענס און ווערען אויף אַזאַ אופן א קאַפּיטאַליסט. דער קאַפּיטאַל, הייסט עס, „דעמאָקראַטיזירט" זיך אַלץ מעהר און מעהר, און ענדליך וועט אָהן שום רעוואָלוציע פאַרשווינדען דער אונטערשייד צווישען דעם קאַפּיטאַליסט און דעם ארבייטער.

דאָס אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַן אומזין. די ווירקליכקייט האָט באַוויזען פּונקט דעם היפוך. די גרויסע קאַפּי־טאַליסטען האָבען איינפאַך אויסגענוצט די קליינע פאַר זייערע צוועקען און די צענטראַליזאַציע פונ׳ם קאַפּיטאַל איז

אָנגעגאַנגען נ אָ ך ש נ ע ל ע ר ווי פריהער, ווייל איצט האָבען שוין די גרויסע אַקציען־געזעלשאַפטען געפיהרט דעם קאַמף איינער געגען דעם אנדערן.

ס'איז ניט שווער צו פאַרשטעהן, פאַר וואָס די גרויסע קאַפּיטאַ־ליסטען־אַקציאָנערען האָבען אין דער ווירקליכקייט פאַרוואַנדעלט די קליינע אַקציאָנערען פשוט אין דינער פאַר זיך. דער קליינער אַקציאָנער, וואָס געפינט זיך גאַנץ אָפט אין אַן אַנדער שטאָט, קען ניט קומען צו־פאָהרען פאַר הונדערטער מיילען אויף אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די אָקציאָנערען. זיינען זיי ניט אָרגאַניזירט, וואַרפען זיך אין אַלע זייטען ווי בלינדע. די גרויסע אַקציאָנערען אָבער זיינען אָרגאַניזירט. זיי פיהרען שטענדיג דורך אַן אַלגעמיינעם פּלאַן און טוען אַלץ, וואָס זיי ווילען. די פּראַקטיק האָט באַוויזען, אַז ס'איז גענוג צו האָבען אין די הענט אַ ד ר י ט ־ ח ל ק פון אַלע אַקציעס, כדי צו זיין אַ פולשטענדיגער און אַבסאָלוטער באַלעבאָס פון דער גאַנצער אונטער־נעהמונג.

נאָר די ענטוויקלונג פון דער קאָנצענטרירונג און צענטראַלי־זירונג פון קאַפּיטאַל האָט זיך דערביי ניט אָפּגעשטעלט. פאַר די לעצטע צעהנדליג יאָהרען זיינען אויפ'ן אָרט פון איינצעלנע אונ־טערנעמער און איינצעלנע אקציען־געזעלשאַפטען אויפגעקומען גרויסע קאַפּיטאַליסטען־פאַרבאַנדן, סינדיקאַטן (אָדער קארטעלען) און טראָסטען. פאַר וואָס זיינען זיי אויפגעקומען? און וואָס איז דאָס אזוינס?

לאָמיר אָננעהמען, אַז אין א וועלכען עס איז פּראָדוקציאָנס־צווייג — צ. ב. אין דער טעקסטיל אדער מעטאַל־אינדוסטריע — זיינען שוין אלע קליינע קאַפּיטאַליסטען פארשוואונדען; געבליבען זיינען נאָר 3 אָדער 6 גרויסע אונטערנעמונגען, וואס אַרבייטען אוים כמעט אַלע סחורות פון דער וועבער־ און מעטאַל־אינדוסטריע. זיי פיהרען צווישען זיך א קאָנקורענץ־קאַמף, מאַכען קלענער די פרייזען און קריגען צוליב דעם ווייניג פּראָפיט. איצט לאָמיר אָננעהמען, אַז א פּאָר פון די דאָזיגע אונטערנעמונגען זיינען שטאַרקער און גרעסער פאר אלע איבעריגע. דאַן וועלען די גרעסערע פיהרען דעם קאָנקורענץ־קאַמף אזוי לאנג, ביז די שוואַ־כערע אונטערנעמונגען וועלען רואינירט ווערען. לאָמיר אָבער אָננעמען, אז די אלע אונטערנעמונגען האָבען אומגעפעהר גלייכע כוחות. זיי האָבען א גלייכען פּלאַץ אין דער פּראָדוקציע, גלייכע

מאשינען, כמעט א גלייכע צאָהל ארבייטער און יעדע שטיק סחורה קאָסט זיי אויך אלעמען גלייך. וואָס קומט דעמאָלט פאָר? אין אזא לאגע קאָן דאָך קיין שום אונטערנעמונג ניט געווינען אינ'ם קאמף; דער קאמף ציהט ארוים ביי זיי אלע כוחות אין א גלייכער מאָס; ביי אלעמען ווערט קלענער דער פראָפיט. קומען די קאפיטאליסטען צום שלום: צו וואָס ארונטערדריקען די פרייזען איינערביים צווייטען? וואָלט דען ניט בעסער זיין, מיר זאָלען זיך אלע פאראייניגען און צוזאמען רויבען דעם עולם? ווען מיר אלע זאָלען זיך פאראייניגען, וועט דאָך שוין קיין קאָנקורענץ ניט זיין, אלע סחורות זיינען דאָך אין אונזערע הענט — קאָנען מיר דאָך ארויפטרייבען די פרייזען ווי הויך מיר ווילען נאָר אליין.

אָט אזוי וואקסט אויס א פארבאנד, א פאראייניגונג פון קאפיטאליסטען, א ס י נ ד י ק א ט אָדער ט ר אָ ס ט. א סינדיקאט אונטערשיידעט זיך פון א טראָסט אָט מיט וואָס: ווען עס אָרגאניזירט זיך א סינדיקאט, ריידען אָפּ צווישען זיך די קאפיטאליסטען, וואָס געהען אין איהם אריין, ניט צו פארקויפען זייער סחורה ביליגער פון א באשטימטען פרייז, געמיינזאם צו פארטיילען די באשטעלונגען, אָדער צוטיילען צווישען זיך דעם מארק (דו פארקויף בלויז דאָרטען, און איך — בלויז דאָ) א. אז. וו. אָבער די פארוואלטונג פונ'ם סינדיקאט האָט ניט דאָס רעכט צו פ אַ ר מ א כ ע ן צ. ב. איינע פון די אונטערנעמונגען. יעדער מיטגליד פון אזא פארבאנד האלט דערביי נאָך איין א געוויסען גראד זעלבסטשטענדיגקייט. אָבער אין א טראָסט זיינען זיי אלע אזוי געבונדען, אז די איינצעלנע אונטערנעהמונג פאר־לירט איהר זעלבסטשטענדיגקייט אינגאנצען: די פארוואלטונג פונ'ם טראָסט האָט דאָס רעכט זי איינגאנצען צו פארמאכען, אוועק־צושטעלען זי אויף אנדערע יסודות, אריבערטראָגען זי אין אן אנדער אָרט, — טאָן וואָס עס לוינט זיך דעם גאנצען טראָסט. עס פארשטעהט זיך, אז דער קאפיטאליסט פון דער דאָזיגער אונ־טערנעהמונג קריגט כסדר זיין פראָפיט, דער פראָפיט ווערט אלץ גרעסער; נאָר דער גאנצער באלעבאָס ווערט שוין דער ענג־צוזאמענגעשמידעטער פארבאנד פון קאפיטאליסטען, דער טראָסט.

די סינדיקאטען און טראָסטען ה א ל ט ע ן א י ן

זייערע הענט כמעט דעם גאַנצען מאַרק. זיי האָבען ניט קיין מורא פאר קיין שום קאָנקורענץ, ווייל זיי האָבען דערשטיקט יעדע קאָנקורענץ. דעם אָרט פון קאָנקורענץ פארנעמט דער מאָנאָפּאָל ד. ה. די הערשאַפט פון איין טראָסט.*)

אויף אזא אופן האָט די קאָנסטרוקציע און צענטראַליזאַציע פון קאַפּיטאַל ביסלעכוויַיז באַזייטיגט די קאָנקורענץ. די קאָנקורענץ האָט זיך אליין אויפגעפרעסען. ווייל וואָס מיט א גרעסערען אימפעט זי האָט זיך ענטוויקעלט, אַלץ גיכער איז געגאַנגען די צענטראַליזירונג, אַלץ גיכער זיינען צו גרונד געגאַנגען די שוואַכערע קאַפּיטאַליסטען. ענדליך האָט די צענטראַליזאַציע פון קאַפּיטאַל, וואס איז ארויסגערופען געווארען דורך דער קאָנקורענץ, דערשלאָגען אָט די זעלביגע קאָנקורענץ. אויפ'ן אָרט פון דער „פרייער קאָנקורענץ" איז געקומען די הערשאַפט פון די מאָנאָפּאָליסטישע אונטערנעמער — פאַרבאַנדען, סינדיקאַטען און טראָסטען.

עס איז גענוג צו ברענגען בלויז איניגע ביישפּילען, כדי צו זעהן די ריזען־מאַכט פון די טראָסטען און סינדיקאַטען. אין די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע האָבען שוין אין 1900טען יאָהר, ד. ה. אין סאַמע אָנהויב פונ'ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, די סינדיקאַטען קאָנטראָלירט: אין דער טעקסטיל אינדוסטריע — העכער 50 פּראָצענט, אין דער גלאָז־אינדוסטריע —54 פּראָצענט, אין דער פּאַפּיר אינדוסטריע — 60 פּראָצענט, אין דער מעטאַל־אינדוסטריע (חוץ אייזען און שטאָל) — 84 פּראָצענט א. אז .וו. פאַרשטעהט זיך, אַז איצט איז דער טייל פון דער פּראָדוקציע, וואָס ווערט קאָנטראָלירט פון קאַפּיטאַליסטען־פאַרבאַנדען, באַדייטענד גרעסער. פּאַקטיש איז איצט די גאַנצע פּראָדוקציע פון אַמעריקע קאָנצענטרירט אין די הענט פון צוויי טראָסטען: דעם אָיל טראָסט און דעם שטאָל טראָסט. פון די דאָזיגע טראָסטען הענגען אָפּ די אַלע איבריגע. אין דייטשלאַנד

---

*) דאסווארט „מאנאפאל" שטאמט פון צוויי גריכישע ווערטער „מאנאס" (איינער) און „פאָלים" (מלוכה, פארוואלטונג, הערשאפט). ביי אונז אין רוסלאנד האט דאס ווארט מאנאפאל געמיינט די בראנפען־מאנאפאל פון דער מלוכה, ווען נאר די רעגירונג האט געהאט דאס רעכט אויסצוארבייטען בראנפען. עס קען אבער זיין א מאנאפאל ניט נאר אויף שנאפס, נאר אויף אלץ און ניט נאר פון דער רעגירונג, נאר אויך פון פריוואטע פערזאנען

זיינען אין יאָהר 1913 געלעגען 92.6 פּראָצענט פון דער קוילען פּראָדוקציע אינ'ם רייהי־וועסטפאַליען קוילען־ראַיאָן אין די הענט פון איין איינציגען סינדיקאַט; דער שטאָל סינדיקאַט האָט פּראָדוצירט כמעט אַ העלפט פונ'ם גאַנצען שטאָל, וואָס ווערט אינ'ם לאַנד אויסגעאַרבייט; דער צוקער סינדיקאַט האָט אויסגעאַרבייט 70 פּראָצענט פונ'ם צוקער, וואָס ווערט פאַרברויכט אין לאַנד, און 80 פּראָצענט פון דעם, וואָס ווערט פאַרקויפט אין אויסלאַנד א. א. וו.

אפילו אין רוסלאַנד האָבען זיך שוין אַ גאַנצע רייהע פּראָדוקציאָנס־צווייגען געפונען אונטער דער פאָלשטענדיגער הערשאַפט פון סינדיקאַטען. דער סינדיקאַט „פּראָדאוגאָל" פלעגט אויסגראָבען 60 פּראָצענט פון די קוילען, וואָס מען פלעגט אַרויסקריגען פון דאָנ'ער געגענד; דער סינדיקאַט „פּראָדאַמעטאַ" האָט פאַראייניגט 88־93 פּראָצענט; „קראָווליאַ" — 60 פּראָצענט (פונ'ם בלעך־אייזען), „פּראָד־וואַגאָן" האָט צענטראַליזירט 14 פון די 16 בוי־זאַוואָדען. דער קופער־סינדיקאַט — 90 פּראָצענט. דער צוקער סינדיקאַט די גאַנצע צוקער פּראָדוקציע (100 פּראָצענט), א. א. וו. לויט דער אויסרעכענונג פון אַ שווייצאַרישען געלערנטען, האָט זיך אין אָנפאַנג פון צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט אַ העלפט פון אַלע קאַפּיטאַלען פון דער וועלט געפונען אין די הענט פון סינדיקאַטען און טראַסטען.

סינדיקאַטען און טראַסטען קאָנצענטרירען ניט נאָר אונטערנעמונגען פון איין מין. וואָס ווייטער, קומען אויף אַלץ מעהר אַזעלכע טראַסטען, וועלכע נעהמען ארום גלייכצייטיג עטליכע פּראָדוקציאָנס־צווייגען. ווי אַזוי קומט דאָס פאָר?

אַלע אינדוסטריע־צווייגען זיינען צוזאַמענגעבונדען איינע מיט דער צווייטער קודם כל דורך דעם, וואָס זיי קויפען איינע ביי דער אַנדערער און פאַרקויפען איינע דער צווייטער. לאָמיר נעמען די פּראָדוקציע פון אייזען און שטיינקוילען. דאָ ווערט אויסגעאַרבייט אַ פּראָדוקט, וואָס דינט אַלס רוי־מאַטעריאַל פאַר די מעטאַלורגישע און גוס־אייזען זאַוואָדען; אָט די זאַוואָדען אַרבייטען אויס, פון זייער זייט, לאָמיר זאָגען, מאַשינען; די דאָזיגע מאַשינען דינען אַלס פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין אַ גאַנצער רייהע אַנדערע צווייגען, א. אז. וו. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז מיר האָבען אַ גוס־אייזען זאַוואָד. ער קויפט איין אייזען און שטיינקוילען; ער איז פאַראינטערעסירט איינצוקויפען וואָס ביליגער אָט די מאַטעריאַלען. וואָס פּאַסירט אָבער, ווען דאָס אייזען און שטיינקוילען געפינען זיך

אין די הענט פון אַן אנדער סינדיקאַט? הויבט זיך אָן אַ קאַמף צווישען איין סינדיקאַט און דעם צווייטען. און דער קאַמף ענדיגט זיך אָדער דערמיט, וואָס איין צד באַזיגט דעם צווייטען, אָדער זיי גיסען זיך צוזאַמען. סיי אין דעם און סיי אין יענעם פאַל קומט אויף אַ נייער סינדיקאַט, וואָס פאַראייניגט מיט אַמאָל צוויי צווייגען. עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אויף אַזאַ אופן קאָנען זיך פאַראייניגען ניט נאָר צוויי, נאָר אויך דריי און צעהן צווייגען. אַזעלכע אונטערנעמונגען רופען זיך אָן ק אָ מ פּ ל י צ י ר ט ע (אָדער קאָמבינירטע) אונטערנעמונגען.

אָט אַזוי אָרגאַניזירען די סינדיקאַטען און טראַסטען ניט נאָר איינצעלנע צווייגען, נאָר זיי בינדען צוזאַמען אין א י י ן אָרגאַניזאַציע פאַרשיידענאַרטיגע פּראָדוקציעס, פאַרקניפּען איין פּראָדוקציאָנס צווייג מיט׳ן צווייטען, דריטען, פערטען, א. אז. וו. פריהער זיינען אין אַלע צווייגען די אונטערנעמער געווען אומאָפּהענגיג איינער פון אַנדערען, און די גאַנצע פּראָדוקציע איז געווען צוברעקעלט אין הונדערטער, טויזענטער קליינע פאַבריקלאַך. צום אָנהויב פון צוואַנציגסטען יאָהר הונדערט איז אָט די פּראָדוקציע שוין געווען קאָנצענטרירט אין ריזיגע טראַסטען, וועלכע פאַראייניגען אין זיך פילע פּראָדוקציאָנס־צווייגען.

די פאַראייניגונג צווישען איינצעלנע פּראָדוקציאָנס צווייגען איז פאָרגעקומען ניט נאָר צוליב דעם, וואָס עס האָבען זיך געבילדעט „קאָמבינירטע" אונטערנעמונגען. דאָ מוז מען זיך אָפּשטעלען אויף אַן ערשיינונג, וועלכע שפּילט אַ גרעסערע ראָלע, ווי אָט די קאָמבינירטע אונטערנעמונגען. די דאָזיגע ערשיינונג איז ד י ה ע ר־ ש אַ פ ט פ ו ן ד י ב אַ נ ק ע ן.

נאָר צוערשט דאַרף מען זאָגען עטליכע ווערטער וועגען די דאָזיגע באַנקען.

מיר האָבען שוין געזעהן, אַז ווען די קאָנצענטרירונג און צענטראַליזירונג פון קאַפּיטאַל האָט דערגרייכט אַ גענוג הויכע אַנטוויקלונג, איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע באַדערפניש אין קאַפּיטאַל, כדי גלייך פון אָנהויב אַוועקצושטעלען די נייע אונטערנעמונגען אויף ברייטע יסודות. אויפ׳ן באָדען פון דער דאָזיגער באַדערפניש זיינען אויפגעקומען די אַקציען־געזעלשאַפטען. די אָרגאַניזירונג פון

נייע אונטערנעמונגען האט געפאדערט דעריבער אלץ גרעסערע געלט־מיטלען.

לאמיר זיך, פון דער אנדערער זייט, צוקוקען, וואס דער קאפי־טאליסט טוט מיט׳ן פראפיט, וועלכען ער באקומט. מיר ווייסען שוין, אז א טייל פונ׳ם פראפיט גיט ער אויס אויף עסענווארג, קליידער, א. אז. וו., מיט אייןווארט, אויף זיך; און דעם צווייטען טייל „זאמעלט ער אן". פרעגט זיך: ווי אזוי טוט ער דאס? איז ער אימשטאנד צו יעדען מאמענט, ווען עס ווילט זיך איהם נאר, פארברייטערען זיין פראדוקציע, ארייגלעגען אין געשעפט אט דעם טייל פונ׳ם פראפיט? ניין, דאס קאן ער ניט. און אט פאר וואס. געלט קומט טאקע צו איהם אריין כסדר, אבער בלויז טיילענווייז. פארקויפט מען איין פארטיע סחורה — קומט דאס געלט אריין אין קאסע; פארקויפט מען נאך — קומט נאך געלט אריין. עס פארשטעהט זיך, אז כדי צו פארטאן דאס געלט אויף צו פארברייטען די פראדוקציע, מוז מען מיט אמאל האבען א היבשע סומע. אויף אזא אופן מוז מען צואווארטען, ביז וואנען עס וועט אריינקומען אזוי פיל געלט, וויפיל מען דארף האבען אויף צו קויפען, צ. ב. ש., נייע מאשינען. וואס זשע טוט מען ביז דאן? ביז דאן קאן מען דאך דאס געלט ניט פארנוצען. דאס געלט ליגט און ברענגט קיינעם ניט קיין נוצען. אט דאס קומט פאר ניט ביי איינעם און ניט ביי צוויי קאפיטאליסטען, נאר ביי אלעמען. עס איז שטענדיג פאראן א פרייער קאפיטאל. און אויבען האבען מיר געזעהן, אז עס איז פאראן א פאדערונג אויף קאפיטאל. פון איין זייט זיינען פאראן איבעריגע קאפיטאלען, וואס ברענגען קיין נוצען נים. פון דער אנדער זייט איז פאראן א באדערפניש אין זיי. וואס גיכער עס קומט פאר די קאפיטאל־צענ־טראליזירונג, אלץ גרעסער איז די נויטווענדיגקייט אין גרויסע געלט סומען, אלץ מעהר אבער איז די צאהל פון פרייע קאפיטאלען. אט דאס האט טאקע אויפגעהויבען די באדייטונג פון די באנקען. כדי ביים קאפיטאליסט זאל זיינע געלט ניט ליגען אומזיסט אהן א תכלית, טראגט ער עס אריין אין באנק; דער באנק לייהט דאס צו א קאפיטאליסט, וואס נויטיגט זיך אין מיטלען אויף צו פארברייטערען די אלטע אדער ארגאניזירען נייע אונטערנעמונ־

נען. מיט דער הילף פונ׳ם קאַפּיטאַל, וואָס זיי קריגען אריין, פרעסען די פאַבריקאַנטען ארויס מערווערט; איין טייל גיבען זיי אוועק דער באַנק פאַר דער הלואה; די באַנק גיט אוועק, פון איהר זייט, א טייל אלס פּראָצענטען צו איהרע דעפּאָזיטאָרס און א טייל לאָזט די באַנק איבער פאַר זיך אלס איהר אייגענעם פּראָפיט. אָט אזוי דרעהט זיך די גאַנצע מאַשין.

איצטער איז פאַרשטענדליך, פאַר וואָס עס איז פאַר דער לעצ־טער צייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט אזוי אויסערגע־וויינליך געוואַקסען די ראָל פון די באַנקען, זייער באַדייטונג, זייער טעטיגקייט. די באַנקען זאַפּען אין זיך אריין אלץ גרעסערע און גרעסערע געלט־סומען. און אלץ מעהר קאַפּיטאַל לעגען זיי אריין אין דער א י נ ד ו ס ט ר י ע. דער באַנק־קאַפּיטאַל „ארבייט״ שטענדיג אין דער אינדוסטריע. ער ווערט אליין אן אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל. די אינדוסטריע הויבט אָן זיין אָפּהענגיג פון די באַנקען, וועלכע שטיצען און נערען זי מיט קאַפּיטאַל. דער באַנק־קאַפּיטאַל ווערט צונויפגעוואַקסען מיט דעם אינדוסטריעלען־קאַפּיטאַל. אָט אזא קאַפּיטאַל הייסט טאַקע פינאַנץ־קאַפּיטאַל. עס הייסט אלזאָ, אז דער פ י נ א נ ץ־ק א פּ י ט א ל א י ז ד ע ר ב א נ ק־ק א פּ י ט א ל, ו ו אָ ס א י ז צ ו נ ו י פ ג ע ו ו א ק ס ע ן מ י ט׳ן א י נ ד ו ס ט ר י ע ל ע ן ק א פּ י ט א ל.

דורך די באַנקען בינדט דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל צוזאַמען אלע אינדוסטריע־צווייגען נאָך אין א גרעסערער מאָס, ווי דאָס טוען די קאָמבינירטע אונטערנעמונגען. פאַר וואָס?

שטעלט זיך פאָר, אז מיר האָבען פאַר זיך א גרויסען באַנק. דער דאָזיגער באַנק קומט צוהילף מיט געלט (אָדער ווי מען זאָגט „פינאַנסירט״) ניט איינע, נאָר א סך אונטערנעמונגען, אָדער א סך סינדיקאַטען. הייסט עס, אז ער איז פאַראינטערעסירט, זיי זאָלען זיך ניט רייסען איינער מיט׳ן צווייטען; ער פ א ר א י י נ י ג ט זיי; ער פיהרט אזא פּאָליטיק, וואָס זאָל כסדר צוזאַמענבינדען אָט די אונטערנעמונגען אונטער זיין פיהרערשאַפט; דער באַנק הויבט אָן צו האַלטען די לייצעס פון דער גאַנצער אינדוסטריע, פון א גאַנצער רייהע פּראָדוקציאָנס־צווייגען. פאַרטרויענס־מענשען פון

דער באַנק ווערען באַשטימט אַלס דירעקטאָרען פון טראָסטען, סינ־דיקאַטען און איינצעלנע אונטערנעמונגען.

ענדליך באַקומט זיך אַזאַ בילד: די אינדוסטריע פון׳ם לאַנד איז פאַראייניגט אין סינדיקאַטען, טראָסטען, קאָמ־בינירטע אונטערנעמונגען; דאָס אַלץ ווערט צונויפגעבונדען דורך די באַנקען; אָן דער שפּיץ פון׳ם גאַנצען ווירטשאַפט־ליכען לעבען שטעלט זיך אַ הייפעל פון די גרעסטע באַנקירען, וועלכע פיהרען אָן די גאַנצע אינדוסטריע. און די מלוכה־מאַכט פיהרט געהאָרכזאַם דורך דעם ווי־לען פון די דאָזיגע באַנק און סינדיקאַט מאַגנאַטען.

דאָס קען מען גאַנץ גוט זעהן אויפ׳ן בייזשפּיל פון אַמעריקע. אין די פאַראייניגטע שטאַטען איז ווילסאָנ׳ס דעמאָקראַטישע רעגירונג אָדער האַרדינגס רעפּובליקאַנישע רעגירונג דירעקט אָנגעשטעלט פון די אַמע־ריקאַנער טראָסטען. דער פּאַרלאַמענט נעמט דאָרטען אָן נאָר דאָס, וואָס עס איז שוין פריהער באַשלאָסען געוואָרען אויף די באַראַטונגען, הינ־טער די קוליסען, פון די סינדיקאַט־מאַגנאַטען און באַנקירען. די טראָס־טען גיבען אויס קאָלאָסאַלע סומען געלד אויף כאַבאַר פאַר די דעפּו־טאַטען, אויף דעם וואַהל־קאַמפּיין, א. אז. וו. אַן אַמעריקאַנער שריי־בער (מייערס) ווייזט אָן, אַז אינ׳ם יאָהר 1904 האָט דער אַמעריקאַנער פאַרזיכערונגס טראָסט „מיוטשועל” אויסגעגעבען אויף „גרעפט” 364.254 דאָל.; די „עקוויטעיבל” — 72.698 דאָל., די „ניו יאָרק אינשו־רענס קאָמפּאַני” — 204,019 און אַזוי ווייטער. ווילסאָנ׳ס שוואָגער אין דעם פינאַנץ־מיניסטעריום, מעק־אַדו, איז איינער פון די גרעסטע באַנקירען און סינדיקאַט־מאַגנאַטען. די סענאַטאָרען, מיניסטאָרען זיי־נען פּשוט׳ע אַנגעשטעלטע, אָדער אנטיילנעהמער פון די קאָלאָסאַלע טראָס־טען. די רעגירונגס־מאַכט, די „פרייע רעפּובליק” איז פּשוט אַ גוט געשעפט אויף צו באַראַבעווען דעם עולם.

מיר קאָנען דאריבער זאָגען, אַז דאָס קאַפּיטאַליסטישע לאַנד פאַרוואַנדעלט זיך אַליין אינגאַנצען אונטער דער הערשאַפט פונ׳ם פינאַנץ־קאַפּיטאַל אין אַ ריזיגען קאָמבינירטען טראָסט, וואָס אָן זיין שפּיץ שטעהען באַנקען, און וועמעס אויספיהר קאָמיטעט (עקזע־קוטיווע) איז די בורזשואַזע רעגירונגס מאַכט. אַמעריקע, ענגלאַנד,

פראַנקרייך, דייטשלאַנד, א. אז. וו. זיינען ניט מעהר ווי מלוכה־קאַפּיטאַליסטישע טראַסטען, מעכטיגע אָרגאַניזאַציעס פון סינדיקאַט־מאַגנאַטען און באַנקירען, וואָס עקספּלואַטירען און באַהערשען הונדערטער מיליאָנען אַרבייטער, זייערע געדונגענע שקלאַפען.

22. דער אימפּעריאַליזם.

דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל באַזייטיגט ביז אַ געוויסען גראַד די אַנאַרכיע פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע אין יעדען איינצעלנען לאַנד. דעם אָרט פון איינצעלנע אונטערנעהמער, וואָס רייסען זיך שטענדיג אַרום צווישען זיך, פאַרנעהמט אַ פאַראייניגטער מלוכה־קאַפּיטאַליסטישער טראַסט.

ווי האַלט עס אָבער מיט איינעם פון די גרעסטע ווידערשפּרוכען פונ׳ם קאַפּיטאַליזם? מיר האָבען דאָך שוין איינינע מאָל באַמערקט, אַז דער קאַפּיטאַליזם מוז אונטערגעהן, ווייל איהם פעלט אָרגאַניזירטקייט און ווייל ביי איהם עקזיסטירט דער קלאַסען־קאַמף. אָבער אויב איינער פון זיינע צוויי ווידערשפּרוכען (זעה § 7) פאַרשווינדט, איז אפשר מעגליך, אַז די נביאות וועגען אונטערגאַנג פונ׳ם קאַפּיטאַליזם איז ניט באַגרינדעט?

די הויפּט זאַך ליגט פאַר אונז איצט אָט אין וואָס: אין דער אמת׳ן, ווערט דאָ די אַנאַרכיע פון פּראָדוקציע ניט באַזייטיגט, און אויך ניט די קאָנקורענץ; אָדער בעסער געזאָגט, זי ווערט באַזייטיגט אין איין אָרט, כדי ווידער ארויסצוטרעטען נאָך שאַרפער אין אַ צווייטען אָרט. לאָמיר גענויער באַטראַכטען די דאָזיגע פראַגע.

דער איצטיגער קאַפּיטאַליזם איז אַ וועלט־קאַפּיטאַליזם. אַלע לענדער זיינען ענג פאַרבונדען צווישען זיך: איינע קויפען ביי די צווייטע. עס זיינען ניטאָ איצט אין דער וועלט אַזעלכע ערטער, וואָס זאָלען ניט געפינען זיך אונטער דעם קנאַפּעל פונ׳ם קאַפּיטאַל, און ס׳איז ניטא אַזאַ לאַנד, וואָס זאָל פּראָדוצירען אַלץ ביי זיך אליין.

אַ גאַנצע רייהע פּראָדוקטען קאָן פּראָדוצירט ווערען בלויז אין באַ־

שטימטע ערטער: פאמעראנצען וואקסען ניט אין קאלטע לענדער, און אייזען קען מען ניט ארויסקריגען דארטען, וואו עס איז נישטא קיין אייזען אין דער ערד. קאפע, קאקא, גומיע (קאוטשוק) ווערט פראדוצירט נאר אין ווארימע לענדער. באוועל ווערט אויסגעארבייט נאר אין אמעריקע, אינדיען, עגיפטען, טורקעסטאן א. אז. וו. און פון דאנען ווערט ער עקספארטירט אין אלע טיילען פון דער וועלט. קוילען געפינט זיך אין ענגלאנד, דייטשלאנד, אין די פאראייניגטע שטאאטען, אין עסטרייך און רוסלאנד. איטאליען פארמאגט אבער ניט קיין קוילען, דאריבער הענגט איטאליען אינגאנצען אפ פון די ענגלישע אדער דייטשע קוילען א. אז. וו. ווייץ עקספארטירט מען אין דער גאנצער וועלט פון אמעריקע, אינדיען, רוסלאנד און רומעניען.

פון דער אנדערער זייט זיינען איייניגע לענדער אוועק ווייט אין זייער אנטוויקלונג אין דער צייט, וואס אנדערע זיינען אפגעשטאנען. און די פראגרעסיווע לענדער ווארפען דעריבער אן אויף די מערק פון די אפגעשטאנענע לענדער אלערליי פראדוקטען פון זייער שטאדטישער אינדוסטריע: אייזען־סחורות שטעלט צו צו דער גאנצער וועלט הויפטזעכליך ענגלאנד, אמעריקע און דייטשלאנד; כעמישע פראדוקטען האט צוגעשטעלט הויפטזעכליך דייטשלאנד.

אט אזוי איז איין לאנד אפהענגיג פונ׳ם צווייטען און קויפט אדער פארקויפט דעם צווייטען. ווי ווייט עס קאן דערגרייכען די דאזיגע אפהענגיגקייט, איז צו זעהן אויף דעם ביישפיל פון ענגלאנד, וועלכע אימפארטירט פון דריי פערטל ביז פיר־פינפטעל פונ׳ם גאנצען ברויט, וואס זי מוז האבען, און א העלפט פונ׳ם פלייש, און וועלכען זי נויטיגט זיך. דערפאר אבער פיהרט זי ארויס קיין אויסלאנד דעם גרעסטען טייל פון איהרע פאבריק־פראדוקטען.

איצט לאמיר זיך שטעלען די פראגע: צי באזייטיגט דער פינאנץ־קאפיטאל די קאנקורענץ אויפ׳ן וועלט־מארק? צי שאפט ער א וועלט־ארגאניזאציע דורך דעם, וואס ער פאראייניגט די קאפיטאליסטען אין יעדען לאנד? און דא קאן מען גלייך זעהן, אז ניט. אין יעדען באזונדערען לאנד הערט מעהר אדער וויניגער אויף די אנארכיע פון דער פראדוקציע און די קאנקורענץ, ווייל די איינצעלנע גרעסטע אונטערנעמונגען פאראייניגען זיך אין א מלוכה־קאפיטאליסטישען טראסט. נאר דערפאר צופלאקערט זיך שטארקער די רייסעריי צווישען די מלוכה קאפיטאליסטישע טראסטען גופא. אזוי קומט דאך שטענדיג פאר ביי דער צענטראליזירונג פון קאפיטאל: געהט דער קליין מענשעלע צו גרונד, ווערט, פארשטעהט זיך, קלענער די צאל

קאָנקורענטען, ווייל עס פארבלייבען נאָר די גרויסע. אָבער אָט די גדולים רייסען זיך שוין צווישען זיך, ווי עס פּאסט זיך פאר גדולים. אנשטאָט דעם קאָנקורענץ־קאמף צווישען איינ־צעלנע פאבריקאנטען, הויבט זיך אָן א קאמף צווישען טראָסטען. זייער צאָהל איז, פארשטעהט זיך, קלענער ווי די צאָהל פאברי־קאנטען. דערפאר אָבער קומט דאָ פאָר א גרעסערער און מעהר פארביטערטער, מעהר צושטערענדער קאמף. ווען די קאפּיטא־ליסטען פון איין לאנד האָבען, אלזא, געמאכט א תל פון די קליי־נע אונטערנעהמער, און האָבען זיך אָרגאניזירט אין א מלוכה־קאַ־פּיטאליסטישען טראָסט, ווערט די צאָהל קאָנקורענטען נאָך קלע־נער. דערפאר אָבער זיינען די דאָזיגע קאָנקורענטען ריזען־מעכ־טיגע קאפּיטאליסטישע רעגירונגען. און דער קאמף צווישען זיי פאָדערט אזעלכע אומגעהויער גרויסע אויסגאבען און צושטערונ־גען, וואָס זיינען נאָך ניט געהערט געוואָרען. ווייל די קאָנקורענץ צווישען די מלוכה־קאפּיטאליסטישע טראָסטען דריקט זיך אויס אין דער צייט פון „פרידען" אין א קאָנקורענץ פון באוואפנונג און לאָזט זיך ענדליך אויס מיט א פּ א ר ו י ס ט ע נ ד ע ן ק ר י ג.

דער פינאנץ־קאפּיטאל שאפט, אלזא, אָפּ די אינערליכע קאָנ־קורענץ אין איינצעלנע לענדער, ער פיהרט אָבער דערפאר צו אָן אומגעהויער פארביטערטער קאָנקורענץ צ ו ו י ש ע ן ד י ד אָ ־ ז י ג ע ל ע נ ד ע ר.

ווי אזוי קומט דאָס פאָר? און פארוואָס פיהרט ענדליך די קאָנקורענץ צווישען די קאפּיטאליסטישע לענדער צו א אימפּעריא־ליסטישער פּאָליטיק, צו א קריג? פארוואָס קאָן די דאָזיגע קאָנ־קורענץ ניט זיין קיין פרידליכע? ווען עס קאָנקורירען צווישען זיך צוויי פאבריקאנטען, וואָרפען זיי זיך דאָך ניט מיט קיין מעסער איינער אויפ׳ן צווייטען, נאָר באמיהען זיך אין א פרידליכען קאמף אוועקנעהמען קונים איינער ביים צווייטען. פארוואָס־זשע איז די קאָנקורענץ אויפ׳ן וועלט־מארק געוואָרען אזא פארביטערטע און באוואפענטע? אויף אָט די אלע פראגען מוז מען געבען א גענויעם ענטפער.

דאָ מוז מען קודם כל א קוק טאָן, ווי אזוי די פּאָליטיק פון דער בורזשואזיע האָט זיך געמוזט ענדערען צוזאמען מיט׳ן איבער־

גאנג פונ'ם אלטען קאפיטאליזם, וואו עס האט געבליהט די פרייע קאנקורענץ, צום נייעם, וואו די מאכט האט פארכאפט דער פינאנץ־קאפיטאל.

אנהויבען וועלען מיר פון דער אזוי גערופענער צאל־פאליטיק. אינ'ם קאמף פון די לענדער צווישען זיך האט די מלוכה־מאכט, וועלכע באשיצט שטענדיג איהרע אייגענע קאפיטאליסטען, שוין פון לאנג אויסגעפונען פאר דער ברוזשואזיע א קאמפס־מיטעל אין די צאלען (גרענעץ־שטייערען). צ. ב., ווען די רוסישע טעקסטיל־פאבריקאנטען האבען מורא געהאט, אז זייערע ענגלישע אדער דייטשע קאנקורענטען וועלען אימפארטירען קיין רוסלאנד סחורות און דורכדעם אראפדריקען דארטען די פרייזען, האט די געטרייע רעגירונג גלייך ארויפגעלייגט א צאל (גרענעץ־שטייער) אויף די ענגלישע און דייטשע שניט־סחורות. דאס, פארשטעהט זיך, האט שווער געמאכט דאס ארייגפיהרען פון אויסלענדישע סחורות קיין רוסלאנד. די פאבריקאנטען פלעגען געוועהנליך זאגען, אז די אפצאהלונגען אויף סחורות זיינען נויטיג, כדי צו פארטיידיגען די היימישע אינדוסטריע. נאר אויב מען זאל זיך איצט צוקוקען צו די פארשידענע לענדער, קען מען גלייך באמערקען, אז זיי האבען גאר „געהאט דערביי א גאנץ אנדער כונה". אין דער ווירקליכקייט האבען פאר די לעצטע צענדליגע יאהרען מעהר פון אלעמען געשריהען וועגען הויכע אפצאהלונגען און האבען ארויפגעלעגט גרויסע אפצאהלונגען די קאפיטאליסטען פון די גרעסטע און שטארקסטע לענדער, אמעריקע אריינגערעכענט. צו דען טאקע האבען זיי די אויסלענדישע קאנקורענטען געקענט אנטאן שאדען?

וועגען וואס זשע האנדעלט זיך דא? אט וועגען וואס. לאמיר אננעמען, אז די טעקסטיל אינדוסטריע איז אין וועלכען עס איז לאנד מאנאפאליזירט אין א סינדיקאט אדער טראסט. וואס קומט דעמאלט פאר ביי דער איינפיהרונג פון א גרענעץ שטייער? די קאפיטאליסטישע סינדיקאט־העררן פונ'ם דאזיגען לאנד שיסען צוויי האזען מיט איין שאס: ערשטענס, ווערען זיי פטור פון דער פרעמדער קאנקורענץ; צווייטענס, קאנען זיי אהן שום ריזיקע העכערען די פרייזען פון זייערע אייגענע סחורות אויף אזוי פיל, וויפיל עס

מאכט אויס דער גרענעץ־שטייער. מיר וועלען אָננעמען, אז דער גרענעץ־שטייער ווערט געהעכערט אויף א רובעל אויף א מעטער סחורה. אין אזא פאל קאָנען די סינדיקאט־מאגנאטען פון דער טעקסטיל אינדוסטריע רוהיג העכערען דעם פרייז נאָך אויף א רובעל, אָדער 90 קאָפּיקעם אויפ'ן מעטער. ווען קיין סינדיקאט וואָלט ניט זיין, וואָלט די קאָנקורענץ פון די קאפּיטאליסטען צווישען זיך געקאָנט גלייך אראָפּדריקען די פּרייזען. דער סינדיקאט קאָן אָבער רוהיג דורכפיהרען די דאָזיגע העכערונג: דער אויסלענדער בלייבט פון דער ווייטענס, ווייל דער גרענעץ־שטייער איז צו הויך; און די קאָנקורענץ אינ'ם אייגענעם לאנד איז אויסגעשלאָסען. דער שטאט פון די סינדיקאט־מאגנאטען האט דורך די גרענעץ־שטייערען אן איינקונפט, און דער סינדיקאט גופא האט דורך דער העכערונג פון די פּרייזען א צוגעקומענעם פּראָפיט. צוליב דעם דאָזיגען צוגעקומענעם פּראָפיט פונ'ם פארקויף ביי זיך אין לאנד זיינען איצט די סינדיקאט־מאגנאטען אימשטאנד ארויסצופיהרען זייערע סחורות אין אנדערע לענדער און אָפּזעצען זיי דאָרטען מיט א פארלוסט, אָבי נאָר ארויסצושטופּען זייערע געגנער פון די פרעמדע לענדער. און זיי פּלעגען טאקע טאָן אזוי. אזוי האט, צ. ב., דער רוסישער סינדיקאט פון די צוקער־פאבריקאנטען געהאלטען פארהעלטניסמעסיג הויך די פּרייזען אויף צוקער אין רוסלאנד, אָבער אין ענגלאנד האָבען זיי פארקויפט דעם צוקער פאר א קלייניגקייט, בלויז כדי צו דערשטיקען די דאָרטיגע קאָנקורענטען. עס איז ארומגעגאנגען א ווערטעל, אז אין ענגלאנד פיטערט מען חזירים מיט'ן רוסישען צוקער. מיט דער הילף פון גרענעץ־שטייערען קאָנען אלזאָ די סינדיקאט־הערן רויבען וויפיל זייער הארץ גלוסט די היימישע קונים, כדי אריינצונעמען אונטער זייער הערשאפט די אויסלענדישע קויפער.

דאָס אלץ ברענגט גרויסע רעזולטאטען. ס'איז קלאָר, אז דער צוגעקומענער פּראָפיט פון די סינדיקאטען וואקסט אלץ מעהר, וואָס גרעסער ס'איז די צאָהל שאָף, וועלכע לאָזען זיך שערען — און וועלכעם איז אפגעצוימט פון די אויסלענדישע סחורות דורך דער צאָל־גרענעץ. ווען א שטייערען גרענעץ נעמט ארום א קליינעם שטח לאנד, קאָן מען קיין גרויסע רייכטימער ניט אָנ־

קלייבען. פאַרקערט, ווען די שטייערען־גרענעץ נעמט אַרום אַ גרויסע צאָהל לענדער מיט אַ גרויסער באַפעלקערונג, איז שוין פאַראַן וואו אַפּצולעקען אַ ביינדעל. דער צוגעקומענער פּראָפיט וועט דאָ זיין אַ גרויסער. דאַן קען מען שוין מיט מעהר דרייסט־קייט אַרויסטרעטען אויפ'ן וועלט־מאַרק, און מען קאָן האָפען אויף אַ גרויסען ערפאָלג. נאָר די שטייערען גרענעץ איז געוועהנליך די זעלביגע, ווי די מלוכה־גרענעץ.

איז ווי אַזוי פאַרברייטערט מען די דאָזיגע גרענעץ? און וואס מיינט עס? עס מיינט פאַרכאַפּען אַ פרעמד שטיקעל ערד, צונעמען פאַר זיך אָט דאָס שטיקעל, א ר י י נ נ ע מ ע ן עס אין די איינענע גרענעצען, אינ'ם אייגענעם מלוכה־פאַרבאַנד און דאָס מיינט, פיהרען מלחמה. עס הייסט, אַז די הערשאַפט פון די סינדיקאַט מאַגנאַטען איז אומבאַדינגט צונויפגעבונדען מיט ע ר אָ ב ע ר ו נ ג ס ־ מ ל ח מ ו ת, יעדע רויבערישע מלוכה פון קאַפּיטאַל שטרעבט „צו פאַרברייטערען איהרע גרעניצען". דאָס פאָדערען די אינטערעסען פון די סינדיקאַט־מאַגנאַטען, די אינטערעסען פונ'ם פינאַנץ־קאַפּיטאַל. פאַרברייטערען די גרעניצען מיינט פיהרען מלחמה.

אויף אַזאַ אופן פיהרט די צאָל־פּאָליטיק פון די סינדיקאַטען און טראָסטען, וועלכע איז פאַרבונדען מיט זייער פּאָליטיק אויפ'ן וועלט־מאַרק, צו די שאַרפסטע צוזאַמענשטויסען. דאָך ווירקען דאָ מיט אויך אַנדערע סיבות, וואס פיהרען צו מלחמות.

מיר האָבען געזעהן, אַז די ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע פיהרט צו אַן אָנזאַמלונג פון מעהר־ווערט. אין יעדען קאַפּיטאַ־ליסטיש־ענטוויקעלטען לאַנד וואַקסט דעריבער אָן אַן א י ב ע ר ־ פ ל ו ס פ ו ן ק אַ פּ י ט אַ ל, וועלכער ברענגט אַ קלענערען פּראָפיט, ווי אין אַן אָפּגעשטאַנענעם לאַנד. וואָס מעהר איבעריגע קאַפּיטאַלען אַ לאַנד פאַרמאָגט אַלץ גרעסער איז די שטרעבונג צו ע ק ס פּ אָ ר ט י ר ע ן (אַרויספיהרען) אָט דעם קאַפּיטאַל, אַנצואווענדען איהם אין אַן אַנדערער לאַנד. אין אַ גרויסער מאָס העלפט אין דער הינזיכט די צאָל־פּאָליטיק. און ווירקליך, די גרענעץ־צאָלען שטערען דעם אימפּאָרט (דעם אַריינפיהר) פון סחורות. צ. ב. ווען רוסישע פאַבריקאַנטען האָבען איינגעפיהרט

הויכע גרעניץ שטייערען אויף דייטשע סחורות, איז פאר די דייטשע פאבריקאנטען שווער געוואָרען אפצוזעצען זייערע סחורות אין רוסלאנד. (מיר ריידען דאָ, פארשטעהט זיך, וועגען דעם, וואס ס'איז געווען ביי דער הערשאפט פון די פאבריקאנטען, און ניט ביי דער סאָוועטען־מאכט).

אויב אָבער פאר די דייטשע קאפיטאליסטען איז שווער געוואָרען צו פארקויפען סחורות, האָבען זיי געפונען אן אנדער אויסוועג: זיי האָבען אָנגעהויבען עקספּאָרטירען קיין רוסלאנד זייערע ק א פ י ט א ל ע ן. זיי האָבען געבויט פאבריקען און זאוואָדען, געקויפט אַקציעס פון רוסישע אונטערנעמונגען, אָדער געגרינדעט מיט זייער קאפיטאל נייע אונטערנעמונגען אריינלייגענדיג דאָרט זייערע קאפיטאלען. זיינען דען די גרענעץ־שטייערען געווען פאר זיי א שטערונג? פארקעהרט, די גרענעץ־שטייערען האָבען זיי ניט נאָר ניט געשטערט, נאָר האָבען זיי נאָך ג ע ה א ָ ל פ ע ן; זיי דינען אַלס צ ו צ י ה ו נ ג ס ־מיטעל פאר'ן אימפּאָרט פון קאַפּיטאַל. און אָט צוליב וועלכע אורזאכען: קוים האָט דער דייטשער קאפיטאליסט געהאט א פאבריק אין רוסלאנד, און איז נאָך געווען דערצו א מיטגליד פון א רוסישען סינדיקאט, האָבען אים שוין די רוסישע גרענעץ־שטייערען געהאָלפען זיך אָנשטאָפּען מיט'ן פארגרעסערטען פּראָפּיט צו בארויבען דעם עולם, זיינען זיי אויך פונקט אזוי צונוץ געקומען ווי זיינע רוסישע קאָלעגען.

דער קאפּיטאל ווערט ארויסגעפיהרט פון איין לאנד אין א צווייטען ניט בלויז מיט דעם צוועק צו גרינדען און שטיצען דאָרט אונטערנעמונגען. גאַנץ אָפט ווערט ער געגעבען צו אן אנדער שטאט אַלס אן א נ ל י י ה ע, פאר א געוויסען פּראָצענט, (ד. ה. דער אנדערער שטאט מאכט גרעסער זיינע שטאַט־שולדען, ווערט א בעל־חוב פון דעם ערשטען). אין אָט אזעלכע פאַלען איז דער שטאַט, וואָס איז פארשולדיגט, געוועהנליך פארפליכטעט צו מאכען אַלערליי אָנלייהען, (ספּעציעל פאר מלחמה־צוועקען) ביי די געשעפטסלייט פון יענעם לאנד, וואָס האָבען איהם געליהען געלט פריהער אויף צו פיהרען געשעפטען. אָט אזוי שטראָמען אריבער פון איין שטאט אין א צווייטען ריזיגע קאפּיטאַלען, וואָס געפינען זיך טיילוויס אין אונטערנעמונגען און איינריכטונגען, טיילוויס

אין מלוכה חובות. ביי דער הערשאַפט פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל דער־גרייכט דער עקספּאָרט (אַרויספיהר) פון קאַפּיטאַל ביז אַ קאָלאָ־סאַלער גרויס.

אַלס ביישפּיל וועלען מיר ברענגען ציפערען, וועלכע זיינען שוין איצט אפילו פאַרעלטערט, נאָר וואָס גיבען אונז דאָך עפּעס אַ באַגריף. פראַנקרייך האָט אין יאָהר 1902 פאַרמאָגט אין 26 שטאַטען אַן אריינגעלייגטען קאַפּיטאַל פון 35 מיליאַרד פראַנק. אומגעפעהר אַ העלפט דערפון איז געווען געגעבען פאַרשידענע שטאַטען אין דער פאָרם פון מלוכה־אנלייהעס. דער גרעסטער טייל פון די דאָזיגע אנ־לייהעס איז אויסגעפאַלען אויף רוסלאַנד (10 מיליאַרד). אגב, דאַרף מען דאָ באַמערקען, אַז די פראַנצויזישע בורזשואַזיע איז טאַקע דעריבער אַזוי אין כעס, וואָס סאָוועטען רוסלאַנד האָט זיך אָפּגעזאָגט צו צאָהלען די פראַנצויזישע פּראָצענטניקעס די צאַרישע חובות. אין יאָהר 1905 איז דער אַרויסגעפיהרטער קאַפּיטאַל פון פראַנקרייך גע־ווען 40 מיליאַרד. ענגלאַנד האָט אין יאָהר 1916 געהאַט אויס־געליהען אויסלאַנד אַרום אַ מיליאַרד און 6 הונדערט מיליאָן פונט סטערלינג. (אַ פונט סטערלינג איז ביז׳ן קריג געווען כמעט 5 דאָלאר), און אַז מען זאָל אַריינרעכענען די ענגלישע קאָלאָניעס אויך, איז אַט די סומע געווען העכער פון 3 מיליאַרד. דייטשלאַנד האָט פאַר׳ן קריג געהאַט אין אויסלאַנד אומגעפעהר 35 מיליאַרד מאַרק, א. אַז. וו. מיט איין וואָרט, יעדע קאַפּיטאַליסטישע מלוכה פלעגט אַרויספיהרען פון איהר לאַנד גוואַלטיג גרויסע סומען, כדי מיט זייער הילף צו באַ־ראַבעווען פרעמדע פעלקער.

דער עקספּאָרט פון קאַפּיטאַל פאַראורזאַכט אויך גרויסע רע־זולטאַטען. די פאַרלירענדע שטאַרקע מלוכות הויבען אָן קעמפען צוליב יענעם לאַנד, וואוהין זיי ווילען עקספּאָרטירען זייער קאַפּי־טאַל. נאָר דאָ דאַרף מען אָט־וואָס נעמען אין אָנבאַטראַכט. ווען די קאַפּיטאַליסטען פיהרען אַרויס זייערע קאַפּיטאַלען אין אַ „פרעמד״ לאַנד, שטעלען זיי אין געפאַר ניט אַ פעקעל סחורה, נאָר ריזיגע סומען, מיליאָנען און מיליאַרדען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז זיי קריגען אַ שטאַרקען חשק אַריינצוכאַפּען אין זייערע הענט די קליינע לענדער, וואוהין זיי האָבען עקספּאָרטירט זייערע קאַפּי־טאַלען. זיי ווילט זיך שטאַרק, אַז זייער מיליטער זאָל היטען אָט די קאַפּיטאַלען, און דאָס מיינט, אַז ביי די עקספּאָרטירענדע מלוכות באַווייזט זיך אַ שטרעבונג אונטערצוואַרפען אָט די לענדער אונ־טער זייער מלוכה־מאַכט. מיט אַנדערע ווערטער, פשוט מיט גע־

וואלד באהערשען די דאָזיגע לענדער. און אזוי ווי אויף אַט די שוואכינקע לענדער פאלען אָן פארשידענע גרויסע רויבערישע מלוכות, איז קלאָר, אז ענדליך מוזען די דאָזיגע רויבער זיך צוזאמענשטויסען (און האָבען זיך טאקע צוזאמענגעשטויסען). דער עקספאָרט פון קאפיטאל האָט דעריבער אויך געפירט צו מלחמות.

איצט לאָמיר נעמען אין אַנבאטראכט אויך אנדערע אורזאכען. ס'פארשטעהט זיך, אז מיט דער איינפיהרונג פון גרענעץ־שטייערן פאר די סינדיקאטען האָט זיך דער קאמף פאר'ן מארק אויף אַפּצוזעצען די סחורות אומגעהויער פארשאַרפט. פרייע לענדער, וואוהין מ'זאָל קענען אַוועקשיקען די סחורות, און וואו עס זאָלען נאָך ניט זיין קיין קאפיטאליסטען, זיינען שוין צום סוף פון 19טען יאָרהונדערט כמעט ניט געווען. און דאָ איז נאָך געוואָרען א געוואלדיג גרויסער יקרות אויף רוי־מאטעריאלען: אויף מעטאלען, וואָל, וואלד, קוילען, באוועל. אין די לעצטע יאָהרען פאר'ן אויסברוך פונ'ם וועלט־קריג איז פאָרגעקומען א ווילדער געיעג נאָך אַפּזאץ־מערק, און א קאמף פאר נייע קוואלען פון רוי־מאטעריאל.

די קאפיטאליסטען האָבען זיך ארומגעיאָגט איבער דער גאנצער וועלט און געזוכט נייע קוילען־ און מעטאל־גרובען און נייע מערק, וואוהין מען זאָל קענען ארויספיהרען מעטאל־פּראָדוקטען, שניט־סחורות און פארשידענע אנדערע ארטיקלען, און אזוי ארום באראבעווען א נייעם „פרישען" עולם. אין די פריהערדיגע צייטען פלעגען א סך פירמעס גאנץ אָפט אין איין לאנד קאָנקורירען צווישען זיך „פרידליך" און האָבען זיך דערביי גאנץ גוט פארטראָגען. אָבער מיט דער הערשאפט פון די באנקען און טראָסטען האָט זיך די זאך געענדערט. לאָמיר נעמען צ. ב., אז עס זיינען ענטדעקט געוואָרען נייע קופער־גרובען. זיי פאלען גלייך אריין אין די הענט פון א וועלכען עס איז באנק אָדער טראָסט. ער פארכאפּט זיי איינגאנצען פאר זיך און שאפט איבער זיי א מאָנאָפּאָל־הערשאפט. פאר די קאפיטאליסטען פון אנדערע לענדער בלייבט שוין דאָן גאָרנישט איבער. „וואָס פארכאפּט, איז פארפאלען". אזוי קומט פאר ניט נאָר מיט די קוואלען פון רוי־מאטעריאלען, נאָר אויך מיט די אַפּ־

זאַץ־מערק. ווען דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל דרינגט אַריין אין אַ וועלכער ניט איז ווייטע קאָלאָניע, ווערט גלייך דער סחורות־אָפּצאָל אָרגאַניזירט אויף דעם ברייטסטען שטייגער. געוויינליך, נעמט ווידער אַ וועלכע ס'איז גיגאַנטישע פירמע די זאַך אין איהרע הענט אַריין. זי גרינדעט דאָרט גלייך איהרע אָפּטיילונגען, און אויסאיבענדיג אַ דרוק אויף דער דאָרטיגער מאַכט דורך טויזענד־ערליי קונצען און שפּיצלאַך, זוכט זי אַריינצוקריגען דעם מאָנאָפּאָל אויף דעם גאַנצען סחורות פאַרקויף, האַלטענדיג דערביי איהרע קאָנקורענטען פון דער ווייטענס. און דאָס איז אויך פאַר־שטענדליך: דער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל, די סינדיקאַטען אינטערעסען, מוזען זיך טאַקע אויספירען סינדיקאַטען־מעסיג. דאָס זיינען שוין ניט מעהר „די אַלטע גוטע צייטען"; דאָס איז אַ קאַמף פאַר'ן וועלט־מאַרק צווישען מאָנאָפּאָליסטישע רויבער און כאַפּער.

ד א ר י ב ע ר ה אָ ט מ י ט ' ן ו ו א ו ק ס פ ו ן פ י ־ נ א נ ץ ־ ק א פּ י ט א ל ז י ך א ו י ך ג ע מ ו ז ט פ א ר ־ ש א ר פ ע ן ד ע ר ק א מ ף פ א ר ד י מ ע ר ק פ ו ן אָ פּ ז א ץ א ו ן ר ו י ־ ש ט אָ ף א ו ן פ י ה ר ע ן צ ו ה ע פ ט י ג ע צ ו ז א מ ע נ ש ט ו י ס ע ן.

פאַר דעם לעצטען פערטעל פון 19טען יאָהרהונדערט האָבען די גרויסע רויבערישע שטאַטען צוכאַפּט אויפ'ן ענערגישסטען אופן פרעמדע לענדער, וואָס געהערען צו קליינע פעלקער. פון דעם יאָהר 1876 ביז 1914 האָבען די אַזוי גערופענע גרויס־מלוכות פאַרכאַפּט אומגעפער 25 מיליאָן קוואַדראַט קילאָמעטער. מיט אַנדערע ווער־טער, זיי האָבען אָנגערויבט אַזוי פיל פרעמדע לענדער, אַז דער אַל־געמיינער שטח פון די פאַרכאַפּטע געגענדען איז צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי גאַנץ אייראָפּאַ. די גאַנצע וועלט איז איינגעטיילט גע־וואָרען צווישען די גרויסע רויבער: זיי האָבען פאַרוואַנדעלט אַלע לענדער אין זייערע ק אָ ל אָ נ י ע ס און די פעלקער זייערע — אין צינזען־צאָלער און שקלאַפען.

אָט זיינען עטליכע ביישפּילען: ע נ ג ל א נ ד האָט זינט דעם יאָהר 1870 ערוואָרבען בעלודזשיסטאַן, בירמאַ, קיפּר, צפון־באָרנעאָ, וועי־כאַ־ווײַ, די געגענד'ן אַנטקעגען האָנקאָנג, האָט פאַרגרעסערט „סטרייטס־סעטל־מענטס", האָט פאַרכאַפּט דעם האַלב־אינזעל סינאַי, א. אַז. וו. אין אויסטראַ־ליען האָט זי פאַרכאַפּט אַ רייהע אינזלען, דעם מערב־טייל פון נײַ־גווי־

נעאַ, דעם גרעסטען טייל פון די סאָלאָמאָן־אינזלען, דעם אינזעל פאַנג א. אז. וו. אין אַפריקע האָט זי פאַרכאַפּט — עגיפּטען, סודאַן מיט אוגאַנדאַ, מזרח אַפריקע, „בריטאַנישע" סאָמאַלי, זאַנזיבאַר, פּעמבו, האָט אין אַ מלחמה איינגעשלונגען ביידע בור'ער רעפּובליקען, ראָדעזיאַ, בריטאַנישע צענטראַל אַפריקע, האָט פאַרנומען ניגעריע א. אז. וו., א. אז. וו.

אָנהויבענדיג פון יאָהר 1870 האָט **פראַנקרייך** אונטערטעניג געמאַכט — אַנאַם, האָט איינגענומען טאָנקין, האָט אַנעקסירט לאַאָס, טוניס, די קאָמאָרער אינזלען, מאַדאַגאַסקאַר, גרויסע שטיקער אין סאַכאַראַ, סודאַן, גווינע, האָט ערוואָרבען געגענדען ביים „ברעג פון עלפען־ביין", און דאַגאָמעע, סאָמאַלי א. אז. וו. אַלס רעזולטאַט פון אָט דעם אַלעם זיינען די פראַנצויזישע קאָלאָניעס צום אָנהויב פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט געווען כמעט צוואַנציג מאָל גרעסער ווי פראַנקרייך גופא. די קאָלאָניעס פון ענגלאַנד זיינען מעהר ווי הונדערט מאָל אַזוי גרויס ווי ענגלאַנד גופא.

דייטשלאַנד האָט זיך אין דעם רויבער־געשעפט אַריינגעלאָזען אַביסעל שפּעטער, אַן ערך זינט 1884 יאָהר. אָבער אין דער קורצער צייט האָט זי שוין אויך באַוויזען אָנצוראַבעווען גרויסע שטיקער טערטאָריע.

דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט די לעצטע צייט אויך געפיהרט אַ רויבערישע פּאָליטיק אויף גאָר אַ גרויסען מאַסשטאַב, איבערהויפּט אין אַזיען, וואָס עס האָט געפיהרט צו אַ צוזאַמענשטויס מיט יאַפּאַן, וועלכע האָט פון דער אַנדערער זייט געוואָלט ראַבעווען אַזיע.

די פאַראייניגטע שטאַטען האָבען צוערשט אַריינגעקראָגען אין זייערע הענט אַ סך אינזלען נאָהענט פון אַמעריקע, דאַן האָבען זיי זיך גענומען צו פרעמדען האָב און גוטס אויפ'ן קאָנטינענט גופא. באַזונדערס חוצפה'דיג איז געווען זייער רויבערישע פּאָליטיק אין מעקסיקאָ.

דער אייגענער שטח ערד, וואָס די זעקס גרויסמעכטע האָבען אין יאָהר 1914 געהאַט, האָט אויסגעמאַכט 16 מיליאָן קוואַדראַט קילאָמעטער, און די אנגערויבטע קאָלאָניעס זייערע האָבען באַטראָפען 81 מיליאָן קוואַדראַ[illegible]

פון די דאָזיגע רויבערישע אַפּעטיטען האָבען, פאַרשטעהט זיך, קודם־כל געליטען די קליינע שוצלאָזע און שוואַכע לענדער. זיי פלעגען אונטערגעהן די ערשטע. אַזוי ווי אין קאַמף צווישען די פאַבריקאַנטען און קליינע האַנדווערקער פלעגען אונטערגעהן די ערשטע די האַנדווערקער, אַזוי איז אויך דאָ: די גרויסע מלוכות־טראָסטען, דער גרעסטער רויבערישער אָרגאַניזירטער קאַפּיטאַל האָט צום אַלעם ערשטען צובראָכען די קליינע מלוכות און האָט זיי אונטער־

טעניג געמאַכט אונטער זיך. אַט אַזוי איז פאַרגעקומען די צענט־ראַליזירונג פון קאַפּיטאַל אין דער וועלט־ווירטשאַפט. די קליינע מלוכות זיינען אונטערגעגאַנגען. די גרויסע רויבערישע מלוכות פלעגען רייכער, גרעסער און שטאַרקער ווערען.

נאָר ווען זיי האָבען שוין געהאַט צוראַבירט די גאַנצע וועלט און ווען דער קאַמף צווישען זיי גופא איז געוואָרען שטאַרקער, איז קלאָר געוואָרען, אַז ס'הויבט זיך אָן אַ גוואַלטיגער קאַמף פאַר אַ נייער צוטיילונג פון דער וועלט צווישען די רויבער, אַ קאַמף ניט אויף לעבען, נאָר אויף טויט צווישען די פאַרבליבענע רויבערישע מלוכות.

די עראָבערונגס־פּאָליטיק, וועלכע דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל פירט אָן פאַר די אָפּזאַץ־מערק, פאַר די רוי־מאַטעריאַלען־מערק, פאַר פלעצער וואו צו פאַרטאָן דעם קאַפּיטאַל, הייסט אימפּעריאַליזם. דער אימפּעריאַליזם וואַקסט אויס פון פינאַנץ־קאַפּי־טאַליזם. און פונקט ווי דער טיגער קאָן זיך ניט שפּייזען מיט גראָז, פונקט אַזוי האָט דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל ניט געקאָנט און קאָן ניט טרייבען קיין אַנדער פּאָליטיק, ווי די פּאָליטיק פון עראָבערונג, פון רויב, פון גוואַלטאַטען און קריג. יעדע איינע פון די פינאַנץ־קאַפּיטאַליסטישע מלוכות־טראָסטען וויל איינגענט־ליך איינגעמען די גאַנצע וועלט, גרינדען אַ וועלט־אימפּעריע, וואו עס זאָל אומבאַגרענצט הערשען אַ הייפעלע קאַפּיטאַליסטען פון יענעם פאָלק, וואָס האָט אָפּגעהאַלטען אַ זיג. דער ענגלישער אימפּעריאַליזם חלום'ט, צ. ב., וועגען „גרויס בריטאַניע”, וועלכע זאָל הערשען איבער דער גאַנצער וועלט, וואו די ענגלישע סינדי־קאַט־מאַגנאַטען זאָלען קאָנען האַלטען אונטער זייער קנאַפּעל די נעגערס און די רוסען, די דייטשען און די כינעזער, די הינדוסען און די אַרמענער, — מיט איין וואָרט, הונדערטער פון אַלערליי שוואַרצע, געלע, ווייסע און רויטע שקלאַפען־פעלקער. און ענגלאַנד האַלט שוין טאַקע ניט ווייט דערפון. אָבער וואָס מעהר ס'איז אָנגערויבט, אַלץ מעהר ווילט זיך. דאָס זעלבע איז אויך מיט די איבעריגע. די רוסישע אימפּעריאַליסטען חלום'ען וועגען „גרויס־

רוסלאַנד", די דייטשע וועגען „גרויס־דייטשלאַנד" א. אַ. וו. אונטער דער דאָזיגער „גרויסקייט" פאַרשטעהט זיך די מיאוסטע באַרויבונג פון אַלע איבעריגע פעלקער.

אויף אַזאַ אופן איז קלאָר, אַז די הערשאַפט פון'ם פינאַנץ־קאַפּיטאַל האָט געמוזט אַריינוואַרפען די גאַנצע מענשהייט אין אַ בלוטיגען אָפּגרונט פון מלחמות לטובת די באַנקירען און די סינדיקאַט־מאַגנאַטען, — מלחמות ניט צו פאַרטיידיגען דאָס **אייגען** לאַנד, נאָר אויף צו ראַבירען פרעמדע לענדער, צו אונטעראָכען די וועלט אונטער'ן פינאַנץ־קאַפּיטאַל פון'ם זיגרייכען לאַנד. אַזאַ מין קריג איז טאַקע געווען דער גרויסער וועלט־קריג פון 1914—1918.

23. דער מיליטאַריזם.

די הערשאַפט פון'ם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, פון די באַנקירען און סינדיקאַט־מאַגנאַטען דריקט זיך אויס נאָך אין אַ וויכטיגער זאַך: אין'ם פריהער אומערהערטען וואוקס פון אויסגאַבען אויף באַוואַפנונג, אין'ם וואוקס פון דער אַרמיי, פון דעם ים־פלאָט און לופט־פלאָט. און עס איז אויך פאַרשטענדליך. אין די פריהערדיגע צייטען וואָלט קיינעם פון די רויבער ניט איינגעפאַלען אפילו צו חלום'ען וועגען אַ וועלט־ווירטשאַפט. איצט אָבער טראַכטען די אימפּעריאַליסטען וועגען אַזאַ זאַך גאַנץ ערנסט. און עס פאַרשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע מלוכות נעמען אָן אַלע מיטלען צו זיין באַוואָפענט ווי געהעריג פאַר'ן נויטיגען דערצו קאַמף. די גרויס־מאַכטען האָבען נאָכאַנאַנד געראַבעוועט דאָס פרעמדע פאַרמעגען און האָבען זיך דערביי בסדר אַרומגעקוקט: צי וויל זיי ניט אַמאָל אַ בים טאָן אימיצער פון די שכנים, פונקט אַזאַ שטאַרקע רויב־חיה ווי זיי. דעריבער האָט יעדע גרויסמאַכט געמוזט אויפשטעלען אַן אַרמיי, ניט בלויז פאַר די קאָלאָניעס און געגען איהרע אייגענע אַרבייטער, נאָר אויך פאַר דעם קאַמף געגען איהרע אייגענע רויב־חברים. האָט איין מלוכה איינגעפיהרט אַ נייע וואָפען־סיסטעם, האָט גלייך די אַנדערע מלוכה געשטרעבט זי איבערצויאָגען, כדי ניט צו בלייבען אויסגעשפּילט. אָט אַזוי איז אַנטשטאַנען דאָס ווילדע באַוואָפנונגס־געיעג — איין

מלוכה זוכט אַנצוויאַגען די אַנדערע. עס וואַקסען די ריזען־אונטערנעמונגען און טראַסטען פון די האַרמאַטען־קעניגע: די פּוטילאָווס, קרופּס, אַרמסטראָנגס, וויקערס א. אַ. וו. אַט די האַרמאַטען־טראַסטען לייגען אריין אין די קעשענעס קאָלאָסאַלע פּראָפיטען, שטעהען אין פאַרבינדונג מיט די גענעראַל־שטאַבען און שטרעבען אויף אַלערליי אופנים פון זייער זייט אונטער־צוגיסען אויל אויפ׳ן פייער, אונטערהעצענדיג און פאַנאַנדער־בלאָזענדיג יעדען קאָנפליקט, ווייל פון׳ם קריג הענגט אָפּ דער צושטאַנד פון זייער פּראָפיט.

אַט וואָס פאַר אַ משוגענעם בילד עס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט פאַר דער מלחמה. די מלוכות־טראַסטען האָבען זיך ארומגערינגעלט מיט אַ וואַלד פון באַיאָנעטען: אויף דער יבשה, אויפ׳ן וואַסער און אין דער לופט איז אַלץ גרייט געווען צום וועלט־קאַמף; די הוצאות אויף דער אַרמיי און פלאָט האָבען צווישען די אַלע הוצאות פון דער מלוכה פאַרנומען וואָס אַמאָל אַלץ אַ גרעסערען אָרט. אין ענג־לאַנד, צ. ב., האָבען די אויסגאַבען אויף מלחמה־צוועקען אויס־געמאַכט אין יאָהר 1875—30.6 פּראָצענט, ד. ה. עפּעס וויינינגער פון אַ דריטעל, און אין יאָהר 1907—1908 האָבען זיי שוין אויסגע־מאַכט 48,8 פּראָצענט, ד. ה. כמעט אַ העלפט פון אַלע מלוכה־הוצאות. אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען האָבען זיי באַטראָפען 56.9 פּראָצענט, ד. ה. מעהר ווי אַ העלפט. פּונקט אַזוי איז דאָס געווען אויך אין די אַנדערע מלוכות. דער פּרייסישער מיליטאַריזם האָט געבליהט צווישען אַלע גרויסע מלוכה־טראַסטען. די האַרמאַטען־קעניגע האָבען זיך געריבען די הענט פון גרויס נחת, און די גאַנצע וועלט איז מיט אַ געוואַלטיגען אימפּעט געגאַנגען צו דער בלוטיגסטער שחיטה, צו דער אימפּעריאַליס־טישער וועלט־הריגה.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז געווען די באַוואָפנונגס־קאָנקורענץ צווישען דער ענגלישער און דייטשער בורזשואַזיע. אינ׳ם יאָהר 1912 האָט ענגלאַנד באַשלאָסען בויען דריי פּאַנצער־שיפען (דרעדנאָוטען) אויף יעדע צוויי, וואָס ס׳וועט בויען דייטשלאַנד. אין 1913 האָט דייטשלאַנד געצאָלט האָבען אין צפון־ים 7 דרעדנאָוטען און ענגלאַנד 12; אין 1916 האָט דייטשלאַנד שוין געהאַט 26 און ענגלאַנד 36 א. אַ. וו.

די אויסגאבען אויף דער אַרמיי און פלאָט האָבען אַזוי ארום געשטיגען אויפ'ן פאָלגענדען אופן (אין מיליאָנען רובעל):

	יאָהר 1888—1908
רוסלאַנד	210 — 470
פראנקרייך	300 — 415
דייטשלאַנד	180 — 405
עסטרייך־אונגאַרן	100 — 200
איטאַליען	75 — 120
ענגלאַנד	150 — 280
יאפאן	7 — 80
די פאַראייניגטע שטאַטען	100 — 200

פאַר 13 יאָהר זיינען די אויסגאבען פאַרטאָפּעלט געוואָרען; אין יאפאן זיינען זיי גרעסער געוואָרען אויף 13 מאָל. קורץ, פאַר דער מלחמה איז געוועזן אַן אמת'ער באַוואפנונגס־משוגעת. פ ר אַ נ ק ר י י ך האָט אין יאָהר 1910 אויסגעגעבען אויף מיליטער־הוצאות 502 מיליאָן רוב., אין יאָהר 1914 — 740; דייטשלאַנד האָט אין 1906 אויסגעגעבען 418 מיליאָן מאַרק; אין 1914 — 943 מיליאָן, ד. ה. זי האָט פאַר 8 יאָהר אויף צווייען פאַרגרעסערט די הוצאות. נאָך שטאַרקער האָט זיך באַוואפענט ענגלאַנד. אין יאָהר 1900 האָט זי אויסגעגעבען 499 מיליאָן רובלס, אין 1910 — שוין 694 מיליאָן און אין 1914 — 804 מיליאָן. אין 1913 האָט ענגלאַנד אויסגעגעבען אויף איהר פלאָט מעהר איידער אַ ל ע מלוכות צוזאַמען אויף זייערע פלאָטען אין יאָהר 1886. אין צאַרישען רוסלאַנד האָט מען אויסגעגעבען אויף מיליטער־הוצאות אין יאָהר 1906 — 529 מיליאָן רובעל; אין 1914 איז דער בודזשעט פונ'ם מיליטער־און־פלאָטען־מיניסטעריום דערגאַנגען ביז 975 מיליאָן.

די הוצאות אויף מלחמה צוועקען פלעגען פאַרשלינגען אַ קאָלאָסאַלען טייל פון די פאָלקס־געלדער. רוסלאַנד פלעגט, צ. ב. אויסגעבען אויף דעם כמעט אַ דריטעל פון אַלע איהרע הוצאות, און מיט די פראָצענטען אויף הלוואות נאָך מעהר ווי אַ דריטעל. אָט זיינען ציפערען.

פון יעדע הונדערט רובל פלעגט אין צאַרישען רוסלאַנד אויסגעגעבען ווערען:

אויף דער ארמיי, פלאָטע און פראָצענטען פאַר הלוואות —	40 ר. 14 ק.
אויף פאָלקס־בילדונג (13 מאָל ווייניגער) —	3 ר. 86 ק.
אויף אַגריקולטור (11 מאָל ווייניגער) —	4 ר. 6 ק.
אויף פאַרוואַלטונג, געריכט, פאַרקעהרס־מיניסטעריום —	51 ר. 94 ק.

סך הכל 100 ר.

די זעלבע געשיכטע איז געווען אין די איבריגע מלוכות. לאמיר נעמען דאס „דעמאקראטישע" ענגלאנד אין יאהר 1904.

פון הונדערט רובעל פלעגט אויסגעגעבען ווערען:

אויף דער ארמיי און פלאט — — — — — — — — — —	53 ר. 80 ק.
אויף צאלען מלוכה־חובות און פראצענטען — — — — —	22 ר. 50 ק.
אויף בירגערליכע אנשטאלטען — — — — — — — —	23 ר. 70 ק.

סך הכל 100 ר.

24. דער אימפעריאליסטישער קריג פון די יאה־רען 1914־1918.

פון דער אימפעריאליסטישער פאליטיק, וואס ס'האבען גע־פיהרט די „גרויסע מלוכות", איז קלאר געווען, אז זיי מוזען פריהער אדער שפעטער קומען צו א צוזאמענשטויס. עס איז גאנץ קלאר, אז די דאזיגע רויבערישע פאליטיק פון אלע „גרויס־מעכטע" איז געווען די אורזאך פונ'ם קריג. נאר א נאר קאן איצט גלויבען אין דעם, אז די מלחמה האט אויסגעבראכען צוליב דעם, וואס די סערבען האבען ערמארדעט דעם עסטרייכישען קרוינפרינץ, אדער איבער דעם, וואס דייטשלאנד איז באפאלען בעלגיען.

אין אנהויב פונ'ם קריג האט מען זיך שטארק געאמפערט וועגען דעם, ווער עס איז שולדיג אינ'ם קריג. די דייטשע קאפיטאליסטען האבען גע'טענה'ט, אז רוסלאנד איז באפאלען דייטשלאנד. די רוסישע געשעפטסלייט האבען געשריען אומעטום, אז אנגעפאלען איז דייטשלאנד. אין ענגלאנד האט מען געזאגט, אז מען פיהרט דעם קריג, כדי צו באשיצען דאס קליינע בעלגיען, וועלכע איז נעבאך פאראומגליקט געווארען. אין פראנקרייך האט מען דאס גלייכען געשריען, און געזונגען וועגען דעם, ווי איידעל פראנקרייך האנדעלט דערמיט, וואס זי שטעלט זיך איין פאר דעם העלדישען בעלגישען פאלק. און פונקט אין דערזעלבער צייט האט מען אין עסטרייך און דייטשלאנד געהאלטען אין איין דערציילען, אז זיי שיצען זיך פונ'ם איבערפאל פון די רוסישע

קאָזאַקען, און זיי מוזען איצט פיהרען אַ הייליגען פּאַרטיידיגונגס־קריג.

דאָס אַלץ איז אָבער געוועזן ניט מעהר ווי אַ ליגען — כדי אָפּצונאַרען די אַרבייטער־מאַסען. די בורזשואַזיע האָט זיך גענויטיגט אין דעם דאָזיגען ליגען, כדי צו צווינגען די סאָלדאַטען געהן אין מלחמה, און ס'איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל ווי די בורזשואַזיע ווענדעט אָן אַזעלכע מיטלען. מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, ווי די סינדיקאַט־מאַגנאַטען פּלעגען איינפיהרען הויכע אָפּצאָהלונגען, כדי, ראַבירענדיג די קויפער ביי זיך אין דער היים, בעסער אָנצופיהרען דעם קאַמף אויף פרעמדע מערק. די אָפּצאָהלונגען זיינען, הייסט עס, געוועזן פאַר זיי אַן אַנגריף־מיטעל, און געשריען האָט די בורזשואַזיע, אַז זי וויל פּאַרטיידיגען די „היימישע אינדוסטריע". דאָס זעלבע איז אויך געוועזן מיט דער מלחמה. דער תוך פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, וועלכע האָט אונטעריאָכט די וועלט אונטער דער הערשאַפט פון'ם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, איז טאַקע באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַלע זיינען אַנגעפאַלען. איצט איז עס שוין קלאָר. די צאַרישע לאַקייען האָבען געזאָגט, אַז זיי „פּאַרטיידיגען זיך". אָבער ווען די אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט אויפגעעפענט די געהיימע שופלאָדען אין די מיניסטעריומס, האָבען די דאָקומענטען באַשטעטיגט, אַז סאַי דער צאַר, סאַי קערענסקי האָבען, צוזאַמען מיט די ענגלענדער און פראַנצויזען, געפיהרט מלחמה צוליב רויבערישע צוועקען; אַז זיי האָבען געוואָלט צונעמען דאָס פרעמדע קאָנסטאַנטינאָפּאָל, באַראַבעווען טערקיי און פּערסיע און אוועקרויבען ביי דער עסטרייכישער מלוכה גאַליציען. דאָס איז איצט קלאָר ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער.

די מעשים פון די דייטשע אימפּעריאַליסטען זיינען איצט אויך גאַנץ קלאָר. ס'איז גענוג זיך צו דערמאָנען וועגען בריסקער שלום, וועגען די רויבערייען, וואָס זיי האָבען געמאַכט אין ליטע, פּוילען, אוקראַינע און פינלאַנד. די דייטשע רעוואָלוציע האָט אויך אַ ביסעל דערצעהלט פון חדר, און איצט ווייסט מען שוין אויפ'ן גרונט פון דאָקומענטען, אַז דייטשלאַנד האָט זיך צוגע־

גרייט צום אָנגריף נאָר פון רויב וועגען, און האָט זיך ארומגע־טראָגען מיט דעם געדאנק צו פאַרכאַפּען פאַר זיך כמעט אַלע פרעמדע קאָלאָניעס און לענדער.

און די „איידעלע" עלאַס? אויך זייערע מעשים זיינען שוין איצט אויפגעדעקט. נאכדעם ווי זיי האָבען מיט זייער ווערסאַלער שלום ביז'ן לעצטען פאָדים באַ'גזל'ט דייטשלאנד; נאָך דעם ווי זיי האָבען ארויפגעלייגט 125 מיליארד קאָנטריבוציע, האָבען צוגענומען דעם גאַנצען פלאָט, די קאָלאָניעס, כמעט אַלע לאָקאָמאָטיווען, האָבען אַוועקגעפיהרט, אויפ'ן חשבון פון דער קאָנטריבוציע, מעלקעדיגע קיה און אַזוי ווייטער, וועט שוין מסתמא קיינער ניט גלויבען אין זייער איידעלקייט. אויך פון רוסלאַנד רייסען זיי פּאַסען סאַי פון צפון, סאַי פון דרום. אויך זיי האָבען, אַלזאָ, צולב רויב געפיהרט מלחמה.

דאָס אַלץ האָבען די קאָמוניסטען אָנגעוויזען אין אָנהויב קריג. דעמאָלט האָבען ווינציג מענשען דערין געגלויבט. איצ־טער אָבער זעהט עס איין יעדער איינער. דער פינאַנץ קאַפּיטאַל איז אַ זשעדנער, בלוטדורשטיגער רויבער, אַלץ איינס פון וועמען ער שטאַמט: צי איז ער אַ רוסישער, אַ דייטשער, אַ יאַפּאַ־נעזישער אָדער אַמעריקאַנער.

עס איז דעריבער לעכערליך צו זאָגען, אַז אין אימ־פּעריאַליסטישען קריג איז איין אימפּעריאַליסט שולדיג אָדער דער אַנדערער; אָדער אַז אייניגע אימפּעריאַליסטען זיינען די אָנפאַלער, און די אַנדערע פאַרטיידיגען זיך. דאָס אַלץ האָט מען אויסגעטראַכט, בלויז כדי אָפּצונאַרען די ארבייטער. אין דער ווירקליכקייט האָבען אַלע אַטאַקירט די קליינע קאָלאָניאַלע פעלקער; אַלע האָבען זיך ארומגעטראָ־גען מיט די געדאַנקען, אויסצוראַבעווען די גאַנצע וועלט און מאַכען זי אונטערטעניג דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל פונ'ם אייגענעם לאַנד. דער דאָזיגער קריג האָט געמוזט ווערען אַ וועלט־קריג. כמעט די גאַנצע וועלט איז געווען צוריסען אויף שטיקער און צוטיילט צווישען די „גרויס־מעכטע", און אַלע מלוכות זיינען איינע מיט די אַנדערע געוועזן געבונדען דורך דער געמיינזאַמער וועלט־ווירטשאַפט.

דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואס דער קריג האט ארומגענומען כמעט אלע ערד־טיילען.

ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליען, בעלגיען, רוסלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך, סערביע, בולגאריע, רומעניע, טשערנאגאריע, יאפאן, אמעריקע, כינע, צעהנדליגער אנדערע קליינע מלוכות, מיט איין ווארט, כמעט אלע זיינען געווען אריינגעצויגען אין דעם בלוטיגען קעסעלגרוב. די באפעלקערונג פונ׳ם גאנצען ערדקוגעל באטרעפט אן ערך אנדערהאלבען מיליארד מענשען. און אט די גאנצע אנדער־האלבען מיליארד מענשען האבען דירעקט אדער אינדירעקט געפיהלט אויף זיך די אומגליקען פון דער מלחמה, וואס ס׳האט ארויפגעצוואונגען אויף זיי א הייפעלע קאפיטאליסטישע פארברעכער. אזעלכע ריזען־ארמייען, ווי די וואס מען האט אויפגעשטעלט אויף דער יבשה, — אזעלכע מורא׳דיגע טויטגעצייג האט נאך די וועלט ניט געהאט געזעהן. ניט געזעהן האט די וועלט אויך אזא קראפט פונ׳ם קאפיטאל. און ווירקליך, ענגלאנד מיט פראנקרייך האבען דאך געצוואונגען, אז ניט נאר זאלען ענגלענדער און פראנצויזען דינען זייערע געלדזעק, נאר אויך פילע צעהנדליגער זייערע שווארץ־הויטיגע, געלהויטיגע און אלערליי אנדערע קאלאניאלע שקלאפען. די „ציוויליזירטע” רויבער האבען זיך ניט גע׳מיאוס׳ט צו באנוצען מענשענפרעסער פאר זייערע צוועקען. און דאס אלץ איז איינגעהילט געווארען אין א שלייער פון די איידעלסטע לאזונגען.

די מלחמה פון יאר 1914 איז ניט געווען די ערשטע פון מלחמות צוליב די קאלאניעס, אזא כאראקטער האט געטראגען דער מארש פון די „ציוויליזירטע” מלוכות געגען כינע; דער שפאניש־אמעריקאנער קריג; דער רוסיש־יאפאנעזישער קריג פון יאר 1904 (צוליב קאריע, פארטארטור, מאנדזשוריע, א. אז. וו.); דער איטאליעניש־טערקישער קריג פון 1912טען יאהר (צוליב דער אפריקאנער קאלאניע טריפאלי); דער ענגליש־בורישער קריג אין אנפאנג פון 20טען יאהרהונדערט, ווען דאס „דעמאקראטישע” ענגלאנד האט מערדערדליך דערשטיקט צוויי בורישע רעפובליקען. ס׳איז געווען א רייהע פאלען, וועלכע האבען שוין ניט איינמאל שיער ניט געבראכט צו א וועלט־מלחמה. די צוטיילונג פון אפריקע, האט באלד־באלד געבראכט צו א מלחמה צווישען ענגלאנד און פראנקרייך (צוליב מאראקא). די צארישע רעגירונג פון רוסלאנד האט

איין צייט שיער ניט אָנגעהויבען פיהרען מלחמה מיט ענגלאַנד צוליב דער חלוקה פון די לענדער אין מיטעל־אַזיען.

צו דער צייט פון דער וועלט מלחמה זיינען באַזונדערס שאַרף אַרויסגעטראָטען די אינטערעסען־געגענזאַצען צווישען ענגלאַנד און דייטשלאַנד, צוליב דער הערשאַפט איבער אַפריקע, קליין־אַזיען און די באַלקאַנען. און די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז צוזאַמען מיט ענגלאַנד איז געגאַנגען פראַנקרייך, וועמען ס'האָט זיך שטאַרק געוואָלט אָפּנעמען ביי דייטשלאַנד, עלזאס־לאָטאַרינגיע, און רוסלאַנד, וועלכע האָט געוואָלט אָפּלעקען אַ ביינדעל אין די באַלקאַנען און אין גאַליציען. דער רויבערישער דייטשער אימפּעריאַליזם האָט געהאַט זיין הויפּט־פאַרבינדעטע אין עסטרייך־אונגאַרען. דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם האָט זיך אַריינגעמישט שפּעטער, ווייל ער האָט אָפּגעוואַרט, ביז אַלע אייראָפּעאישע מלוכות וועלען אָפּגעשוואַכט ווערען.

איינער פון די שענדליכסטע קאַמפּס־מיטלען צווישען די אימפּעריאַליסטישע מלוכות איז, חוץ דעם מיליטאַריזם, די געהיימע דיפּלאָמאַטיע, וועלכע באַנוצט זיך מיט געהיימע אָפּמאַכען און פאַרשווערונגען און האַלט זיך אפילו ניט אָפּ פאַר אַטענטאַטען, אויפרייסונגען, א. אז. וו. די אמת'ע צוועקען פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה קאָן מען זעהן טאַקע פון אָט די געהיימע אָפּמאַכען, וועלכע זיינען געשלאָסען געוואָרען צווישען ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד — פון איין זייט, און צווישען דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגאַרען, טערקיי און בולגאַריע — פון דער אַנדער זייט. די ערמאָרדונג פון עסטרייכישען ערצהערצאָג פאַר דער מלחמה, איז, הפּנים, געמאַכט געוואָרען ניט אָהן דעם וויסען פון דער אַנטאַנט. נאָר די דייטשע דיפּלאָמאַטיע האָט, פון דער אַנדער זייט, גאָרנישט ניט געהאַט געגען דעם; דער דייטשער אימפּעריאַליסט ראָרבאַך האָט, צ. ב., געשריבען: „מיר דאַרפען האַלטען פאַר אַ גליק, וואָס אַ דאַנק דער ערמאָרדונג פונ'ם ערצהערצאָג פראַנץ־פערדינאַנד, האָט זיך די גרויסע אַנטי־דייטשע פאַרשווערונג געפונען אַן אויסוועג פאַר דעם אָנגעמערקטען טערמין, ווייל אין צוויי יאָהר אַרום וואָלט פאַר אונז דער קריג געווען אַ סך שווערער". די דייטשע פּראָוואָקאַטאָרען זוינען אפילו גרייט געווען צו ברענגען צו קרבן פאַר אַ קרבן זייער פּרינץ, כדי נאָר אַרויסצורופען אַ מלחמה; די ענגליש־פראַנצויזיש־רוסישע געהיימע אַגענטען האָבען זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר דער'הרג'ענען דעם דאָזיגען פּרינץ.

25. דער מלוכה־קאַפּיטאַליזם און די קלאַסען.

אימפּעריאַליסטישע מלחמות צייכענען זיך אויס ניט נאָר מיט זייער גרויס און שרעקליכע צושטערונגען, נאָר אויך דער־

מיט, וואס די גאנצע ווירטשאפט פון א לאנד, וואס פיהרט אן אימפּעריאליסטישע מלחמה, מוז זיין אונטערוואָרפען די אויפגאבען פון א מלחמה.

אמאָליגע יאהרען האָט די בורזשואזיע געקאָנט פיהרען מלחמות, און דאָס האָט פון איהר געפאדערט בלויז געלט. אָבער דער וועלט־קריג איז געווען אזא קאָלאָסאלער און איז געפיהרט געווארען פון אזעלכע ענטוויקעלטע לענדער, אז געלט אליין איז שוין ניט גענוג געווען. פאר אָט דעם קריג איז נויטיג געווען, אז די שטאָל־גיסערייען זאָלען זיך פארנעהמען אויסשליסליך מיט'ן גיסען הארמאטען, איינע שרעקליכער פאר'ן אנדערען; אז קוילען זאָל מען גראָבען בלויז פאר די באדערפענישען פונ'ם קריג; אז מעטאלען, שניט־סחורות, לעדער א. א. וו. זיינען פארוועגדעט געווארען נאָר פאר'ן קריג. עס איז דעריבער א פארשטענדליכע זאך, אז האָפען אויפ'ן זיג האָט געקאָנט יענער פון די מלוכה־קאפּיטאליסטישע טראָסטען, ביי וועמען די אינדוסטריע און די טראנספּאָרט־מיטלען זיינען געווען בעסער צוגעפּאסט צום קריג. ווי אזוי האָט מען דאָס געקאָנט דערגרייכען? נאָר דורך דער צענטראליזאציע פון דער גאנצער פּראָדוקציע. מען האָט געדראפט איינאָרדענען אזוי, אז די פּראָדוקציע זאָל געהן גלאטיק, זאָל זיין גוט אָרגאניזירט, זאָל שטעהן דירעקט אונטער דער אויפזיכט פון דער העכסטער ארמיי־לייטונג, און די אינסטרוקציעס פונ'ם גענעראל־שטאב האָבען געמוזט געגוי אויסגעפיהרט ווערען.

ווי אזוי האָט דאָס די בורזשואזיע געקענט דורכפיהרען? גאנץ פּשוט. זי האָט נאָר געדארפט איבערגעבען די פּריוואטע פּראָדוקציע און איינצעלנע פּריוואטע סינדיקאטען און טראָסטען אין רשות פון איהר בורזשואזער רויבערישער מלוכה. דאָס איז טאקע געטאָן געוואָרען אין דער צייט פונ'ם קריג. די אינדוסטריע איז טאקע „מאָביליזירט" און „מיליטאריזירט" געוואָרען אין דער צייט פון קריג, ד. ה., זי איז איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענט פון דער מלוכה און פון דער מיליטער־מאכט. ווי אזוי איז דאָס מעגליך? די בורזשוא־

זיע פּאַרלירט דאָך דאַן איהרע איינקונפטען? דאָס מיינט דאָך נאַציאָנאַליזירונג? ווען אַלץ ווערט איבערגעגעבען דער מלוכה, טאָ וואָס־זשע האָט דערביי צו טאָן די בורזשואַזיע, און ווי אַזוי געהט זי גאָר איין אויף אַזאַ זאַך? אַז די בורזשואַזיע איז אויף דעם איינגעגאַנגען, איז אַ פאַקט. נאָר ס׳איז דאָ גאָר ניטאָ וואָס זיך אַזוי צו וואונדערען, ווייל די פּריוואַטע סינדיקאַטען פלעגען דאָך איבערגעגעבען ווערען ניט דעם ארבייטער, נאָר דער אייגענער אימפּעריאַליסטישער מלוכה. איז וואָס איז דאָ אַזוינס שרעקליך פאַר דער בורזשואַזיע? זי פלעגט איינפאַך איבערלייגען איהרע אוצרות פון איין קעשענע אין די אַנדערע. די אוצרות גופא זיינען דערביי אַ האָר ניט קלענער געוואָרען.

מען דאַרף שטענדיג געדענקען וועגען דעם קלאַסען־כאַראַקטער פון דער מלוכה. די מלוכה איז ניט עפּעס „אַ דריטע קראַפט”, וואָס שטעהט איבער די קלאַסען, נאָר זי איז פון קאָפּ ביז די פיס אַ קלאַסען אָרגאַניזאַציע. ביי דער דיקטאַטור פון אַרבייטער איז זי אַן אָרגאַניזאַציע פון ארבייטער. ביי דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע איז זי פונקט אַזאַ ווירטשאַפטס־אָרגאַניזאַציע ווי אַ סינדיקאַט אָדער טראָסט.

הייסט עס, אַז ווען די בורזשואַזיע פלעגט איבערגעבען די פּריוואַטע סינדיקאַטען אין די הענט פון איהר א י י ג ע נ ע ר (ניט פון אַ פּראָלעטאַרישער, נאָר פון איהר אייגענער, רויבערישער) מלוכה, פלעגט זי קיין שום זאַך ניט פאַרלירען. איז דען ניט אַלץ איינס, צי וועט דער פאַבריקאַנט שונץ אָדער סמיטה באַקומען זיין פּראָפיט פון דעם קאַנטאָר פון סינדיקאַט, אָדער פון דער קאַסע פונ׳ם מלוכה באַנק? די בורזשואַזיע האָט גאָר ניט אָנגעוואָרען דערביי. פאַרקעהרט, זי האָט נאָך געוואונען. געוואונען האָט זי, ווייל ביי אַזאַ צענטראַליזירונג האָט זיך אויסגעצייכענט געדרייט די מיליטער־מאַשין און ס׳זיינען געוואַקסען די שאַנסען, אַז זי וועט האָבען ערפאָלג אין דער מלחמה.

ס׳איז דעריבער גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס פאַר דער צייט פון דער מלחמה האָט זיך אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אָנגעהויבען צו ענטוויקלען דער מ ל ו כ ה ־ ק אַ פּ י ־ ט אַ ל י ז ם אַנשטאָט דעם קאַפּיטאַליזם פון פּריוואַטע סינ־

דיקאַטען אָדער טראַסטען. דייטשלאַנד, צ. ב., פלעגט אָפּהאַל־טען זיגען און האָט אין פארלויף פון אַ לאַנגער צייט אויסגע־האַלטען דעם דראַנג פון אַ סך גרעסערע כחות פון איהרע געג־נער, נאָר דערפאַר, וואָס די דייטשע בורזשואַזיע האָט זעהר גוט אָרגאַניזירט אַט דעם מלוכה־קאַפּיטאַליזם.

דער איבערגאַנג צום מלוכה־קאַפּיטאַליזם פלעגט פאָרקומען אין פאַרשידענע פאָרמען, אויף פאַרשידענע וועגען. געוויינליך פלעגט איינגעשטעלט ווערען אַ מלוכה־מאָנאָפּאָל אויפ'ן געביט פון פּראָדוקציע און האַנדעל. ד. ה. אַז די פּראָדוקציע און דער האַנדעל זיינען פאַרוואַלטעט געוואָרען פונ'ם שטאַט, זיי פלעגען איינגאַנצען איבערגעהן אין די הענט פון דער בורזשו־אַזער מלוכה. אָפטמאָל פלעגט אַזאַ איבערגאַנג פאָרקומען ניט מיט אַמאָל, נאָר טיילווייז. אַזוי פלעגט זיין דאַן, ווען די מלוכה פלעגט אָפּקויפען אַ טייל אַקציעס פון אַ וועלכען ניט איז סינדיקאַט אָדער טראַסט.

אַזאַ אונטערנעהמונג פלעגט ווערען אַ האַלב־מלוכה'שע, האַלב־פּריוואַטע, און די מלוכה פון דער בורזשואַזיע פלעגט דאָרט דורכפיהרען איהר פּאָליטיק. אַ חוץ דעם פלעגען אפילו אין די אונטערנעהמונגען, וואָס זיינען פאַרבליבען אין פּריוואַטע הענט, איינגעפיהרט ווערען געוויסע פאַרפליכטונגען: אַזוי זיי־נען איינציגע אונטערנעהמונגען, לאָמיר זאָגען, געווען פאַר־פליכטעט לויט דעם נייעם געזעץ צו קויפען ביי אַ צווייטער, און די צווייטע זיינען מחויב זיי צו פאַרקויפען אַ געוויסע צאָל פּראָדוקטען פאַר אַ באַשטימטען פּרייז; די מלוכה פלעגט אויך דיקטירען אָבליגאַטאָרישע ארבייטס־מעטאָדען, פלעגט אָנ־ווייזען מאַטעריאַל, א. אז. וו. פלעגט איינפיהרען קאַרטען אויף אַלע וויכטיגע פּראָדוקטען, און אָט אַזוי איז אויפ'ן אָרט פונ'ם פּריוואַטען קאַפּיטאַליזם אויסגעוואַקסען דער שטאַט־קאַפּי־טאַליזם.

ביים שטאַט־קאַפּיטאַליזם טרעט אַרויס די איינהייטליכע אָרגאַניזאַציע פון דער בורזשואַזיע, איהר מלוכה, אויפ'ן פּלאַץ פון איינצעלנע אָרגאַניזאַציעס פון דער בורזשואַזיע. פאַר דער מלחמה איז אין אַ קאַפּיטאַליסטישען לאַנד געווען, לאָמיר זאָגען, אַ מלוכה אָרגאַניזאַציע פון דער בורזשואַזיע, און באַזונדער פון איהר

זיינען געווען סינדיקאטען, טראסטען, אונטערנעהמער־פארבאנדען, ארגאניזאציעס פון גוטס־באזיצער, פאליטישע פארטייען פון דער בורזשואזיע, פאראיינען פון בורזשואזע זשורנאליסטען, געלעהרטע, קינסטלער, קירכען־געזעלשאפטען, גלחים־פארבאנדען, א געזעלשאפט פון וויסגווארדייאישער יוגענד, ביוראס פון פריוואטע שפיאנען און אז. וו. אינ׳ם שטאט־קאפיטאליזם גיסען זיך צוזאמען אט די אלע ארגאניזאציעס מיט דער מלוכה; זיי ווערען אפטיילונגען פון דער מלוכה, פיהרען אויס איין אלגעמיינעם פלאן, ווארפען זיך אונטער דער „העכסטער קאמאנדע”. אין די קוילען־גרובען, אין די זאוואדען טוט מען דאס, וואס דער גענעראל־שטאב הייסט, און אין די קלויסטערס פריידיגט מען דאס, אין וואס עס נויטיגען זיך די רויבער פונ׳ם גענעראל שטאב; מען מאלט, מען שרייבט, מען זינגט דאס, וואס עס הייסט אט דער זעלביגער גענעראל־שטאב; מען ערפינדעט נייע מאשינען, קוילען, הארמאטען, גאזען, אין וועלכע דער גענעראל־שטאב נויטיגט זיך, און אויף אזא אופן ווערט דאס גאנצע לעבען „מיליטאריזירט”, כדי צו באוואָרענען די בורזשואזיע מיט׳ן פראפיט פון איהר געשעפט, וואס איז מיט בלוט באשפריצט.

דער שטאט־קאפיטאליזם באדייט א ריזיגע פארשטארקונג פון דער גרויס־בורזשואזיע.

פונקט ווי ביי דער פראלעטארישער דיקטאטור אין אן ארבייטער־מלוכה איז דער ארבייטער־קלאס אלץ שטארקער, וואס ענגער עס ארבייטען צוזאמען די סאוועטען, די פראפעסיאנאלע פאראיינען, די קאמוניסטישע פארטיי א. אז. וו. — אזוי איז אונטער דער דיקטאטור פון דער בורזשואזיע דער בורזשואזער קלאס אלץ מעכטיגער, וואס פעסטער עס זיינען פארבונדען אלע בירגערליכע ארגאניזאציעס. דערמיט וואס דער שטאט־קאפיטאליזם צענטראליזירט די בירגערליכע ארגאניזאציעס און פארוואנדעלט זיי אין ארגאנען פון אן איינהייטליכער ארגאניזאציע, העלפט ער דעם קאפיטאל אין דערגרייכען זיין ריזען־מאכט. טאקע אט דא פייערט די דיקטאטור פון דער בורשזואזיע איהר טריאומף.

דער שטאט־קאפיטאליזם איז פאר דער צייט פון דער מלחמה אויפגעקומען אין אלע גרויסע קאפיטאליסטישע לענדער. אינ׳ם צארישען רוסלאנד האט ער אויך אנגעהויבען אויפקומען (די מיליטער אינדוסטריעלע קאמיטעטען די מאנאפאלען, א. אז. וו.) אנגעשראקען דורך דער רעוואלוציע האט די בורזשואזיע מורא געהאט, אז צוזאמען מיט דער מלוכה־מאכט וועט אויך די פראדוקציע אריבערגעהן אין די הענט פונ׳ם פראלעטאריאט. דעריבער האט זי נאך דער פעווראל־רעוואלוציע

ניט נאָר ניט געשטרעבט צו אָרגאַניזירען די פּראָדוקציע, נאָר פאַרקעהרט, זי האָט זי קאַ'ליע געמאַכט און סאַבאָטאַזשירט.

מיר זעהען, אַז דער שטאַט־קאַפּיטאַליזם פאַרקלענערט פאַר קיין פאַל ניט די עקספּלואַטאַציע, פאַרקעהרט, ער פאַרגרעסערט נאָר די מאַכט פון דער בורזשואַזיע. פונדעסטוועגען האָבען די שיידעמאַנער אין דייטש־לאַנד און אַנדערע פּשרה־מאַכער געפּריידיגט, אַז די דאָזיגע קאַטאָרגע איז סאָציאַליזם. קוים געפּינט זיך אַלעס אין די הענט פון דער רע־גירונג, — הייסט עס סאָציאַליזם. זיי האָבען ניט איינגעזעהן, אַז די מלוכה איז דאָ ניט קיין פּראָלעטאַרישע, נאָר געהערט די פאַרביטערטסטע שונאים און מערדער פונ'ם פּראָלעטאַריאָט.

דורכדעם וואָס דער שטאַט־קאַפּיטאַליזם פאַראייניגט און אָרגאַניזירט די בורזשואַזיע און פאַרגרעסערט איהר מאַכט, שוואַכט ער אָפּ די קראַפט פונ'ם א ר ב י י ט ע ר ־ ק ל א ס. די ארבייטער זיינען אונטער'ן שטאַט־קאַפּיטאַליזם געוואָרען ווייסע שקלאַפען פון דער רויבער־מלוכה. מען האָט פון זיי צוגענומען דאָס רעכט צו סטרייקען. מען האָט זיי מאָביליזירט און מילי־טאַריזירט! ווער ס'איז ארויסגעטראָטען געגען קריג, איז גלייך פאַר'משפט געוואָרען פאַר מלוכה־פאַרראַט. אין א סך לענדער האָט מען ביי זיי זאָגאַר צוגענומען דאָס רעכט צו בייטען דעם וואוין־אָרט, פאַרווערט דעם אריבערגאַנג פון איין אונטערנעהמונג אין אַן אַנדערע, א. אַז. וו. דער „פרייער” לוין־ארבייטער איז געוואָרען אַ לייב־אייגענער, און מען האָט איהם פאַר'משפט גע'הרג'עט צו ווערען אויפ'ן שלאַכטפעלד, ניט פאַר זיינע אייגע־נע אינטערעסען, נאָר פאַר די אינטערעסען פון זיינע שונאים; מען האָט איהם פאַר'משפט צו ארבייטען ביז'ן טויט — ניט פאַר זיך, פאַר זיינע חברים, אָדער זיינע קינדער, נאָר פאַר זיינע אייגענע אונטערדריקער.

26. דער צוזאַמענברוך פונ'ם קאַפּיטאַליזם און דער אַרבייטער קלאַס.

דער קריג האָט אויף אַזאַ אופן די ערשטע צייט מיטגע־האָלפען אין דער צענטראַליזירונג און אָרגאַניזירונג פון דער קאַ־פּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. וואָס די סינדיקאַטען, באַנקען, טראָסטען און קאָמבינירטע אונטערנעמונגען האָבען ניט דערפירט

ביז׳ן ענד, האט אין איילעניש גענומען פארענדיגען דער שטאט־קאפיטאליזם. ער האט געשאפען א נעץ פון אלערליי ארגאנען, וועלכע האבען רעגולירט די פראדוקציע און די פארטיילונג פון פראדוקטען. מען האט אויף אזא אופן נאך אין א גרעסערער מאס צוגעגרייט דעם באדען פאר דעם פראלעטאריאט, וואס זאל אי־בערנעמען אין זיינע הענט די צענטראליזירטע גרויסע ווירט־שאפט.

נאר די מלחמה, וואס האט זיך מיט איהר גאנצער שווער־קייט ארויפגעלעגט אויפ׳ן ארבייטער קלאס, האט אומפארמייד־ליך געמוזט ארויסרופען אויך אן אויפרעגונג און צארען ביי די פ ר א ל ע ט א ר י ש ע מ א ס ע ן. דער קריג איז קודם כל געווען אזא מענשען־שחיטה, וואס האט קיין גלייכען צו זיך ניט אין דער געשיכטע. לויט פארשיידענע באריכטען האט די צאהל טויטע, פארוואונדעטע און פארפאלענע בלויז ביז מערץ 1917 דערגרייכט 2 5 מ י ל י א ן מ ע נ ש ע ן; ביז׳ן ערשטען יאנואר 1918 האט מען געציילט אן ערך 8 מיליאן טויטע. דער פ ר א ל ע ט א ר י א ט פ ל ע ג ט פ י ז י ש פ א ר־נ י כ ט ע ט ו ו ע ר ע ן א ו י ף ד י ש ל א כ ט־פ ע ל ד ע ר. ווען מען זאל אננעמען, אז אין דורכשניט וועגט א מענש 3 פוד, מיינט עס, אז די קאפיטאליסטען האבען פון אויגוסט 1914 ביז יאנואר 1918 אויסגעארבייט 24 מיליאן פוד פארפוילטע מענשען־פלייש. כדי גענויער אויסצורעכענען די פארלוסטען אין מענשען, האט מען נאך געדארפט צוגעבען די צאל קראנקע. דער סיפילים אליין, וואס האט זיך פאר דער צייט פון דער מלחמה אומגעהויער שטארק פארשפרייט, האט אנגעשטעקטט כמעט די גאנצע מענשהייט. נאך דער מלחמה זיינען די מענשען געווארען פיזיש פיל שוואכער. דעם גרעסטען שאדען האט דערביי, פארשטעהט זיך, געליטען דער ארבייטער קלאס און דאס פויערטום.

אין די גרויסע צענטרען פון די קריג־פיהרענדע מלוכות האבען זיך אפילו געבילדעט גאנצע שטעט פון מלחמה־אינוואַ־לידען, וועלכע זיינען באזונדערס משונה׳דיג פארקריפעלט און צישעדיגט: אהן א מענשליכען פנים, נאר מיט א שארבען

אויפ׳ן קאָפּ, זיצען דאָ, פאַרדעקט מיט מאַסקעס, די דאָזיגע אומגליקליכע לעבעדיגע מענשען־סקעלעטען — קרבנות פון קריג, אַלס אַ לעבעדיגער עדות פון דער בורזשואַזער קולטור.

דער פּראָלעטאַריאַט איז אָבער ניט בלויז אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען אין די ווילדע שלאַכטען. אויף די פּלייצעס פון די לעבעדיגע ארבייטער איז ארויפגעלייגט געוואָרען אַן אומגעהויער שווערע משא. די מלחמה האָט געפאָדערט אומגעהייערע הוצאות. און אין דער צייט, ווען די פאַבריק־אייגענטימער פלעגען באַקומען מורא׳דיג גרויסע פּראָפיטען, וואָס האָבען גע־קראָגען דעם ספּעציעלען נאָמען „קריגס־פּראָפיטען“, פלעגט מען אויף דעם ארבייטער־קלאַס ארויפלייגען גרויסע אָפּצאָהלונגען, וועלכע האָבען זיך געפאָדערט אויף אויסצוהאַלטען די מלחמה. און די הוצאות אויף דער מלחמה זיינען געווען טאַקע ריזיגע. אין הערבסט 1919 האָט דער פראַנצויזישער פינאַנס־מיניסטער אויף דער שלום־קאָנפערענץ געמעלדעט, אַז די מלחמה האָט אָפּגעקאָסט די קעמפענדע צדדים אַ טריליאָן מיט פינף מיליאַרד פראַנק. ניט יעדען איינעם איז אפילו קלאָר די באַדייטונג פון אַזעלכע ציפערען. אַמאָל פלעגט מען אַזעלכע ציפערען באַנוצען נאָר אויף צו מעסטען די ווייטקייט צווישען איין שטערען און דעם צווייטען, און איצט באַרעכענט מען מיט זיי די קאָסטען פון דער פאַרברעכערישער שחיטה. אַ טריליאָן איז אַ מיליאָן מיליאָנען. אָט וואָס עס האָט אָפּגעקאָסט דער קריג, וועלכען די קאַפּיטאַליסטען האָבען צוגעטראַכט.

לויט אַנדערע באַריכטען זיינען די מלחמה אויסגאַבען געווען:

	ביליאָנען רובעלס
די קאָסטען פון דעם ערשטען קריגס־יאָהר — — — — — —	91
" " " " צווייטען " — — — — — —	136.50
" " " " דריטען " — — — — — —	204.70
" " " איין העלפט פונ׳ם פערטען יאָהר (31טען יולי ביז׳ן 31טען דעצ. 1917) — — — — — — —	153.50
סך הכל — — — — — — — —	585.70

נאטירליך זיינען פון דאמאלט אן די מלחמה־הוצאות נאך מעהר אויסגעוואקסען און האבען דערגרייכט אזעלכע סומען, וואס איבערראשען מיט זייער גרויס. צו דעקען אזעלכע אויסגאבען האט מען געמוזט האבען גרויסע סומען געלד. עס פארשטעהט זיך, אז די קאפיטאליסטישע מלוכות האבען אנגעהויבען ארויפלייגען אויפ'ן ארבייטער קלאס אומגעהויער גרויסע אפצאהלונגען. זיי פלעגען דאס טאן אין א דירעקטער פארם, אדער פלעגען ארויפלייגען אפצאהלונגען אויף סחורות, אדער — ווען מען פלעגט נעמען א קלייניגקייט אויך ביי דער בורזשואזיע, — פלעגט זי פאטריאטיש העכערען די פרייזען אויף סחורות. דער יקרות האט געוואקסען, אבער די פאבריקאנטען, באזונדערס די, וואס האבען געארבייט פאר מלחמה צוועקען, האבען אנגעשארט אומגעהויערע פראפיטען.

די רוסישע פאבריקאנטען האבען מעהר ווי פארדאפעלט זייערע דיווידענדען. אין איינצעלנע אונטערנעהמונגען האט מען אנגעהויבען קריגען אומגעהויערע פראצענטען. אט, צ. ב., האט די נאפט־געזעלשאפט פון די ברידער מורזאיעוו געקראגען 40 פראצענט דיווידענד; די אקציאן־געזעלשאפט פון די ברידער דאנישעווסקי — 30 פראצענט. די טאבאק פאבריק קאלף — 30 פראצענט און אז. וו. אין דייטשלאנד איז דער ריינער פראפיט אין פיר אינדוסטריע־צווייגען (דער כעמישער, אויפרייס־שטאפען, מעטאלורגישער און אויטאמאבילען) אן 1913־1914 געוועזן 133 מיליאן. אין 1915־1916 איז ער שוין געוועזן 259 מיליאן, ד. ה. אז אין איין יאהר האט ער זיך פארגרעסערט אין צוויי. אין די פאראייניגטע שטאטען איז דער פראפיט פונ'ם שטאל־טראסט אין דער ערשטער העלפט פון 1916 געוועזן ד ר י י מאל אזוי גרויס, ווי אין דער ערשטער העלפט פון 1915. אין יאהר 1917 איז דער פראפיט אין פארגלייך מיט 1915 געשטיגען פון 98 מיליאן דאלאר אויף 478 מיליאן. ניט זעלטען האט דער דיווידענד דערגרייכט ביז צוויי הונדערט פראצענט. אזעלכע ביישפילען וואלט מען געקענט ברענגען א סך. פונקט אזוי גראנדיעז איז געוואקסען דער פראפיט פון די באנקען. די קליינע מענשלאך זיינען רואינירט געווארען פון דער מלחמה, און די גרויסע רויבער זיינען אומגלויבליך רייך געווארען. דער פראלעטאריאט איז ארונטערגעפאלען אונטער דעם יאך פון שטייער און יקרות.

אין דער צייט פון קריג זיינען הויפטזעכליך פראדוצירט געווארען שראפנעלען, דינאמיט, הארמאטען, געפאנצערטע אויטאמאבילען, עראפלאנען, שטיקענדע גאזען, פולווער א. אז. וו.

אין די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע זיינען אפילו אויפ־געקומען גאַנץ נייע שטעדט אַרום די פולווער־פאַבריקען. די דאָזיגע שטעדט זיינען געבויט געוואָרען אין אַיילעניש; די פאַבריקען האָט מען אויך אויף שנעל אויפגעבויט, אַזוי אַז אָפט זיינען אַרויסגעקומען קאַטאַסטראָפאַלע אויפרייסונגען; מען האָט זיך צופיל געאַיילט מיט'ן פּראָדוצירען פולווער און פאַרדינען געלט. עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס די האַרמאַטען ־און פולווער־פאַבריקען פלעגען באַקומען קאָלאָסאַלע פּראָפיטען, און וואָס זייערע געשעפטען זיינען געגאַנגען גלענ־צענד. אָבער דעם פאָלק פלעגט פון דעם ווערען אַלץ ערגער. נוצליכע זאַכען, וואָס מען זאָל קאָנען עסען, טראָגען א. אז. וו. פלעגט מען דאָך אויסאַרבייטען אַלץ ווייניגער און ווייניגער. מיט פולווער און קוילען קען מען שיסען, הרג'ענען מענשען, מען קאָן זיי אָבער ניט עסען און מ'קען זיי ניט אָנטאָן. און אַלע כחות פון די מלחמה־פירענדע לענדער פלעגען דאָך אָפּגעגעבען ווערען אויף אויסצואַרבייטען פולווער און די אַנדערע מינים פון טויט־געווער. די ווירקליך נוצליכע פּראָדוקציע פלעגט אַלץ מעהר פאַרשוואונדען ווערען. די אַרבייטס הענט פלעגען צו־גענומען ווערען פאַר דער אַרמיי; די גאַנצע אינדוסטריע האָט געאַרבייט אויף דער מלחמה. נוצליכע פּראָדוקטען זיינען גע־וואָרען אַלץ ווינציגער און ווינציגער. דער סוף איז געווען — *הונגער* און *יקרות*. א הונגער אויף ברויט, א הונגער אויף קוילען, א הונגער אויף נוצליכע זאַכען, א *וועלט הונגער* און אַן אויסגעמאַטערטע וועלט — אָט דאָס זיינען די פאָלגען פון דער פאַרברעכערישער אימ־פעריאַליסטישער שחיטה.

דאָ האָבען מיר עטליכע ביישפּילען פון פאַרשידענע לענדער.

אין *פראַנקרייך* האָט זיך די לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָ־דוקציע פאַר די ערשטע מלחמה־יאָהרען אַזוי פאַרקלענערט:

אין קווינטאַלען

	יאָהר 1914	יאָהר 1916
ברויט — — — — — — — — — — — — — —	42.272.600	15.300.500
וואָרצעל־גרינסען — — — — — — — — —	46.639.000	15.860.000

גרינסען און פּרוכטען פאַר אינדוסט. צוועקען 59.429.000 20.448.000
גרינסען — — — — — — — — — — — — 374.570

אין ע נ ג ל אַ נ ד איז דער זאַפּאַס פון רוי־אייזען אויסגעשעפּט געוואָרען אַזוי:

צום סוף פון יאָהר 1912 זיינען געווען 241 טויזענד טאָן (אַ טאָן איז 2000 פונט):

צום סוף	פון	1913	איז	געווען	138	טויזענד	טאָן
"		1914	"	"	108	"	"
"		1915	"	"	113	"	"
"		1916	"	"	3	"	"
"		1917	"	"	0,6	"	"

מיט אייז וואָרט, די זאַפּאַסען פון רוי־אייזען זיינען אינגאַנצען פאַרשוואונדען צום ענד פון 1917 יאָהר.

אין ד י י ט ש ל אַ נ ד איז די אויסשמעלצונג פון רוי אייזען אין יאָהר 1913 געווען 19,3 מיליאָן טאָן, אין 1916טען יאָהר שוין נאָר 13,3 מיליאַן, אין 1917 — 13,3; אין 1918 — 12 מיליאָן, אין 1919 נאָך וועניגער.

די פאַרצווייפעלטע לאַגע אין דער גאַנצער וועלט־אינדוסטריע איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך מאַנגעל אין קוילען. אין אייראָפּא איז ענגלאַנד געווען דער צושטעלער פון קוילען, און אין ענגלאַנד איז שוין אין מיטען פון 1918 די קוילען־עקספּלואַטאַציע קלענער געוואָרען אויף 18 פּראָצענט; נאָך אין 1917 איז די נוצליכע אינדוסטריע געבליבען כמעט אָהן קוילען. די עלעקטראָטעכנישע זאַוואָדען האָבען געקראָגען 6 מאָל וועניגער קוילען, ווי זיי דאַרפען פאַר זייער געברויך; די טעקסטיל (וועבעריי) אינדוסטרי — עלף מאָל וועניגער ווי פאַר דער מלחמה. צו דער צייט פון דער „שלום"־קאָנפערענץ אין ווערסאַל האָבען כמעט אַלע לענדער געליטען פון אַ שרעקליכען קוילען־קריזיס; מען פלעגט פאַרמאַכען פאַבריקען צוליב'ן מאַנגעל אין הייץ־מאַטעריאַל; מען פלעגט פאַרקלענערען דעם אייזענבאַהן־פאַרקעהר. אָט אַזוי איז אויפגעקומען דער גרויסער חורבן פון דער גאַנצער אינדוסטריע און פונ'ם גאַנצען טראַנספּאָרט. אין ר ו ס ל אַ נ ד איז געווען די זעלבע געשיכטע. שוין אין 1917 האָט די מלחמה געבראַכט דערצו, אַז דער דוחק אין קוילען איז געווען שרעקליך גרויס. דער מאָסקווער ראַיאָן פאָדערט 12 מיליאָן פּוד קוילען יעדען מאָנאַט. קערענסקי'ס רעגירונג האָט צוגעזאָגט געבען 6 מיליאָן (אַ העלפט פון דער נאָרמע). אין דער אמת'ן אָבער האָט מען געגעבען: אין יאַנואַר 1,8 מיליאָן, אין פעווראַל 1,3 מיליאָן, אין מאַרט 0,8 מיליאָן. ס'איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס די רוסישע אינדוסטריע, די ניט „אויפרייכענדע", האָט אָנגעהויבען פאַלען; ס'האָט זיך אָנגעהויבען, ווי אין דער גאַנצער וועלט, אַ צ ו פ אַ ל ו נ ג

פ ו נ ’ ם ק אַ פּ י ט אַ ל י ז ם. אין 1917 (אין קערענסקי’ס ציי־טען) זיינען אין רוסלאַנד פאַרמאַכט געוואָרען פאַבריקען:

מאָנאַט	צאָהל אונטערנעמונגען	צאָהל אַרב.
מאַרט	74	6.646
אַפּריל	55	2.816
מאַי	108	8.701
יוני	125	38.455
יולי	206	47.754

דער חורבן איז געגאַנגען מיט גיכע שריט.

כדי צו זעהן ווי אַזוי דער יקרות, וואָס נעמט זיך פון דער קליי־נער צאָהל סחורות און פון דער גרויסער צאָהל פּאַפּיר־געלט, איז גע־וואקסען, איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויף אַ לאַנד ווי ענגלאַנד, וואָס האָט ו ו ע נ י ג ע ר פון אַלעמען געליטען פון דער מלחמה.

אָט איז דער דורכשניטליכער פּרייז אויף 4 הויפּט־פּראָדוקטען, (טיי און צוקער, פּוטער, ברויט, פלייש):

	טיי און צוקער	ברויט פּוטער פלייש
דורכשניטליכער פּרייז אין 1901־1905	500	300
ענדע יולי 1914	579	350
〃 יאַנ. 1915	787	413
〃 〃 1916	946½	465
〃 〃 1917	1310	561
〃 〃 1918	1221½	681
〃 〃 1918	1247	777½

דורך דער מלחמה זיינען אפילו אין ענגלאַנד די פּרייזען געשטיגען מעהר ווי אויף צוויי מאָל, און פאַר דער זעלביגער צייט זיינען די פאַר־דינסטען געשטיגען סך הכל אויף 18 פּראָצענט, דאָס הייסט, אַז דער יקרות האָט געוואָקסען זעקס מאָל שנעלער ווי די פאַרדינסטען פון די אַרבייטער. אַ ווי איז געווען די לאַגע אין ענגלאַנד; און אין די אי־בעריגע לענדער איז זי נאָך ערגער געווען. איבערהויפּט איז זי שלעכט געווען אין רוסלאַנד, וואו די מלחמה האָט חרוב געמאַכט דאָס לאַנד און האָט עס, אַ דאַנק די קאַפּיטאַליסטען, פאַרוואַנדעלט אין אַ אָרימע, נאַקעטע, עלענדע זקנה.

אפילו אין אַמעריקע, וואָס האָט ווייניגער פון אַלעמען געליטען פון דער מלחמה, זיינען די פּרייזען אויף 15 וויכטיגסטע לעבענס־מיטלען געשטיגען פון 1913 ביז 1918 אויף 160 פּראָצענט, און דער אַרבייטס־לוין איז אין דערזעלבער צייט געשטיגען נאָר אויף 80 פּראָצענט.

ענדליך האָט אויך די אַמוניציאָנס־פּראָדוקציע אָנגעהויבען

רואינירט ווערען צוליב דעם מאַנגעל אין קוילען און אייזען. אַלע לענדער פון דער וועלט, חוץ אַמעריקע, זיינען גוואַלטיג באָראָרימט געוואָרען: הונגער, חורבן, קעלט האָבען אָנגעהויבען שפּאַצירען איבער דעם גאַנצען ערד־קוגעל. ס'איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז פון אַט די אַלע צרות האָט באַזונדער שטאַרק געליטען דער אַרבייטער קלאַס, וועלכער האָט געמאַכט פּראָבעס צו פּראָטעסטירען. אָבער די מלחמה האָט איהם צוגעדריקט מיט דער גאַנצער קראַפט פון די רויבערישע בורזשואַזע מלוכות. אין אַלע לענדער — סיי מאָנאַרכיסטישע און סיי רעפּובליקאַנישע — האָט מען זיך גענומען גוואַלטיג שטאַרק פאַרפאָלגען דעם אַרבייטער קלאַס. מען האָט ביי איהם ניט נאָר צוגענומען דאָס רעכט צו סטרייקען, נאָר דער מינדעסטער פאַרזוך פון פּראָטעסט פלעגט אויפ'ן שרעקליכסטען אופן דערשטיקט ווערען. די הערשאַפט פונ'ם קאַפּיטאַליזם האָט אויף אַזאַ אופן געבראַכט **צו אַ בירגער־קריג צווישען די קלאַסען.**

די פאַרפאָלגונגען געגען אַרבייטער אין דער צייט פון מלחמה זיינען זעהר ריכטיג געשילדערט אין אַ רעזאָלוציע פונ'ם 3טען אינטערנאַציאָנאַל וועגען ווייסען טעראָר: „שוין פון אָנפאַנג פון דער מלחמה, — ווערט דאָרט געזאָגט, — האָבען די הערשענדע קלאַסען, וואָס האָבען אויף די שלאַכטפעלדער אויסגעה'רג'עט מעהר ווי 10 מיליאָן מענשען און נאָך מעהר צוקאַליעטשעט, איינגעפיהרט אין זייערע אייגענע לענדער אַ רעזשים פון בלוטיגער דיקטאַטור (פון דער בורזשואַזיע). די צאַרישע רעגירונג פלעגט שיסען און הענגען אַרבייטער, פלעגט איינאָרדנען פּאָגראָמען אויף אידען, און געזוכט צו דערשטיקען אַלץ, וואָס האָט נאָר געלעבט אין לאַנד. די עסטרייכישע מאָנאַרכיע האָט דערטרונקען אין בלוט דעם אויפשטאַנד פון די אוקראַאינער און טשעכען, פּויערים און אַרבייטער. די ענגלישע בורזשואַזיע האָט פאַר'משפט צום טויט די בעסטע פאָרשטעהער פונ'ם אירלענדישען פאָלק. דער דייטשער אימפּעריאַליזם האָט געבושעוועט אינווייניג, אין לאַנד, און די רעוואָלוציאָנערע מאַטראָזען זיינען געווען די ערשטע קרבנות פון דער דאָזיגער בעסטיע. אין פראַנקרייך פלעגט מען דערשיסען רוסישע אַרבייטער, וועלכע האָבען ניט געוואָלט פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון די פראַנצויזישע באַנקירען. אין אַמעריקע האָט די בורזשואַזיע געלינטשט די אַי דאָבעליו, פלעגט פאַר'מפשט'ן צו 20 יאָהר קאַטאָרגע די בעסטע מענשען פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, פלעגט שיסען סטרייקענדע אַרבייטער".

די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג האָט אָנגעפאַנגען פּלאַצען פון אַלע זייטען. די אַ נ אַ ר כ י ע פ ו ן ד ע ר פּ ר אָ ־ ד ו ק צ י ע האָט געבראַכט צו דער מ ל ח מ ה, וועלכע האָט אַרויסגערופען אַן אומערהערט פאַרשאַרפטע באַציהונג צווי־שען די קלאַסען; אויף אַזאַ אופן האָט די מלחמה געפירט צו אַ ר ע װ ו אָ ל ו צ י ע. דער קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעהויבען צוזאַמענברעכען אין זיינע צוויי הויפּט־ריכטונגען (זעה § 8). עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די עפּאָכע פון א ו נ ט ע ר ג אַ נ ג פ ו ן ק אַ פּ י ט אַ ל י ז ם.

לאָמיר אַביסעל גענויער באַטראַכטען דעם דאָזיגען אונטער־גאַנג.

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז אין אַלע איהרע טיילען געוועזען געבויט לויט איין מוסטער. די פאַבריק איז געוועזען אָרגאַניזירט פּונקט ווי אַ קאַנצעלאַריע, אָדער ווי אַ פּאָלק פון דער אימפּעריאַליסטישער אַרמיי: אויבען־אָן — די רייכע, וועלכע באַפעלען, אונטען — די אַרמיי אַרבייטער און אָנגעשטעל־טע, וועלכע פאָלגען אויס; צווישען זיי די אינזשענערען, גע־הילפען און אַנדערע אָנגעשטעלטע. דערפון איז צו זעהן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט קאָן עקזיסטירען נאָר אַזוי לאַנג, ווי דער סאָלדאַט־אַרבייטער וואַרפט זיך אונטער דעם פאָמעשטשיק־גענעראַל, אָדער אָפיצער, דעם פּריצישען אָדער בורזשואַזען זינעלע; אַזוי לאַנג, ווי אַ קוריער אין קאַנצע־לאַריע פאָלגט אויס די באַפעלען פון דעם רייכען נאַטשאַלניק; אַזוי לאַנג, ווי דער פאַבריק־אַרבייטער פיהרט אויס דעם באַ־פעהל פון דעם הער דירעקטאָר, וואָס קריגט אַ גרויסען געהאַלט, אָדער פון׳ם פאַבריקאַנט גופא, וועלכער קוועטשט אַרויס פון די אַרבייטער מערוועהרט. אָבער ווי נאָר די אַרבייטער מאַסען קומען צום באַוואוסטזיין, אַז זיי זיינען ניט מעהר ווי פּשוט׳ע שפּילצייג אין די הענט פון זייערע שונאים — הויבען אָן צו פּלאַצען די פעדימלאָך, וואָס בינדען צו דעם סאָלדאַט צום גע־נעראַל, דעם אַרבייטער צום פאַבריקאַנט. די אַרבייטער הערען אויף צו פאָלגען דעם פאַבריקאַנט, די סאָלדאַטען הערען אויף צו פאָלגען דעם אָפיצער, די אָנגעשטעלטע הערען אויף צו פאָל־

גען די רייכע אייגענטימער, ס'קומט אָן אַ פעריאָד, ווען עס פאַלט די אַ ל ט ע דיסציפּלין, ביי וועלכער די רייכע האָבען באַפוילען די אָרימע; ווען די בורזשואזיע האָט געטאָן מיט'ן פּראָלעטאַריאַט אַלץ, וואָס איהר האַרץ האָט געגלוסט. אָט דער פעריאָד מוז אומפאַרמיידליך אָנהאַלטען אַזוי לאַנג, ביז דער נייער קלאַס, דער פּראָלעטאַריאַט, צווינגט די בורזשואזיע צו ווערען איהם אונטערטעניג, צו דינען די אַרבייטענדע, — ביז ער שטעלט ניט איין אַ נ י י ע ד י ס צ י פּ ל י ן.

אַזאַ מישמאַש, ווען דאָס אַלטע איז צושטערט געוואָרען און דאָס נייע איז נאָך ניט איינגעשטעלט, ענדיגט זיך נאָר מיט דעם זיג פונ'ם פּראָלעטאַריאַט אין אַ ב י ר ג ע ר־ק ר יג.

27. דער בירגער קריג.

דער בירגער־קריג איז אַ פאַרשאַרפטער קלאַסען־קאַמף, ווען דער קלאַסען־קאַמף געהט איבער אין אַ רעוואָלוציע. די אימ־פּעריאַליסטישע וועלט־מלחמה צווישען פאַרשידענע גרופּען פון דער בורזשואזיע פאַר צוטיילען און איבערטיילען די וועלט האָט זיך געפיהרט מיט די הענט פון די שקלאַפען פון קאַפּיטאַל. זי האָט אַרויפגעלייגט אויף די אַרבייטער אַזעלכע שווערע לאַסטען, אַז דער קלאַסענקאַמף האָט אָנגעהויבען איבערגעהן אין אַ בירגער־קריג פון ד י א ו נ ט ע ר ד ר י ק ט ע ג ע ג ע ן ד י א ו נ ט ע ר ד ר י ק ע ר, אַ קריג, וועלכען מאַרקס האָט נאָך אָנגערופען דער איינציגער גערעכטער קריג.

ס'איז גאַנץ נאַטירליך, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט דער־פיהרט צום בירגער־קריג, און וואָס די אימפּעריאַליסטישע מלחמה צווישען די בורזשואזע מלוכות איז אַריבער אין אַ מלחמה צווישען קלאַסען. אונזער פּאַרטיי האָט עס נאָך פאַר־אויסגעזאָגט אין 1914, ווען קיינער האָט נאָך אפילו ניט גע־טראַכט וועגען אַ רעוואָלוציע. און ס'איז דאָך גאַנץ קלאָר געווען, אַז די מורא'דיגע שוועריגקייטען, וועלכע די מלחמה וועט אַרויפלייגען אויפ'ן אַרבייטער־קלאַס, וועלען ברייינגען צו אַן ענטריסטונג מצד דעם פּראָלעטאַריאַט. און פון דער אַנדערער זייט

איז קלאָר געווען, אַז אַ פעסטער שלום קאָן בשום אופן ניט אָנהאַלטען צווישען די פאַרשיידענע גרופּען פון דער בורזשואַזיע, ווייל צו גרויס זיינען די ווידערשפּרוכען אין די אינטערעסען צווישען פאַרשידענע גרופּעס פון די דאָזיגע רויבער.

דאָס אַליין, וואָס איז פאָראויסגעזאָגט געוואָרען, לאָזט זיך טאַקע אויס אַזוי. נאָך שרעקליכע יאָהרען פון גרויזאַמקייטען און מערדעריי האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ בירגער־קריג געגען די אונטערדריקער. דעם דאָזיגען קריג האָט אָנגעהויבען די רוסישע רעוואָלוציע אין פעברואַר און אָקטאָבער 1917; די פינלענדער רעוואָלוציע, די אונגאַרישע, די עסטרייכישע און די דייטשע רעוואָלוציעס האָבען נאָכגעפאָלגט די רוסישע. נאָכדעם האָבען זיך אָנגעהויבען רעוואָלוציעס אויך אין די איבריגע לענדער. און פאַר דער צייט איז קלאָר געוואָרען, אַז די בורזשואַזיע קאָן ניט פאַרזיכערען קיין פעסטען שלום. די עלאַיס האָבען באַזיגט דייטשלאַנד נאָך אין נאָוועמבער 1918. דעם רויבערישען ווערסאַלער פרידען האָבען זיי אונטערגעשריבען ערשט מיט פילע חדשים שפּעטער; און ווען ער וועט ענדגילטיג באַשטעטיגט ווערען, ווייס קיינער ניט. אַלע זעהען, אַז דער ווערסאַלער פרידען איז ניט קיין פעסטער; שוין נאָך איהם האָבען די סלאַווען פון דרום אייראָפּאַ זיך געשלאָגען מיט די איטאַליענער, די פּוילען מיט די טשעכאָסלאָוואַקען, די פּוילען מיט די ליטווינער, די לעטען מיט די דייטשען. און דערנאָך פאַלען אָן אַלע בורזשואַזע מלוכות צוזאַמען אויף דער רעפּובליק פון די זיגרייכע רוסישע אַרבייטער. און אַט אַזוי פאַרענדיגט זיך די אימפּעריאַליסטישע מלחמה מיט אַ בירגער־קריג, פון וועלכען דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אַרויסקומען דער זיגער.

דער בירגער־קריג איז ניט קיין קאַפּריז פון אַ וועלכער ניט איז פּאַרטיי, אָדער אַ צופעליגקייט; דער בירגער־קריג איז אַן אויסדרוק פון דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געמוזט אומבאַדינגט פאָרקומען, ווייל די רויבערישע אימפּעריאַליסטישע מלחמה האָט פאָלשטענדיג געעפענט די אויגען פון די ברייטע אַרבייטער מאַסען.

דענקען, אז אַ רעוואָלוציע איז מעגליך אָהן אַ בירגער קריג, איז דאָס זעלבע ווי דענקען, אַז ס'איז מעגליך אַ „פרידליכע" רעוואָלוציע. די, וואָס דענקען אַזוי (און אַזוי צ. ב. דענקען די מענשעוויקעס, וועלכע האַלטען אין איין גוואַלדעווען וועגען דעם שאָדען פון דעם בירגער־קריג), קערען זיך אום פון מאַרקס'ן צוריק צו די גאָר פאַרצייטיגע סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען געדענקט, אַז מען קען איינרעדען דעם פאַבריקאַנט. דאָס איז אַלץ איינס ווי איינרעדען דעם טיגער מיט „זיסע רייד", ער זאָל זיך שפייזען מיט גראָז און זאָל ניט טשעפען די קיה. מאַרקס איז געווען אַן אָנהענגער פון בירגער־קריג, ד. ה. פון אַ קאַמף פון'ם פראָלעטאַריאַט מיט געווער אין די הענט געגען דער בורזשואַזיע. וועגען דער פאַריזער קאָמונע (דעם אויפשטאַנד פון די פאַריזער אַרבייטער אין 1871) האָט מאַרקס געשריבען, אַז די קאָמונאַרען זיינען געווען ניט גענוג ענטשלאָסען. אין אויפרוף פון ערשטען אינטערנאַציאָנאַל, אָנגעשריבען פון מאַרקס'ן, ווערט מיט אַ פארוואורף געזאָגט:

„מען האָט ניט נאָר ניט אָפּגענומען דאָס געווער פון די פּאָליציאַנטען און זיי אַרעסטירט, ווי מ'האָט דאָס באַדאַרפט טאָן, נאָר מ'האָט נאָך פאָר זיי ברייט געעפענט די טויערען פון פּאַריז, זיי זאָלען קענען אַנטלויפען קיין ווערסאַל. „די אָנהענגער פון אָרדנונג" (אַזוי האָבען געהייסען די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען) האָט מען ניט נאָר געלאָזט צורוה, נאָר מען האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט צו באַפעסטיגען זיך אויף אַ סך שטאַרקע פּאָזיציעס אין פּאַריז גופא"... „דער צענטראַלער קאָמיטעט, אָפּזאָגענדיג זיך צו פיהרען דעם בירגער קריג, וועלכען ס'האָט אָנגעהויבען טיער (דער פראַנצויזישער דעניקין), איז באַגאַנגען אַ פאַטאַלען טעות! מען האָט געמוזט גלייך געהן אויף ווערסאַל... און איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכען אַ סוף צו טיער'ן און די פאַרשווערונגען פון זיין פּריצישען הויף. אַנשטאָט דעם האָט מען ווידער צוגעלאָזט די „אָרדנונגס פּאַרטיי" פּראָבירען איהרע כחות אין די וואַהלען צו דער קאָמונע פון 26טען מאַרט".

דאָ זאָגט זיך מאַרקס קלאָר אַרויס, אַז מען מוז אין אַ בירגער־קריג צעקלאַפּען מיט געווער אין די הענט די ווייס־גוואַרדייער. דאָס זעלבע שרייבט ענגעלס: „ווען די פּאַריזער קאָמונע וואָלט זיך ניט געשטיצט אויפ'ן אויטאָריטעט פונ'ם באַוואָפענטען פאָלק געגען דער בורזשואַזיע, וואָלט זי זיך דען געקענט האַלטען מעהר ווי איין טאָג? און פאַרקעהרט, צי האָבען מיר דען ניט קיין רעכט צו מאַכען אַ פארוואורף דער קאָמונע דערפאַר, וואָס זי האָט צו ווייניג אויסגענוצט איהר צוואַנגקראַפט?" און אָט ווי אַזוי ענגעלס ערקלעהרט, וואָס איז אַזוינס אַ רעוואָלוציע: „אַ רעוואָלוציע איז אַ האַנדלונג, אין וועלכער איין טייל באַפעלקערונג צווינגט אַרויף איהר ווילען אויף דעם צווייי־

מען טייל מיט דער הילף פון ביקסען, באַיאָנעטען און האַרמאַטען״.

אויף אַזאַ אופן האָבען די לעהרער פון סאָציאַליזם געקוקט אויף אַ רעוואָלוציע גאַנץ ערנסט. זיי האָבען פאַרשטאַנען, אַז איינרייידען די בורזשואַזיע קאָן דער פּראָלעטאַריאַט ניט. זיי האָבען פאַרשטאַנען, אַז דער אַרבייטער קלאַס מוז אַ ר ו י ס צ ו ו י נ ג ע ן זיין ווילען דורך אַ זיג אינ׳ם בירגער־קריג, וועלכער ווערט געפיהרט מיט „ביקסען, באַיאָנעטען און האַרמאַטען״.

דער בירגער קריג שטעלט אַוועק מיט געוועהר אין דער האַנט די קלאַסען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט מיט זייערע געגענגעזעצטע אינטערעסען איינעם אַנטקעגען דעם צווייטען. דאָס, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז צו־שפּאָלטען אויף צוויי טיילען; דאָס, וואָס זי שטעלט מיט זיך פאַר אמווייניגסטען צ ו ו י י געזעלשאַפטען — איז אין געוועהנליכע צייטען געוועזען פאַרדעקט. פאַרוואָס? ווייל די שקלאַפען פלעגען שווייגענדיג פאָלגען זייערע באַלעבאַטים. אין אַ צייט פון אַ בירגער קריג קומט אַן ענד צו דעם דאָזיגען שווייגען, און דער אונטערדריקטער טייל פון דער געזעלשאַפט ש ט ע ה ט א ו י ף געגען די אונטערדריקער. ס׳איז זעלבסט־פאַרשטענדליך, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז אוממעגליך אַ „פרידליכעס צוזאַמענלעבען״ צווישען קלאַסען. די אַרמיי צו־פאַלט זיך אויף ווייסגוואַרדייער פון די פּריצים, פון דער בור־זשואַזיע, פון דער רייכער אינטעליגענץ א. אז. וו., און אויף אַ רויטע אַרמיי פון אַרבייטער און פּויערים; עס ווערט אוממעגליך אַ וועלכע עס איז גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וואו עס זאָלען זיצען צוזאַמען פאַבריקאַנטען מיט אַרבייטער; ווי אַזוי קאָנען זיי זיצען „פרידליך״ אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, ווען אין די גאַסען שיסען זיי איינער אין דעם צווייטען? אין אַ צייט פון בירגער־קריג שטעהט אַ קלאַס געגען אַ קלאַס, און ער קען זיך דעריבער ענדיגען מיט אַ פולשטענדיגען זיג פאַר איינעם אָדער פאַר דעם צווייטען. ער קען זיך אָבער ניט ענדיגען מיט אַ פּשרה, ניט אַהין און ניט אַהער. און דאָס, וואָס מיר האָבען געזעהן אינ׳ם בירגער־קריג אין רוסלאַנד און אין די איבריגע לענדער (ווי דייטשלאַנד און אונגאַרן), באַשטעטיגט עס פולשטענדיג: איצט קאָן זיין אָדער די דיקטאַטור פונ׳ם

פראָלעטאַריאַט אָדער די דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע און פון גענעראַלען. אַ רעגירונג פון מיטעל־קלאַס און פון זייערע פּאַרטייען (עס־ערען, מענשעוויקעס א. אז וו.) איז מעהר נים ווי אַ בריקעל אויף אַריבערצוגעהן אויף דעם אָדער יענעם זייט. מיט דער הילף פון די מענשעוויקעס איז געפאַלען די ראַטען־רעגירונג אין אונגאַרן. גלייך האָט איהר אָרט פאַרנומען די „קאָאַליציע" און דערנאָך די אַלטע מאָנאַרכיע; די אָנהייבער פון אַ גרינדונגס פאַרזאַמלונג, די עס־ערען, האָט זיך אין אַ געוויסער צייט איינגעגעבען צו פאַרכאַפּען אופאַ, די געגענט פון יענער זייט וואָלגאַ און סיביר. אין פיר־און־צוואַנציג שעה האָט אַדמיראַל קאָלטשאַק זיי אַרויסגעיאָגט און, זיך שטיצענדיג אויף דער גרויס־בורזשואַזיע און די גוט־באַזיצער, אַליין איינ־געפיהרט די פּריציש־בורזשואַזע דיקטאַטור אַנשטאָט דער דיק־טאַטור פון אַרבייטער און פּויערים.

דער ענדגילטיגער זיג איבער דעם שונא און די פאַרווירק־ליכונג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור — איז דער אומפאַרמיידליכער רעזולטאַט פון אַלוועלטליכען ביר־גער־קריג.

27. די פאָרמען פון בירגער־קריג און ווי אזוי ער ווערט פינאַנסירט.

די עפּאָכע פון בירגער־קריג האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע איז געווען דער אָנפאַנג פון דער אַלגעמיינער וועלט־רעוואָלוציע. אין רוסלאַנד האָט זיך די רעוואָלוציע אָנגעהויבען פריהער, ווי אין די איבעריגע לענ־דער, ווייל דאָ האָט פריהער אָנגעפאַנגען די צופאַלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם. די רוסישע בורזשואַזיע און די רוסישע פּריצים, וואָס האָבען געוואָרפען אַן אויג אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל און גאַליציען און האָבען, צווישען אַנדערע, פאַרקאָכט די בלוטיגע קאַשע אין 1914, האָבען צוליב זייער שוואַכקייט און ניט אָר־גאַניזירטקייט געפּלאַצט פיעל פריהער, ווי אַנדערע. אין רוס־לאַנד האָט זיך פריהער אָנגעפאַנגען דער חורבן, דאָ איז פריי־

הער אָנגעקומען דער הונגער. דאַריבער האָט זיך דעם רוסישען פּראָלעטאַריאַט דעם ערשטען איינגעגעבען אָפּצוהאַלטען אַ זיג און פאַרווירקליכען זיין דיקטאַטור.

פון דעם איז לחלוטין ניט געדרונגען, אַז די רוסישע רעוואָלוציע איז די פאָלקאָמענסטע אין דער וועלט, און אַז וואָס ווייניגער ס'איז ענטוויקעלט דער קאַפּיטאַליזם, אַלץ „רעוואָלוציאָנערער" און נעהענטער צום קאָמוניזם איז דאָס לאַנד. ווען מ'זאָל אַזוי דענקען, דאַרף דער סאָציאַליזם צוערשט פאָלשטענדיגט פאַרווירקליכט ווערען אין כינע, פּערסיע, טערקיי און אין די איבעריגע לענדער, וואו קיין פּראָלעטאַריאַט איז נאָך כמעט גאָר ניטאָ. אויף אַזאַ אופן וואָלט אויך מאַרק'סעס גאַנצע לעהרע זיך אַרויסגעוויזען פאַר ניט ריכטיג.

דער וואָס דענקט אַזוי, מישט צונויף צוויי זאַכען: איין זאַך איז דער **אָנפאַנג** פון דער רעוואָלוציע, און אַ צווייטע זאַך איז איהר **כאַראַקטער**, איהר „פאָלקאָמענהייט": אין רוסלאַנד האָט זיך די רעוואָלוציע אָנגעהויבען **פריהער**, ווייל דאָרט איז שוואַך ענטוויקעלט דער קאַפּיטאַליזם. אָבער טאַקע צוליב אָט דער שוואַכקייט, טאַקע צוליב דעם, וואָס דאָס לאַנד איז אָפּגעשטאַנען, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד האָט געבילדעט אַ מינדערהייט, אין דער צייט וואָס דאָרט זיינען געווען אַ סך קליינע הענדלער א. אז. וו. — צוליב דעם אַלעם איז אין רוסלאַנד געווען שווער צו אָרגאַניזירען אַ געזעלשאַפטליכע קאָמוניסטישעווירטשאַפט. אין ענגלאַנד אָבער קומט די רעוואָלוציע פאַר שפּעטער. אָבער דאָרט וועט דער פּראָלעטאַריאַט נאָך זיין זיג זיכער אָרגאַניזירען דעם קאָמוניזם. דער פּראָלעטאַריאַט בילדעט דאָרט אַ גרויסע מעהרהייט, ער איז צוגעוואוינט צו געמיינזאַמער אַרבייט, די פּראָדוקציע איז דאָרט אין אַ גרויסער מאָס צענטראַליזירט. די רעוואָלוציע פאַנגט זיך אין ענגלאַנד אָן **שפּעטער**, דערפאַר אָבער טראָגט זי אַ **העכערען**, מעהר פאָלקאָמענעם כאַראַקטער ווי אין רוסלאַנד.

אַ סך מענשען זיינען געווען מיט דער מיינונג, אַז די גרויזאַמקייט פונ'ם בירגער־קריג איז געווען צוליב דער רוסישער „אַזיאַטישקייט", צוליב דער רוסישער אָפּגעשטאַנענקייט. די געגנער פון דער רעוואָלוציע אין מערב־אייראָפּאַ האָבען די גאַנצע צייט גע'טענה'ט, אַז אין רוסלאַנד בליהט דער „אַזיאַטישער סאָציאַליזם" און אַז אין די ציוויליזירטע לענדער וועט די רעוואָלוציע זיך באַגעהן אָהן גרויזאַמקייטען. דאָס זיינען אָבער נאַרישקייטען. אין אַ קאַפּיטאַליסטיש־ענטוויקעלטען לאַנד מוז דער ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע זיין אַ **שטאַרקערער**;

אין אזא לאנד איז די אינטעליגענץ (טעכניקער, אינזשענערען, אפיצערען א. אז. וו.) פיל פעסטער צונויפגעבונדען מיט׳ן קאפיטאל, זי איז דאריבער א סך פיינדליכער צום קאמוניזם; הייסט עס, אז אין די דאזיגע לענדער מוז דער בירגער־קריג אומפארמיידליך זיין נאך שארפער ווי אין רוסלאנד. די דייטשע רעוואלוציע האט אונז באוויזען, אז דער קאמף אין די פארטגעשריטענערע קאפיטאליסטישע לענדער נעמט אן א בלוטיגערען כאראקטער, ווי אין דעם ניט פארטגעשריטענען רוסלאנד.

די, וואס באקלאגען זיך אויפ׳ן טעראר פון די קאמוניסטען, פארגעסען, אז די בורזשואזיע שטעלט זיך פאר קיין פאל ניט אפ, ווען עס האנדעלט זיך וועגען דער גאנצקייט פון איהר קעשענע. אט וואס עס זאגט וועגען דעם די רעזאלוציע פון אינטערנאציאנאלען קאמוניסטישען צוזאמענפאהר: „ווען די אימפעריאליסטישע מלחמה האט אנגעהויבען איבערגעהן אין א בירגער־קריג, האבען די פארברעכערישע הערשענדע קלאסען, וועלכע זיינען גאנץ גוט באקאנט מיט דער מענשליכער געשיכטע, איינגעזעהן, אז ס׳איז דא א געפאהר, זייער בלוט־באפלעקטע הערשאפט זאל ניט אפגעווישט ווערען, זיינען זייערע האנדלונגען געווארען וואס ווייטער אלץ מעהר אכריות׳דיג... די רוסישע גענעראלען, אט די לעבעדיגע פארקערפערונג פון דער צארישער ארדנונג, פלעגען איינארדנען און הערען נאך איצט ניט אויף איינצוארדנען מאסען הריגות פון ארבייטער. און זיי טוען דאס מיט דער דירעקטער אדער אומדירעקטער שטיצע פון די סאציאל־פאררעטער. אין דער צייט, ווען אין רוסלאנד האבען געהערשט די סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען און מענשעוויקעס, זיינען די תפיסות אנגעפילט געווען מיט טויזענדער ארבייטער און פויערים. פאר ניט פאלגען זיי פלעגען די גענעראלען אויס׳הרג׳ענען גאנצע פאלקען. איצט האבען קראסנאוו און דעניקין, וועמען די אליאירטע מלוכות גיבען פריינדליכע שטיצע, אויסגע׳הרג׳עט און געהאנגען צעהן טויזענד ארבייטער, שיסענדיג „יעדען צעהנטען”. די טויטע קערפערס פון די געהאנגענע האט מען דריי טעג צייט געלאזען הענגען אויף די תליות, כדי אנצושרעקען די לעבעדיגע. אויפ׳ן אורעל און הינטער דער וואלגא פלעגען די ווייסגווארדייאישע טשעכאסלאוואקישע באנדעס אפשניידען ביי די געהאנגענע הענט און פיס, פלעגען זיי טרינקען אין דער וואלגא, פלעגען לעבעדיגערהייט זיי באגראבען. אין סיביר פלעגען די גענעראלען אויס׳הרג׳ענען טויזענטער קאמוניסטען, אהן א סוף פויערים און ארבייטער.

די דייטשע און עסטרייכישע בורזשואזיע האבען פולשטענדיג ארויסגעוויזען זייער קאניבאליזם, ווען זיי האבען אין אוקראינע אנגעהויבען הענגען אויף באוועגליכע אייזערנע תליות די בארויבטע ארבייטער און

פויערים, קאָמוניסטען און זייערע אייגענע לאַנדסלייט, — אונזערע עסטרייכישע און דייטשע חברים. אין פינלאַנד, דעם לאַנד פון בורזשואַזען דעמאָקראַטיזם, האָבען אָט די זעלבע בעסטיעס געהאָלפען דער פינלענדישער בורזשואַזיע שיסען 13-14 טויזענד פּראָלעטאַריער און פּאַרפּייניגען אויף טויט 15 טויזענד אין די טורמעס. אין העלסינגפאָרס האָבען זיי געטריבען פאָראויס פרויען און קינדער, כדי צו באַשיצען זיך פונ'ם פייער פון די קוילענוואַרפערס. אַ דאַנק זייער הילף האָט זיך איינגעגעבען די פינלענדער ווייס־גוואַרדייצעס צוזאַמען מיט זייערע שוועדישע משרתים דורכצופירען אָרגיעס איבער דעם באַזיגטען פינלענדישען פּראָלעטאַריאַט; אין טאַמערפאָרס האָט מען געצוואונגען די פאַר'משפט'ע צום טויט פרויען און קינדער אַליין צו גראָבען זייערע קברים. אין וויבאָרג האָט מען אויסגע'הרג'עט טויזענדער רוסען, מענער, פרויען און קינדער.

ביי זיך אין לאַנד האָט די דייטשע בורזשואַזיע מיט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען דערגרייכט די העכסטע שטופע פון גרויזאַמקייט אין דער בלוטיגער דערשטיקונג פונ'ם קאָמוניסטישען ארבייטער־אויפשטאַנד, ביים דער'הרג'ענען ליבקנעכט'ען און לוקסעמבורג און ביים אויס'הרג'ענען ארבייטער־ספּאַרטאַקיסטען. אַ ווייסער מאַסען־טעראָר און איינצעל־טעראָר אין די פאָן, אונטער וועלכע די בורזשואַזיע טרעט ארויס.

דאָס זעלבע בילד זעהען מיר אויך אין אַנדערע לענדער. די דעמאָקראַטישע שווייץ האַלט אַלעס פאַרטיג, כדי זיך אָפּצורעכענען מיט די אַרבייטער, אויב יענע וועלען נאָר האָבען די העזה עובר צו זיין דאָס קאַפּיטאַליסטישע געזעץ. אין אַמעריקע זיינען טורמעס, לינטשעריען און דער עלעקטרישער שטול—די פיינע סימבאָלען פון דעמאָקראַטיע און פרייהייט. אין אונגאַרן און ענגלאַנד, אין טשעכאָסלאָוואַקיי און פּוילען — אומעטום זעהט מען דאָס זעלבע. די בורזשואַזיע מערדער שטעלען זיך ניט אָפּ פאר קיין שענדליכע מעשים. כדי צו באַפעסטיגען זייער הערשאַפט, שטיצען זיי דעם שאָוויניזם און אָרגאַניזירען שוידערליכע פּאָגראָמען אויף אידען, אין פארגלייך מיט וועלכע די פּאָגראָמען פון די צאַרישע צייטען זיינען אַ קינדער־שפּיל. און ווען די פּוילישע רעאַקציאָנערע און „סאָציאַליסטישע" אַדעללייט האָבען דער'הרג'עט די פּאָרשטיינהער פונ'ם רוסישען רויטען קרייץ, איז עס געווען מעהר ניט ווי אַ טראָפּען אין ים, אין פאַרגלייך מיט די פאַרברעכענס און אכזריות פון דעם גוסס'דיגען בורזשואַזען קאַניבאַליזם (מענשענפרעסעריי).

אין פּראָצעס פון זיין ענטוויקלונג נעהמט דער בירגער־קריג אָן נייע פאָרמען. ווען דער פּראָלעטאַריאַט איז אונטערדריקט אין אַלע לענדער, פיהרט ער דעם דאָזיגען קריג אין אַ פאָרם פון אַן אויפשטאַנד געגען דער מלוכה־מאַכט און דער בורזשואַזיע. נאָר אָט האָט דער פּראָלעטאַריאַט אין דעם

אָדער יענעם לאַנד אָפּגעהאַלטען אַ זיג און האָט פאַרכאַפּט אין זיינע הענט די מלוכה־מאַכט. וואָס קומט דאַן פאַר? דאַן האָט דער פּראָלעטאַריאַט די אָרגאַניזירטע מלוכה־קראַפט, די פּראָלעטארישע ארמיי, דעם גאַנצען מאַכט־אַפּאַראַט. דאַן קעמפט דער פּראָלעטאַריאַט געגען זיין בורזשואַזיע, וועלכע מאַכט געגען איהם פאַרשווערונגען און אויפשטאַנדען. נאָר ער קעמפּט דאַן ווי אַ מלוכה, מיט בורזשואַזע מלוכות. דער בירגער־קריג נעמט אָן אַ נייע פאָרם, אַ פאָרם פון אַן אמת'ער קלאַסען־מלחמה, ווען אַ פּראָלעטאַרישע מ ל ו כ ה קעמפט מיט בורזשואַזע מ ל ו כ ו ת. די ארבייטער מאַכען דאָ ניט קיין פּשוט'ען אויפשטאַנד געגען דער בורזשואַזיע, נאָר די ארבייטער־מלוכה פיהרט אַ רעגעלמעסיגע מלחמה מיט די אימפּעריאַליסטישע מלוכות פונ'ם קאַפּיטאַל. די דאָזיגע מלחמה ווערט געפיהרט ניט צוליב באַרויבען פרעמדע, נאָר צוליב דעם זיג פונ'ם קאָמוניזם, פאַר דער דיקטאַטור פונ'ם ארבייטער קלאַס.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען אין דער ווירקליכקייט. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע זיינען אויף דער רוסישער סאָוועטען־מאַכט פון אַלע זייטען אָנגעפאַלען די קאַפּיטאַליסטען פון אַ ל ע לענדער: די דייטשע און די פראַנצויזישע, די אַמעריקאַנער און די יאַפּאַנעזישע א. אז. וו. וואָס מעהר די רוסישע רעוואָלוציע האָט אָנגעשטעקט מיט איהר ביישפּיל אַנדערע לענדער, אַלץ פעסטער האָט זיך צוזאַמענגעשלאָסען דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל געגען דער רעוואָלוציע און געפּרואווט שאַפען אַ רויבערישען קאַפּיטאַליסטישען בונד געגען דעם פּראָלעטאַריאַט.

אַזאַ פּראָבע האָבען געמאַכט די קאַפּיטאַליסטען לויט דער איניציאַטיווע פון דעם קלוגען חברה־מאַן, דעם פיהרער פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל, ווילסאָן, אויף דער אַזוי־גערופענער פרידען־קאָנפערענץ אין ווערסאַל. זיי האָבען דעם דאָזיגען רויבערישען בונד אַ נאָמען געגעבען „פעלקער ליגע“, דאָס הייסט אַ „פעלקער פאַרבאַנד“. אין דער אמת'ען איז עס ניט קיין פאַרבאַנד פון פ ע ל ק ע ר, נאָר פון ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט ע ן פון די פאַרשידענע לענדער און פון זייערע מלוכה־מאַכטען.

דער דאָזיגער פאַרבאַנד איז עפּעס אַ מין פּראָבע צו שאַפען אַ ריזיגען אַלוועלטליכען טראַסט, וועלכער זאָל פאַרכאַפּען אין זיין נעץ אונזער גאַנצען פּלאַנעט, וועלכער זאָל עקספּלואַטירען די גאַנצע וועלט, און וועלכער זאָל, פון דער אַנדערער זייט, אומעטום אויפ׳ן אום׳ברחמנות׳דיגען אופן דערשטיקען די אומרוהען פון אַרבייטער קלאַס און זיין רעוואָלוציע. דער אויסרייד וועגען דעם, אַז אַט דער פאַרבאַנד ווערט געגרינדעט צוליב „שלום“, איז אַ פּוסטע באָבע־מעשה. זיין אמת׳ער ציל איז, ערשטענס, די אום׳ברחמנות׳דיגסטע עקספּלואַטאַציע פונ׳ם גאַנצען וועלט־פּראָלעטאַריאַט, און צווייטענס, צו דערשטיקען די וועלט־רעוואָלוציע, וועלכע הויבט זיך אָן אַנטוויקלען.

די ערשטע פידעל אין דער „פעלקער ליגע“ שפּילט אַמעריקע, וועלכע איז געוואַלטיג רייך געוואָרען פאַר דער צייט פון דער מלחמה. אַמעריקע איז איצט דער קרעדיטאָר פון אַלע בורזשואַזע מלוכות אין אייראָפּע. חוץ דעם איז אַמעריקע אַ שטאַרקע מאַכט אויך צוליב דעם, וואָס זי פאַרמאָגט רוי־שטאָפען, באַהייצונגס־מאַטעריאַלען און ברויט. אַט די געלעגענהייט וויל זי אויסנוצען אויף צו מאַכען אַלע אַנדערע רויבער אָפּהענגיג פון איהר. אין דער פעלקער ליגע איז פאַר איהר געזיכערט די אָנפירענדע ראָלע.

ס׳איז אינטערעסאַנט, ווי אַמעריקע פאַרדעקט מיט אַלערליי אויידעלע ווערטער די רויבערישע פּאָליטיק, וואָס זי פירט אָן. איהר אַריינטרעטען אין דער מלחמה צוליב רויבערישע צוועקען איז אויך געגאַנגען אונטערן לאָזונג כלומרשט צו ראַטעווען די מענשהייט, שטיצען שוואַכע פעלקער א. אז. וו. פאַר די פאַראייניגטע שטאַאטען האָט זיך געלוינט צו האָבען אַ צוברעקעלטע אייראָפּע, צוטיילט אויף צעהנדליגע מדינה׳לאך, וועלכע זיינען לפּנים „זעלבסטשטענדיגע“, אָבער אין אמת׳ן אָפּהענגיג פון אַמעריקע. און דער דאָזיגער רויבערישער אינטערעס האָט זיך אָנגעטאָן אַן איידעלען שלייער פון „זעלבסט באַשטימונג פון פעלקער“. די קאַפּיטאַליסטישע זשאַנדאַרמעריע, די ווייסע גוואַרדיע און פּאָליציי, וועלכע האָבען געזאָלט, לויט ווילסאָן׳ס געדאַנק, דערשטיקען אומעטום די רעוואָלוציע, ווערט אונטערגעטראָגען ווי אַ שטראָף פאַר „שטערען דעם פרידען“. אין 1919 זיינען אַלע אימפּעריאַליסטען מיטאַמאָל געוואָרען גוואַלטיגע רודף־שלום׳ניקעס, און האָבען אָנגעהויבען קלאָגען, אַז די אמת׳ע אימפּעריאַליסטען און שטערער פון שלום זיינען — די באָלשעוויקעס. דאָ איז דאָס דירעקטע דערשטיקען פון די רעוואָלוציאָנערען געגאַנגען אונטער דעם שלייער פון „שלום“ און „דעמאָקראַטיע“.

די „פּעלקער ליגע“ האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלען זשאַנדאַרם און תלין. איהרע טוער האָבען דערשטיקט די אונגאַרישע סאָוועטען רעפּובליק און די סאָוועטען אין סלאָוואַקיע. זיי האָבען די גאַנצע צייט געשטיקט דעם רוסישען פּראָלעטאַריאַט: ענגלישע, אַמעריקאַנישע, יאַפּאַנעזישע, פראַנצויזישע און אַנדערע סאָלדאַטען זיינען געווען סיי אויפ’ן צפון, סיי אויפ’ן דורם, סיי אויפ’ן מערב, סיי אויפ’ן מזרח פון רוסלאַנד צוזאַמען מיט די תלינים פונ’ם אַרבייטער קלאַס. אפילו איהרע נעגער־שקלאַפען האָט די „פּעלקער ליגע“ אָנגעשיקט אויף די רוסישע און אונגאַרישע אַרבייטער (אדעס, בודאַפּעשט). צו וואָס פאַר אַ שענדליכע מעשים זי דערגעהט, איז צו זעהן צ. ב. דערפון, וואָס די „ציוויליזירטע“ רויבער אין הענטשקעס האָבען געהאַלטען ביי זיך און אונטערשטיצט אַ „ליג פון מערדער“ מיטן גענעראַל יודעניטש בראש, וועלכער איז געווען דער הויפּטמאַכער פון דער אַזוי גערופענער „צפון־מערב’דיגער רעגירונג“. די „פּעלקער ליגע“ פלעגט די גאַנצע צייט העצען פינלאַנד, פוילען, א. אַז. וו., אויף סאָוועט־רוסלאַנד, פלעגט מאַכען פאַרשווערונגען מיט דער הילף פון קאָנסולען פון אויסלענדישע מלוכות; איהרע אַגענטען פלעגען אויפרייסען בריקען, פלעגען מיט באָמבעס דער’הרג’ענען קאָמוניסטען. ס’איז ניטאָ קיין נידערטרעכטיגקייט, וואָס די „פּעלקער ליגע“ זאָל ניט זיין אימשטאַנד אָפּצוטאָן.

וואָס שטאַרקער עס ווערט די אטאַקע פון פּראָלעטאַריאַט, אַלץ ענגער שליסט זיך צוזאַמען די קאַפּיטאַליסטען־באַנדע. אינ’ם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט“ פון 1847 האָבען מאַרקס און ענגעלס געשריבען: „אַ געשפּענסט געהט אום איבער אייראָפּע — דער געשפּענסט פון קאָמוניזם. אַלע כוחות פון דער אַלטער אייראָפּע האָבען זיך פאַראייניגט פאַר דער געהייליגטער העצעריי געגען דעם דאָזיגען געשפּענסט: דער פּאַפּסט און דער קיסר, מעטערניק און געזאָ, די פראַנצויזישע ראַדיקאַלען און די דייטשע פּאָליציאַנטען“. פון דעמאָלט אָן זיינען אַריבער אַ סך יאָהרען. דער געשפּענסט פון קאָמוניזם האָט שוין אָנגעהויבען קריגען בלוט און פלייש, און געגען איהם טרעט אַרויס ניט נאָר די „אַלטע אייראָפּע“, נאָר די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט. די „פּעלקער ליגע“ וועט אָבער ניט זיין אימשטאַנד צו פאַרווירקליכען איהרע צוויי אויפגאַבען: אָרגאַניזירען אין איינהייטליכען טראָסט די גאַנצע וועלט־

ווירטשאַפט, און דערשטיקען אומעטום די רעוואָלוציע. אפילו צווישען די גרויסע מלוכות איז גיטאָ קיין פולשטענדיגע איינהייט. אַמעריקע שטעהט געגען יאַפּאַן, און די באוואפנונג געהט ביי זייביידען אָן ווי פריהער. ס'איז לעכערליך צו דענקען, אַז דאָס צודריקטע דייטשלאַנד האָט פריינדשאַפטליכע געפיהלען צו די „נישט־איינגעננוציגע" רויבער פון די עליים. אויך דאָ, אלזאָ, בלייבט אָפען אַ גרוב. די קליינע מלוכות רייסען זיך אייגע מיט דער צווייטער; אָבער נאָך וויכטיגער איז, וואָס אין די קאָלאָניעס הויבען זיך אָן אַ רייהע קאָלאָניאַלע אויפשטאַנדען און מלחמות: אין אינדיען, אין עגיפּטען, אין אירלאַנד א. אז. וו. די פאַרשקלאַפטע לענדער הויבען אויף אַ מלחמה געגען זייערע „ציוויליזירטע" אייראָפּעאישע פאַרשקלאַפער. צו דעם בירגערקריג. וועלכען ס'פיהרט דער פּראָלעטאַריאַט געגען דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע, קומען צו די אויפשטאַנדען פון די קאָלאָניעס, וועלכע העלפען אָרונטעררייסען און צושטערען די הערשאַפט פונ'ם וועלט־אימפּעריאַליזם. אויף אזאַ אופן פלאַצט די אימפּעריאַליסטישע סיסטעם אונטער'ן דראַנג פון דעם אויפשטעהענדען פּראָלעטאַריאַט, פון די מלחמות מצד די פּראָלעטאַרישע רעפּובליקען, פון אויפשטאַנדען און מלחמות מצד די דורך אימפּעריאַליזם פאַרשקלאַפטע פעלקער פון איין זייט; פון דער אַנדער זייט — צוליב די געגענזאַצען, קריגערייען און רייסערייען צווישען די קאַפּיטאַליסטישע גרויסמעכטע גופא. אַנשטאָט אַ „פעסטען שלום" — אַ פולשטענדיגער מישמאַש; אַנשטאָט האַלטען אין צוים דעם גאַנצען וועלט־פּראָלעטאַריאַט — אַ פאַרביסענער בירגער־קריג. אין אָט דעם בירגער־קריג וואַקסען די כחות פונ'ם פּראָלעטאַריאַט אין דער צייט, ווען די כחות פון דער בורזשואַזיע ווערען אונטערגעמינערט. ער מוז זיך דעריבער אומפאַרמיידליך ענדיגען מיט אַ זיג פונ'ם פּראָלעטאַריאַט.

ס'פאַרשטעהט זיך, אַז דער זיג פון דער פּראָלטעאַרישער דיקטאַטור קומט אָן ניט גרינג. דער בירגער־קריג, ווי יעדער אַנדערער קריג, פאָדערט מענשליכע קרבנות און מאַטעריעלע פאַרלוסטען.

יעדע רעוואָלוציע איז פארבונדען מיט אזעלכע קאָסטען. דאריבער וועט אין די ערשטע צייטען פון אָט־דעם בירגער־קריג דאָ און דאָרט נאָך מעהר זיך פארשארפען די צושטערונג, וועלכע איז ארויסגע־רופען דורך דעם אימפעריאליסטישען קריג. און עס איז גאַנץ פארשטענדליך ווארום: די בעסטע ארבייטער, אַנשטאָט צו אר־בייטען און אָרגאניזירען די פּראָדוקציע, מוזען מיט געוועהר אין די הענט שטעהן אויפ'ן פראָנט און פארטיידיגען זיך געגען די גוט־באזיצער און גענעראַלען; דערפון ליידט, נאַטירליך, דאָס פאבריק־לעבען. אָבער דאָס איז אומפארמיידליך אין יעדער רע־וואָלוציע. אין דער בירגערליכער פראנצויזישער רעוואָלוציע 1789—1793, אין וועלכער די בורזשואזיע האָט ארונטערגעזעצט די פראַנצויזישע גוטבאזיצער, האָט דער בירגער־קריג געבראכט נאָך זיך נאָך גרעסערע חורבנות. דערפאר אָבער נאָכ'ן באזיגען דעם פעאָדאַלען (פּריצישען) גוטבאזיץ האָט פראנקרייך אָנגעפאנגען שנעל אויפקומען.

יעדער איינער פארשטעהט, אז ביי אזא אומגעהויער גרויסער רעוואָלוציע, ווי די וועלט־רעוואָלוציע פונ'ם פּראָלעטאריאט, ווען עס ווערט צובראָכען דער אונטערדריקונגס־רעזשים, וועלכער האָט זיך אויסגעבילדעט אין פארלויף פון הונדערטער יאָהרען, מוזען די קרבנות פון דער רעוואָלוציע זיין באזונדערס גרויס. דער בירגער־קריג ווערט היינט געפיהרט אין א וועלט־מאסשטאב; ער געהט טיילווייז איבער אין א מלחמה צווישען די בורזשואזע און פּראָלעטארישע מלוכות. די פּראָלע־טארישע מלוכות, וואָס פארטיידיגען זיך געגען די רויבער־אימפּע־ריאליסטען, פיהרען א קלאסען־מלחמה, א באמת הייליגע מלחמה. זי פאָדערט אָבער בלוטיגע קרבנות, און וואָס ברייטער די דאָזיגע מלחמה איז, אלץ מעהר קרבנות פאָדערט זי, אלץ גרעסער ווערט דער חורבן.

די קאָסטען פון דער רעוואָלוציע קאָנען אָבער פאר קיין פאל נים געבראכט ווערען אלס א באווייז געגען אָט־דער רעוואָ־לוציע. די קאפּיטאליסטישע אָרדנונג, וואָס האָט זיך אויסגעביל־דעט אין א משך פון הונדערטער יאָהרען, האָט געבראכט צו דער מורא'דיגער אימפעריאליסטישער מענשען־שחיטה, אין וועלכער

עס זיינען פאַרגאָסען געוואָרען ימים בלוט. וועלכער בירגער־קריג קאָן זיך פאַרגלייכען צו אָט־דער ווילדער צושטערונג און פאַרניכ־טונג פון דעם גאַנצען רייכטום, וואָס די מענשהייט האָט אָנגעזאַ־מעלט? ס'איז קלאָר, אז די מענשהייט מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכען אַ סוף צום קאַפּיטאַליזם. צוליב דעם לוינט זיך צו ליידען די צייט פונ'ם בירגער־קריג, דורכברעכען אַ וועג פאַר'ן קאָמוניזם, וועלכער וועט אַלע וואונדען פאַרהיילען, און וועט שנעל אַ שטופּ טאָן די אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות פון דער מענשליכער געזעלשאַפט.

29. אַן אַלגעמיינע רואינע אָדער קאָמוניזם?

די רעוואָלוציע, וואָס אנטוויקעלט זיך, ווערט אַ וועלט־רעוואָלוציע אַ דאַנק דיזעלבע אורזאַכען, צוליב וועלכע דער אימפּעריאַליסטישער קריג איז געוואָרען אַ וועלט־קריג. אַלע הויפּט־לענדער זיינען פאַרבונדען צווישען זיך, אַלע לענדער שטעלען מיט זיך פאַר גלידער פון דער וועלט־ווירטשאַפט. זיי זיי־נען דורך דעם קריג פאַרפלאָנטערט געוואָרען און דורך אָט־דעם קריג אויך פאַרבונדען געוואָרען איינע מיט די אַנדערע אויף אַ באַזונדע־רען אופן; אין אַלע לענדער האָט דער קריג אָנגעמאַכט מורא'דיגע פאַרוויסטונגען, געפיהרט צו הונגער, צו דער פאַרקנעכטונג פונ'ם ארבייטער־קלאַס, צו אַ לאַנגזאַמער דיסאָרגאַניזאַציע און צום פאַלען פונ'ם קאַפּיטאַליזם, צום פאַלען פון דער שטרענגער דיסציפּלין אין דער ארמיי, אין די פאַבריקען און שעפּער, און פונקט אַזוי אומ־פאַרמיידליך רופט די מלחמה ארויס די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע פונ'ם פּראָלעטאַריאַט.

קוים האָט זיך נאָר אָנגעפאַנגען דאָס פאַנאַנדערפאַלען פונ'ם קאַפּיטאַליזם און דער וואוקס פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, קענען זיי זיך שוין ניט אָפּשטעלען. די צופאַלונג פון קאַפּיטאַליזם האָט זיך אָנגעפאַנגען, און יעדע פּראָבע צו פיהרען די מענשליכע געזעלשאַפט אין די אַלטע קאַפּיטאַליסטישע וועגען איז לכתחילה פאַר'משפּט אויף אַ פאַלשטענדיגען דורכפאַל. ווייל דאָס באַוואוסט־זיין פון די פּראָלעטאַרישע מאַסען האָט דערגרייכט אַזאַ שטופע, אַז

אַט־די מאַסען קענען ניט, ווילען ניט און וועלען ניט ארבייטען אָדער הרג׳ענען איינער דעם אנדערען אין די אינטערעסען פון קאַפּיטאַל, פון קאָלאָניעס, א. אַ. וו. מען קען איצט אין דייטשלאַנד ניט אויפשטעלען צוריק ווילהעלם׳ס ארמיי, פּונקט אזוי ווי מען קען ניט אויפשטעלען צוריק די אימפּעריאַליסטישע דיסציפּלין אין דער ארמיי, ארויפוואַרפענדיג דעם יאָך אויפ׳ן פּראָלעטאריער־סאָלדאט און אונטערוואַרפענדיג איהם אונטער׳ן פריץ־גענעראַל; פּונקט אזוי קען מען איצט ניט איינפיהרען פון דאַס־ניי די אַלטע קאַפּיטאַליסטישע דיסציפּלין פאַר ארבייט, סיי אין שטאָט, סיי אין דאָרף. די נייע ארמיי קען אויפגעבויט ווערען נאָר דורכ׳ן פּראָלעטאריאַט. אַ נייע ארבייטער־דיסציפּלין קען פאַרווירקליכט ווערען נאָר דורכ׳ן ארבייטער־קלאַס.

איצט איז מעגליך בלויז איין זאך: ענטוועדער אַן אַלגעמיינע צופאַלונג, אַ פולשטענדיגער כאָאָס, אַ בלוטיגע קאַשע, ווייטערדיגע פאַרווילדערונג, אומאָרדנונג און אַן אמת׳ע אנארכיע — אָדער ק אָ מ ו נ י ז ם. די אַלע פּראָבעס אויפצושטעלען דעם קאַפּיטאַליזם אין אַ לאַנד, וואו די ארבייטער האָבען זיך שוין אמאָל געהאַט דערנעהנטערט צו זייער א י י ג ע נ ע ר מאַכט, באַשטעטיגען דאַס. ניט די פינישע בורזשואזיע, ניט די אונגארישע, ניט קאָלטשאַק, ניט דעניקין און ניט סקאָראָפּאַדסקי זיינען געווען אימשטאַנד איינצושטעלען די ווירטשאַפט, האָבען ניט געקענט באַשאַפען אפילו ז י י ע ר א י י ג ע נ ע בלוטיגע אָרדנונג.

דער איינציגער אויסוועג פאַר דער מענשהייט איז דער קאָמוניזם. און אזוי ווי ער קאָן פאַרווירקליכט ווערען נאָר דורכ׳ן פּראָלעטאריאַט, איז דער פּראָלעטאריאַט אין אונזער צייט דער אמת׳ער דערלייזער פון אַלע צרות פונ׳ם קאַפּיטאַליזם, פון דער באַרבארישער עקספּלואטאציע, פון דער קאָלאָניאַל פּאָליטיק, פון די גרויסע ארמייען און שטענדיגע מלחמות, פון הונגער, פאַרווילדערטקייט און די אַלע אומגליקען, וועלכע דער פינאַנס־קאַפּיטאַל און אימפּעריאַליזם האָבען געבראַכט מיט זיך. אין דעם ליגט די גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג פונ׳ם פּראָלעטאריאַט. ער קאָן אפילו אין איינצעלנע שלאַכטען, אָדער אין איינצעלנע לענדער האָבען אַ מפּלה.

נאָר זיין זיג איז אומפאַרמיידליך, פונקט אזוי ווי עס איז אומ־פאַרמיידליך דער אונטערגאַנג פון דער בורזשואַזיע.

פון דעם אויבענדערמאָנטען איז קלאָר, אַז אַלע גרופען, קלאַסען, און פאַרטייען, וועלכע קלערען אָדער גלויבען אויפצושטעלען דעם קאַפּי־טאַליזם; וועלכע גלויבען, אַז איצט איז נאָך ניט די צייט פאַר׳ן סאָציאַ־ליזם, שפּילען אין דער ווירקליכקייט אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע, אַ רעאַקציאָנערע ראָלע, צי זיי ווילען דאָס, צי ניט, צי זיי האָבען דעם באַוואוסטזיין וועגען דעם אָדער ניט. אַהער געהען אריין אַלע פאַרטייען פון די פּשרה־סאָציאַליסטען. (וועגען דעם זעה אויך וויי־טערדיגען ארטיקעל).

קאַפּיטעל ה.

דער צווייטער און דריטער אינטער־נאַציאָנאַל

30. דער אינטערנאַציאָנאַליזם פון דער אַרבייטער באַוועגונג אַלס באַדינגונג פאַר'ן זיג פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע.

די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע קאָן זיגען בלויז אַלס אַ *וועלט־רעוואָלוציע*. ווען עס זאָל פּאַסירען, אַז דער אַרבייטער־קלאַס אין וועלכען ניט איז לאַנד זאָל איבערנעהמען די מאַכט, נאָר אין די איבעריגע לענדער זאָל בלייבען דער פּראָלעטאַריאַט, ניט אויס מורא נאָר אויס איבערצייגונג, געטריי דעם קאַפּיטאַל, — וועלען ענדליך די גרויסע רויבערישע מלוכות דאָס דאָזיגע לאַנד דערשטיקען, ווייל די *אינערליכע* לאַגע ביי די גרויסמעכטע גופא איז געווען אַזאַ, אַז זיי איז אויסגעקומען מורא צו האָבען פאַר זיך אַליין און טראַכטען, ווי אַזוי זיך אַליין איינצוהאַלטען אונטער'ן דראַנג פון די אייגענע אַרבייטער, וועלכע האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל ארויספיהרען דאָס מיליטער פון רוסלאַנד. עס הייסט, אַלזאָ, ערשטענס, אַז די עקזיסטענץ גופא פון אַ פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין איין לאַנד געפינט זיך אין געפאַהר, אויב זי האָט ניט קיין שטיצע מצד די אַרבייטער פון די איבעריגע לענדער. און, צווייטענס, אַז ביי אַזאַ לאַגע, ווען די אַרבייטער האָבען שוין יאָ אָפּגעהאַלטען אַ זיג נאָר אין איין לאַנד, זיינען דאָ זעהר גרויסע שוועריגקייטען פאַר דער *עקאָנאָמישער* אויפבויאונגס־אַרבייט, פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דער ווירטשאַפט. אַזאַ לאַנד קריגט גאָרנישט, אָדער כמעט גאָרנישט, פון אויסלאַנד. מען *פאַרבלאַקירט* עס פון אַלע זייטען.

נאָר אויב פאַר'ן זיג פון'ם קאָמוניזם איז נויטיג דער זיג פון

דער *וועלט־רעוואָלוציע* און די געגענזייטיגע שטיצע פון די אַרבייטער צווישען זיך, מיינט דאָס, אַז די נויטווענדיגע באַדינגונג פאַר'ן זיג איז — די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פונ'ם אַרבייטער־קלאַס. דאָ קומט פאַר דאָס זעלבע, וואָס אין יעדען לאַנד באַזונדער: די אַרבייטער קאָנען ניט געווינען קיין סטרייק, אויב זיי זיינען צוגעבונדען יעדער איינער צו זיין באַלעבאָס; דעם סטרייק קענען זיי געווינען נאָר דאַן, ווען די אַרבייטער פון *פאַרשידענע* פאַבריקען שטיצען איינער דעם צווייטען, ווען זיי בויען אַ געמיינזאַמע אָרגאַניזאַציע און פיהרען אַ געמיינזאַמען קאַמף געגען אַלע פאַבריקאַנטען. דאָס זעלבע איז אויך מיט די אַרבייטער, וואָס לעבען אין פאַרשידענע בורזשואַזע לענדער. נאָר דאַן קענען זיי אָפּהאַלטען אַ זיג, ווען זיי געהען צוזאַמען, אין געשלאָסענע רייהען, ווען זיי רייסען זיך ניט איינער מיט'ן צווייטען, נאָר, פאַרקעהרט, ווען די פּראָלעטאַריער פון פאַרשידענע לענדער פאַראייניגען זיך, ווען זיי פיהלען זיך ווי אַן איינהייטליכער קלאַס מיט דיזעלבע אינטערעסען. אַ פולשטענדיגער צוטרוי פון איינעם צום צווייטען, אַ ברודער־פאַרבאַנד, אַן איינִיגקייט פון רעוואָלוציאָנערע האַנדלונגען געגען דעם אַלוועלטליכען קאַפּיטאַל, — נאָר דאָס קאָן זיכער מאַכען פאַר'ן אַרבייטער־קלאַס דעם זיג. די קאָמוניסטישע אַרבייטער־באַוועגונג קען אָפּהאַלטען אַ זיג נאָר אַלס אַן אַניטערנאַציאָנאַלע קאָמויסטישע באַוועגונג.

די נויטווענדיגקייט פונ'ם אינטערנאַציאָנאַלען קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט האָט מען שוין פון לאַנג איינגעזעהן. אין די פערציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, ערב דער רעוואָלוציע פון 1848, איז שוין געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלע געהיימע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך גערופען „דער קאָמוניסטען־פאַרבאַנד". אַן איהר שפּיץ זיינען געשטאַנען מאַרקס און ענגעלס. אויפ'ן לאָנדאָנער קאָנגרעס פון אָט־דעם פאַרבאַנד זיינען זיי געוואָרען באַאויפטראַגט צו פאַרפאַסען אַ „מאַניפעסט" אין נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע. אַזוי איז געשאַפען געוואָרען דער „מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", אין וועלכען די גרויסע קעמפער פונ'ם פּראָלעטאַריאַט האָבען צום ערשטען מאָל אַנטוויקעלט די קאָמוניסטישע לעהרע.

אין יאָהר 1864 איז אונטער מאַרקס'עס אָנפיהרונג ענטשטאַנען די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָציאַציע", אָדער ווי מען רופט זי איצט „דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל". אינ'ם ערשטען אינטערנאַציאָ־

נאָל זיינען געווען אַ סך פיהרער פון דער ארבייטער־באַוועגונג אין פאַרשידענע לענדער. אָבער אין זיינע רייהען איז נאָך ניט געווען גענוג איניגקייט. חוץ דעם האָט דער אינטערנאַציאָנאַל זיך נאָך ניט געשטיצט אויף די ברייטע אַרבייטער־מאַסען און האָט גיכער אויסגעזעהן ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלע פאַראייניגונג פאַר רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע. אין יאָהר 1871 האָבען די מיטגלידער פונ'ם אינטערנאַציאָנאַל גענומען אַן אַנטייל אינ'ם אויפשטאַנד פון די פאַריזער ארבייטער (די פאַריזער קאָמונע). דאן האָבען זיך אומעטום אָנגעפאנגען פאַרפאָלגונגען געגען די גרופען פונ'ם אינטערנאַציאָנאַל. אין יאָהר 1874 איז ער זיך צופאַלען, נאָכדעם ווי ער איז שוין אינערליך אָפּגעשוואכט געווען צוליב דעם קאַמף צווישען די אָנהענגער פון מאַרקס'ען און דעם אַנאַרכיסט באַקונין. נאָכדעם ווי דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל איז געפאַלען, האָבען אין פארשידענע לענדער, מיט דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, אָנגעהויבען וואקסען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פארטייען. די נויטווענדיגקייט פון געגענזייטיגער שטיצע האָט זיך אויף אַזוי פיל געלאָזט פיהלען, אַז אין יאָהר 1899 איז צוזאַמענגערופען געוואָרען אַן אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס פון פאָרשטעהער פון די סאָציאַליסטישע פארטייען אין די פארשידענע לענדער. עס איז געשאַפען געוואָרען דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט פאַקטיש עקזיסטירט ביז 1914, ווען מיט'ן אויסברוך פונ'ם וועלט־קריג האָט ער געפּלאצט. די אורזאַכען דערפון ווערען איבערגעגעבען ווייטער.

נאָך אין „קאָמוניסטישען מאַניפעסט" האָט מאַרקס ארויסגעשטעלט דעם לאָזונג: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניגט זיך!" אָט־וואָס מאַרקס האָט וועגען דעם געשריבען, און מיט די דאָזיגע שורות האָט דער מאַניפעסט זיך געענדיגט: „די קאָמוניסטען האַלטען ניט פאַר נויטיג צו האַלטען בסוד זייערע מיינונגען און זייערע אבזיכטען. זיי ערקלעהרען אָפען, אַז זייערע צוועקען קאָנען דערגרייכט ווערען בלויז דורך אומוואַרפען מיט גוואלד די גאַנצע עקזיסטירענדע געזעלשאפטליכע אָרדנונג. זאָלען ציטערען די הערשענדע קלאַסען פאַר אַ קאָמוניסטישער רעוואָלוציע. די פּראָלעטאַריער האָבען אין איהר גאָר ניט וואָס צו פאַרלירען חוץ זייערע קייטען, געווינען אָבער קאָנען זיי די גאַנצע וועלט. פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניגט זיך!"

די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאריטעט פונ'ם פּראָלעטאַריאַט איז פאר די ארבייטער פאר קיין פאל ניט עפּעס א שפּילכעל אָדער א שעהן ווערטעל, נאָר א לעבענס־נויטווענדיגקייט, אָהן וועלכער דער אמת'ער זיג פונ'ם אַרבייטער־קלאס וואָלט געווען אן אוממעגליכקייט.

31. דער צוזאַמענברוך פֿונ׳ם 2טען אינטער־נאַציאָנאַל און די אורזאַכען דערפֿון.

ווען אין אויגוסט, 1914, האָט זיך אָנגעפאַנגען די גרויסע וועלט־שחיטה, האָבען די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטייען אין אַלע לענדער זיך געשטעלט אויף דער זייט פֿון זייערע רעגירונגען און אַזוי־אַרום אונטערשטיצט די בלוט־באָד. נאָר דער רוסישער סערבישער און שפּעטער אויך איטאַליענישער פּראָלעטאַריאַט האָבען ערקלערט קריג דעם קריג פֿון זייערע רעגירונגען. אין איין און דעמזעלבען טאָג האָבען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטען פֿון פֿראַנקרייך און דייטשלאַנד געשטימט אין די פּאַרלאַמענטען פֿאַר קריגס־קרעדיטען פֿון זייערע רעגירונגען און האָבען אויף אַזאַ אופֿן געגעבען אַ סיגנאַל צו שטיצען די רויבערישע רעגירונגען. אָנשטאָט אַן אַלגעמיינעם אויפֿשטאַנד געגען דער פֿאַרברעכערישער בורזשואַזיע, זיינען זיך די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צולאָפֿען, יעדע איינע אונטער דער פֿאָהן פֿון „איהר אייגענער״ בורזשואַזער רעגירונג. די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען אונטער דער דירעקטער אונטערשטיצונג פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. און די פֿיהרער פֿון די דאָזיגע פּאַרטייען האָבען פֿאַרראַטען דעם סאָציאַליזם. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט דאָ געפֿונען זיין מיאוס׳ען טויט.

אינטערעסאַנט איז, וואָס סך־הכל עטליכע טעג פֿאַר׳ן פֿאַרראַט, האָבען די אָרגאַנען פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און זייערע פֿיהרער געשאָטען פּעך און שוועבעל אויף דער מלחמה. אַזוי, צ. ב., האָט ג. הערווע, דער פֿאַררעטער פֿון דעם פֿראַנצויזישען סאָציאַליזם, געשריבען אין זיין בוך „סאָציאַלע מלחמה״ (וועלכען ער האָט אין אָנפֿאַנג פֿון קריג אַ נאָמען געגעבען „דער זיג״): „שלאָגען זיך כדי צו ראַטעווען דעם פּרעסטיזש פֿונ׳ם קסר!... וואָס פֿאַר אַ פֿרייד עס איז צו שטאַרבען פֿאַר אַזאַ איידעלע זאַך!״ דריי טעג פֿאַר דער מלחמה האָט די פֿראַנצויזישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אַרויסגעלאָזען אַ מאַניפֿעסט געגען דער מלחמה, און די פֿראַנצויזישע סינדיקאַליסטען האָבען געשריבען אין זייער צייטונג: „אַרבייטער, אויב איהר זייט ניט קיין פּחדנים... פּראָטעסטירט!״ די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פֿלעגט צונויפֿרופֿען ריזיגע פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונגען. ביי אַלעמען איז נאָך פֿריש

געוועזן אין זכרון דער באַשלוס פונ׳ם באַזעלער אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס, אין וועלכען ס׳איז געזאָגט געוואָרען, אַז אין פאַל פון אַ מלחמה, מוז מען אָנווענדען אַ ל ע מיטלען, כדי „אויפצוהויבען דאָס פאָלק" און צו פאַרשנעלערען דעם צוזאַמענברוך פון קאַפּיטאַליזם. אָבער גלייך אויף מאָרגען האָבען די זעלביגע פּארטייען און זייערע פיהרער געשריבען וועגען דער נויטיגקייט צו „פאַרטיידיגען דאָס פאָטערלאַנד" (ד. ה., די רויבערישע רעגירונג) פון ז י י ע ר בורזשואַזיע, און די „עסטרייכישע אַרבייטער צייטונג" האָט גע׳טענה׳ט, אַז מען מוז פאַרטיידיגען די „דייטשע (!!) מענשהייט".

כדי צו פאַרשטעהן, פאַרוואָס דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאַט אַזאַ מיאוס׳ען סוף, מוז מען זיך פאַנאַנדערקלייבען אין די באַדינגונגען, אין וועלכע ס׳האָט זיך פאַר דער מלחמה ענטוויקעלט די ארבייטער־באַוועגונג. ביז אָט דעם צוזאַמענשטויס האָט זיך דער קאַפּיטאַליזם פון די אייראָפּעאישע לענדער און פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען אנטוויקעלט אויפ׳ן חשבון פון אַ ריזיגער רויבעריי אין די קאָלאָניעס. די שמוציגע, בלוטיגע זייט פונ׳ם קאַפּיטאַליזם האָט זיך דאָ אַם שטאַרקסטען ארויסגעוויזען. דורך באַרבאַרישער עקספּלואַטאַציע, דורך רויבעריי, אָפּנאַרעריי פלעגט מען פון די קאָלאָניאַלע פעלקער ארויסקוועטשען אוצרות, וואָס פלעגען פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ פּראָפיט פון די געלט־מאַגנאַטען פון אייראָפּעאישען און אַמעריקאַנער פינאַנץ־קאַפּיטאַל. וואָס פעסטער און שטאַרקער ס׳האָט זיך געפיהלט אויפ׳ן וועלט־מארק אַ וועלכער ניט איז מלוכה־קאַפּיטאַליסטישער טראַסט, אַלץ מעהר פּראָפיט פלעגט ער קריגען פונ׳ם עקספּלואַטירען די קאָלאָניעס. און פונ׳ם דאָזיגען מערווערט האָט ער געהאַט אַ מעגליכקייט אויסצוצאָהלען חוץ דעם געוועהנליכען לוין נאָך עפּעס אַ קלייניגקייט זיינע געדונגענע שקלאַפען. ניט אַלעמען, פאַרשטעהט זיך, נאָר די „קוואַליפיצירטע", דאָס הייסט, די אַזוי גערופענע געלערנטע אַרבייטער. די דאָזיגע שיכטען פונ׳ם אַרבייטער קלאַס פלעגען אויף אַזאַ אופן די גאַנצע צייט אונטערגעקויפט ווערען פונ׳ם קאַפּיטאַל. און די דאָזיגע שיכטען פלעגען אַזוי אָנהויבען טראַכטען: ווען „אונזער„ אינדוסטריע האָט אַ מאַרק אין די אפריקאַנער קאָלאָניעס, איז עס גאַנץ גוט, זי וועט זיך בעסער ענטוויקלען. דער פּראָפיט פון אונזערע באַלעבאַטים וועט גרעסער ווערען און

אונז וועט אויך פון דעם עפּעס אָנקומען. אָט אַזוי פלעגט דער קאַפּיטאַל צובינדען צו ז י י ן מלוכה זיינע געדונגענע שקלאַפן, אונטערקויפענדיג איין טייל פון זיי אויפ׳ן חשבון פון דער רויבעריי אין די קאָלאָניעס.

די דאָזיגע ערשיינונג האָבען נאָך די גרינדער פון׳ם וויסענשאַפט־ליכען קאָמוניזם באַמערקט. אַזוי האָט, צ. ב., ענגעלס געשריבען אין 1882 אין אַ בריף צו קאַוטסקי׳ן: „איהר פרעגט מיך, וואָס טראַכטען די ענגלישע אַרבייטער וועגען דער קאָלאָניאַל פּאָליטיק. דאָס זעלבע, וואָס זיי טראַכטען וועגען פּאָליטיק בכלל. דאָ איז דאָך ניטאָ קיין אַרבייטער פּאַרטיי, דאָ זיינען פאַראַן מעהר ניט ווי קאָנסערוואַטאָרען און ליבעראַלע ראַדיקאַלען, און די אַרבייטער נעמען אַ טיכטיגען אנטייל אויסצונוצען די גליקען, וואָס דער ענגלישער מאָנאָפּאָל אויפ׳ן וועלט־מאַרק און די קאָלאָניעס ברענגט מיט זיך”.

אָט אויף דעם באָדען פלעגט זיך ענטוויקלען אַ באַזונדערע קנעכט־שאַפט, צוגעבונדענקייט פון די אַרבייטער צו זייער בורזשואַזיע און אונטערטעניגקייט צו איהר. דערזעלביגער ענגעלס האָט געשריבען אין 1889: „די עקעלהאַפטסטע ערשיינונג דאָ (אין ענגלאַנד) איז דער בורזשואַזער רעספּעקט, וועלכער האָט זיך איינגעזויגען אינ׳ם פלייש און בלוט פון די אַרבייטער... דער אַיינגעבאָרענער דרך ארץ צו די betters און superiors (צו די „האַרען”) האָט זיך אַזוי לאַנג און פעסט איינגעוואָרצעלט, אַז די הערען בורזשויען גיט זיך נאָך אַלץ גאַנץ גרינג איין אַריינצוכאַפּען די אַרבייטער אין זייערע נעצען. איך, צ. ב. בין גאָר ניט זיכער, אַז דזשאַן בורנס (איינער פון די דאַמאָלסטדיגע אַרבייטער פיהרער) שטאָלצירט ניט טיף אין האַרצען אַ סך מעהר מיט זיין פּאָפּולאַריטעט ביים קארדינאַל מענינג, דעם מיאָר פון שטאָט, און בכלל ביי דער בורזשואַזיע, ווי מיט זיין פּאָפּולאַ־ריטעט ביי זיין אייגענעם קלאַס”.

די אַרבייטער־מאַסען זיינען ניט געוואוינט געוועזן און זיי האָבען טאַקע אויך קיין געלעגענהייט ניט געהאט צו פיהרען א קאָלאָסאַלען קאַמף אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלען מאַסשטאַב. די גאַנצע טעטיגקייט פון זייערע ארגאַניזאַציעס איז מייסטענס דורכ־געגאַנגען אינווייניג, אין דער מלוכה פון דער א י י ג ע נ ע ר בורזשואַזיע. און אָט די „אייגענע” בורזשואַזיע פלעגט מיט דער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק פ אַ ר אַ י נ ט ע ר ע ס י ר ע ן אַ טייל פונ׳ם אַרבייטער־קלאַס, באַזונדערס די קוואַליפיצירטע שיכטען פונ׳ם דאָ־זיגען אַרבייטער־קלאַס. אין אָט די נעצען פלעגען אַריינפאַלען אויך די פיהרער פון די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס, די אַרבייטער ביוראָ־

קראַטיע, די פּאַרלאַמענט־פּאַרשטעהער, וועלכע האָבען פאַרנומען מעהר אָדער ווייניגער גוטע שטעלעס און זיינען צוגעוואוינט געוואָרען צו דער „פ ר י ד ל י כ ע ר“, „רוהיגער“, „געזעצליכער“ טעטיגקייט. מיר האָבען דאָך שוין געזאָגט, אז די בלוטיגע זייט פון׳ם קאַפּיטאַליזם פלעגט זיך פאַנאַנדערוויקלען הויפּטזעכליך אין די קאָלאָניעס. אין אייראָפּא און אמעריקא גופא האָט זיך די אינדוסטריע שנעל ענטוויקעלט און צוזאַמען מיט דעם איז אויך דער קאַמף פון׳ם ארבייטער־קלאַס פאָרגעקומען אין מעהר אָדער ווייניגער פרידליכע פאָרמען. קיין גרויסע רעוואָלוציעס זינט 1871 און פאַר דער גרעסטער צאָהל לענדער זינט 1848 זיינען ניט פאָרגעקומען (אַ חוץ אין רוסלאַנד), און אַלע האָבען זיך איינגעלעבט מיט׳ן געדאַנק, אז אויך אויף ווייטער וועט זיך דער קאַפּיטאַליזם ענטוויקלען פונקט אזוי פרידליך; און ווען מען פלעגט אפילו ריידען וועגען די קומענדע מלחמות, האָט מען אליין ווייניג אין דעם געגלויבט. א טייל ארבייטער — צווישען זיי אויך די פיהרער — זיינען אַלץ מעהר דורכגעדרונגען געוואָרען מיט׳ן געדאַנק, אז אויך דער ארבייטער־קלאַס איז פאַראינטערעסירט אין דער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק און דאַרף, צ ו ז א מ ע ן מ י ט ז י י ן ב ו ר ז ש ו א ז י ע, זאָרגען וועגען דער בליהונג פון אָט דעם „אינטערנאַציאָנאַלען ענין“. אויף אָט דעם באָדען האָט זיך אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָנגעהויבען אריינגיסען א קליינבירגערליכע מאַסע, אזוי איז צ. ב. אין דייטשלאַנד אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרלאַמענט־פראַקציע געווען א היבש ביסעל ש ע נ ק ע ר, באַלעבאַטים פון רעסטאָראַנען פאַר ארבייטער: אין 1882 — 4 (פון 35); אין 1905 — 6 (פון 81); אין 1912 — 12 (פון 110).

ס׳איז קיין וואונדער ניט, וואס ווען די פראַגע איז אוועקגעשטעלט געוואָרען שאַרף, האָט די צ ו ג ע ב ו נ ד ע נ ק י י ט צ ו ד ע ר א י מ פּ ע ר י א ל י ס ט י ש ע ר מ ל ו כ ה ג ו ב ר ג ע ו ו ע ן ד י א י נ ט ע ר נ א צ י אָ נ א ל ע ס אָ ל י ד א ר י ט ע ט פ ו נ ׳ ם א ר ב י י ט ע ר ק ל א ס.

די הויפּט־אורזאַך פון אונטערגאַנג פון׳ם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל איז דעריבער געווען דאָס, וואָס די קאָלאָניאַל־פּאָליטיק און די מאָנאָפּאָליסטישע לאַגע פון די גרעסטע מלוכה־קאַפּיטאַליסטישע

טראָסטען האָט צוגעבונדען די ארבייטער — בפרט „די אויבערשטע שיכטען" פונ'ם ארבייטער קלאס — צו דער אימפּעריאליסטישער מלוכה פון דער בורזשואזיע.

אין דער געשיכטע פון דער אַרבייטער באַוועגונג זיינען שוין אויך פריהער געווען אַזעלכע פאַלען, ווען דער אַרבייטער איז געגאַנגען צ ו ־ ז אַ מ ע ן מיט זיין אונטערדריקער. אַזוי, צ. ב., איז נאָך אין דער ערשטער שטופע פון זיין ענטוויקלונג, ווען דער אַרבייטער איז נאָך געזעסען ביי איין טיש מיט זיין באַלעבאָס, פלעגט ער קוקען אויף דער פאַבריק פון זיין באַלעבאָס ווי אויף עפּעס אַזוינס, וואָס געהערט כמעט צו איהם: דער באַלעבאָס איז געווען ניט קיין שונא זיינער, נאָר אַן „אַרבייטסגעבער". ערשט מיט דער צייט האָבען זיך די אַרבייטער פון פאַרשידענע פאַבריקען אָנגעהויבען פאַראייניגען איינע מיט די אַנדערע געגען אַלע באַלעבאַטים. ווען גרויסע לענדער האָבען זיך אַליין פאַרוואַנדעלט אין מלוכה־קאַפּיטאַליסטישע טראָסטען, זיינען די אַרבייטער געווען נאָך פונקט אַזוי צוגעבונדען צו זיי, ווי זיי זיינען פריהער געווען צוגעבונדען צו זייערע אן איינצעלנעם באַלעבאָס.

ערשט די מלחמה האָט זיי געלערענט, אַז מען טאָר ניט שטעהן אויף דער זייט פון דער אייגענער ב ו ר ז ש ו אַ ז ע ר מלוכה, נאָר מען מוז געמיינזאַם אַ ר אָ פּ ו וואַ ר פ ע ן די דאָזיגע ב ו ר ז ש ו אַ ־ ז ע מלוכות און געהן צו דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

32. די לאָזונגען פון פאַטערלאַנד — פאַרטיידיגונג און פון פאַציפיזם.

די פיהרער פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און פון צווייטען אינטערנאַציאָנאַל פלעגען באַרעכטיגען זייער פאַרראַט צו די אַרבייטער־אינטערעסען דערמיט, וואָס מען האָט כלומרשט געמוזט „פאַרטיידיגען דאָס פאַטערלאַנד".

מיר האָבען שוין געזעהן, אַז אין דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה פאַרטיידיגט זיך ניט קיין איינע פון די גרויסמאַכטען, נאָר אַלע פ אַ ל ע ן אָ ן. דער לאָזונג פון פאַרטיידיגען דאָס (בורזשואַזע) פאָטערלאַנד איז געווען פּשוט אַ ש ווי נ ד ע ל, אונטער וועלכען די פיהרער האָבען געוואָלט באַהאַלטען זייער פאַרראַט.

מיר דאַרפען דאָ אָבער פונדעסטוועגען גענויער באַטראַכטען אָט די פראַגע.

ערשטענס, וואָס איז אַזוינס פאָטערלאַנד? וואָס פאַרשטעהט מען אייגענטליך אונטער דעם דאָזיגען וואָרט? מענשען, וואָס ריידען איין שפּראַך, אָדער „נאַציע“? פאַר קיין פאַל ניט. ווייל לאָמיר נעמען צ. ב. דאָס צאַרישע רוסלאַנד. ווען די רוסישע בורזשואַזיע האָט געשריבען וועגען פאַרטיידיגען דאָס פאָטערלאַנד, האָט זי אין זינען געהאַט גאָר ניט דאָס לאַנד, וואו עס לעבט איין פאָלק, די גרויס־רוסען. ניין, ווייל דאָ האָט זיך געהאַנדעלט וועגען פאַרשידענע פעלקער, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד. וועגען וואָס־זשע האָט זיך דאָ אין דער אמת'ן געהאַנדעלט? טאַקע נאָר וועגען דער מלוכה־מאַכט פון דער רוסישער בורזשואַזיע און פון די פּריצים. „פאַרטיידיגען“ אָט די מאַכט האָט מען דאָס פאָרגעלייגט די רוסישע אַרבייטער (און אין דער ווירקליכקייט ניט פאַרטיידיגען, נאָר פאַרברייטערען איהרע גרעניצען ביז קאָנסטאַנטינאָפּאָל און קאַווקאַז). ווען די דייטשע בורזשואַזיע האָט ביז'ן הימעל געשריען וועגען פאַרטיידיגען דאָס „פאַטערלאַנד“, וועגען וואָס האָט זיך דאָ געהאַנדעלט? ווידער וועגען דער מאַכט פון דער דייטשער בורזשואַזיע, וועגען פאַרברייטערען די גרעניצען פון ווילהעלמ'ס רויבערישער מלוכה.

און דאָ דאַרף מען זיך קלאָר מאַכען, צי האָט דער אַרבייטער־קלאַס ביים קאַפּיטאַליזם איבערהויפּט אַ וואָסער ניט איז פאַטערלאַנד. אינ'ם „מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי“ האָט מאַרקס אויף דעם געענטפערט: „די פּראָלעטאַריער האָבען ניט קיין פאָטערלאַנד“. און ער איז געווען גערעכט. פאַר וואָס? גאַנץ איינפאַך: ווייל ביים קאַפּיטאַליזם האָבען זיי ניט קיין מאַכט. ווייל ביים קאַפּיטאַליזם געפינט זיך אַלץ אין די הענט פון דער בורזשואַזיע; ווייל ביים קאַפּיטאַליזם איז די מלוכה — אַ מיטעל צו דערשטיקען דעם אַרבייטער קלאַס, ווייל די מלוכה אונטערדריקט דעם אַרבייטער קלאַס. מיר האָבען שוין געזעהן, אַז די אויפגאַבע פון פּראָלעטריאַט באַשטעהט אין דעם, אַז ער זאָל צושטערען די מלוכה פון דער בורזשואַזיע, און בכלל ניט אין דעם, אַז ער זאָל זי פאַרטיידיגען. דער פּראָלעטאַריאַט וועט נאָר

דאן האָבען א פאָטערלאנד, ווען ער וועט פארכאפען די מלוכה־מאַכט און וועט ווערען דער באַלעבאָס פון לאנד. דאָרט — און נאָר דאָרט — האָט ער זיין פאָטערלאנד, און דאָס איז ער פארפליכטעט צו פארטיידיגען: ווייל דאָ וועט ער פארטיידיגען זיין מאכט און זיין זאַך, און ניט די מאכט פון זיינע שונאים, און ניט די רויבערישע פּאָליטיק פון זיינע אונטערדריקער.

די בורזשואַזיע פאַרשטעהט דאָס אַלץ אויסגעצייכענט, והראיה, ווען דער פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, האָט די רוסישע בורזשואַזיע אָנגעהויבען קעמפּען געגען רוסלאַנד, שליסענדיג אָפּמאַכען מיט וועמען נאָר איהר ווילט: מיט די דייטשען, יאַפּאַנעזער, אַמעריקאַנער, ענגלענדער — און וואָלט נאָר מעגליך געווען — אפילו מיט'ן טייוועל אַליין. פאַרוואָס? ווייל זי האָט פאַרלאָרען אין רוסלאַנד איהר מאַכט, זי האָט דאָרט פאַרלאָרען איהר פאָטערלאַנד פון רויבעריי, גזלה, בורזשואַזער עקספּלואַטאַציע. און דאָס פּראָלעטאַרישע רוסלאַנד, דאָס הייסט, די סאָוועטען מאַכט, איז זי גרייט אויפצורייסען צו יעדער מאָמענט. אָדער לאָמיר נעהמען אונגאַרן. די בורזשואַזיע האָט גערופען צו „פאַרטיידיגען", ווען די מאַכט האָט זיך געפונען אין די הענט פון דער בורזשואַזיע. זי האָט אָבער גלייך געשלאָסען אַן אָפּמאַך מיט די רומענער, טשעכאָ־סלאָוואַקען, עסטרייכער, מיט דער אַנטאַנט, כדי מיט זיי צוזאַמען צו דערשטיקען דאָס פּראָלעטאַרישע אונגאַרען. דאָס באַווייזט, אַז די בורזשואַזיע פאַרשטייט אויסגעצייכענט, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ. זי באַפעסטיגט אַליין און רופט אַלע בירגער צו באַפעסטיגען איהר מאַכט, די בורזשואַזע מאַכט, אונטער'ן לאָזונג — דאָס פאטערלאַנד, און משפּט פאַר מלוכה פאַרראַט די יעניגע, וואָס ווילען דאָס ניט טאָן. זי לייגט זיך אַבער אין דער לענג און אין דער ברייט און שטעלט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ, כדי אויפצורייסען דאָס פּראָלעטאַרישע פאָטערלאַנד.

דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיך לערנען ביי דער בורזשואַזיע אויפרייסען דאָס בורזשואַזע פאטערלאַנד, ניט פאַרטיידיגען אָדער פאַרברייטערען עס. אָבער זיין אייגען, פּראָלעטאַרישען פאָטערלאַנד מוז ער פאַרטיידיגען מיט אַלע כחות, ביז'ן לעצטען טראָפּען בלוט.

אויף דעם קענען אונז אונזערע געגנער זאָגען: איהר זאָגט דאָך אליין, אז די קאָלאָניאַל־פּאָליטיק און דער אימפּעריאַליזם האָבען מיטגעהאָלפען דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין די גרויסע מלוכות; אז אַ דאַנק דעם פלעגען אויך דעם אַרבייטער־קלאַס

צופאַלען עפּעס ברעקלאַך פון פּריץ'ס טיש; הייסט עס, אז מען דאַרף פאַרט פאַרטיידיגען און העלפען אין דער קאָנקורענץ דעם א י י ג ע נ ע ם באַלעבאָס?

ס'הויבט זיך גאָר ניט אָן. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז מיר האָבען צוויי פאַבריקאַנטען, שולץ'ען און פּעטראָוו'ען. זיי רייסען זיך ארום אויפ'ן מארק. שולץ זאָגט צו זיינע ארבייטער: „ברידער, שטעהט שטאַל און אייזען פאַר מיר! ברענגט וואָס מעהר שאָדען פּעטראָוו'ס פאַבריק, איהם אליין, זיינע ארבייטער א. אז. וו. מיין פאַבריק וועט דאַן אוועקגעהן גאָר אַנדערש. ווען פון פּעטראָוו'ען וועל איך מאַכען א תל, און מיינע געשעפטען וועלען געהן אויסגע־צייכענט, וועל איך אייך שוין פאַר דעם ארויפהעכערען א האַלבען רובעל". און נאָכדעם וועט ער אַלץ צוריק אָפּנעהמען. און אויב די ארבייטער וואָלטען וועלען מאַכען א סטרייק און זיך ווענדען נאָך הילף צו פּעטראָוו'ס פריהערדיגע ארבייטער, וואָלטען יענע גע־ענטפערט: „וואָס־זשע, פריהער האָט איהר אונז אָנגעטאָן אַלערליי צרות, און איצט קומט איהר צו אונז? געהט זיך אייך געזונטער־הייט!" קיין א ל ג ע מ י י נ ע ר סטרייק וואָלט ניט געווען. די ארבייטער וואָלטען זיין צוברעקעלט און דער קאַפּיטאַליסט — שטאַרקער. און איצטער, באַזיגענדיג זיין קאָנקורענט, וואָלט ער זיך ווענדען געגען די ארבייטער, ווענעם כוחות זיינען צושפּליטערט. אויף דעם ערשטען קוק זעהט אויס, אז שולץ'עס ארבייטער האָבען געקראָגען אן איבעריגען האַלבען רובעל, אָבער שפּעטער האָבען זיי א ל ץ פאַרלאָרען. דאָס זעלבע קומט אויך פאַר אינ'ם אינטערנאַ־ציאָנאַלען קאַמף. די בורזשואַזע מלוכה איז א פאַרבאַנד פון באַלע־באַטים. ווען איינער פון די פאַרבאַנדען ווערט פעט אויפ'ן חשבון פון די אַנדערע, קען ער אונטערקויפען די ארבייטער. דער צוזאַ־מענבראָך פון דעם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל און דער פאַרראַט אין סאָציאַליזם דורך די פיהרער פון דער ארבייטער־באַוועגונג זיינען מעגליך געווען צוליב דעם, וואָס די דאָזיגע פיהרער האָבען באַשלאָ־סען צו „פאַרטיידיגען" און גרעסער מאַכען יענע ב ר ע ק ל א ך, וואָס זיינען פאַר זיי אראָפּגעפאַלען פון באַלעבאָס טיש. נאָך פאַר דער צייט פון מלחמה, בעת די ארבייטער זיינען צוליב אָט דעם פאַר־ראַט צ ו ב ר ע ק ע ל ט געוואָרען, האָט דער קאַפּיטאַל אין אַלע

לענדער ארויפגעלייגט אויף זיי א גאלטיגע לאסט. די ארבייטער האבען דערזעהן, אז זיי האבען א טעות געהאט אין חשבון, אז די פיהרער פון די סאציאליסטישע פארטייען האבען זיי פארקויפט פאר א גראשען. מיט דעם מאמענט הויבט זיך אן די ווידערגעבורט פונ'ם סאציאליזם. ס'איז גאנץ פארשטענדליך, אז די ערשטע הויבען אן צו פראטעסטירען די שלעכט באצאהלטע, ניט קוואליפיצירטע ארבייטער. דער שיכט פון דער ארבייטער־אריסטאקראטיע (צ. ב., די דרוקער פון אלע לענדער) און די אלטע פיהרער האלטען זיך נאך א לאנגע צייט ביי זייער פאררעטערישען שפיל.

חוץ דעם לאזונג צו פארטיידיגען דאס בורזשואזע פאטערלאנד, איז געווען נאך א מיטעל ווי צו פארפיהרען און אפנארען די ארבייטער מאסען. דאס איז דער אזוי גערופענער פאציפיזם, וואס איז דאס אזוינס? דאס איז א מיינונג, וועלכע האלט, אז שוין אין די ראמען פון קאפיטאליזם קאן אהן שום רעוואלוציעס, אהן שום אויפשטאנדען פונ'ם פראלעטאריאט, א. אז. וו. איינגעשטעלט ווערען אויף דער ערד אן אייביגער שלום. מען דארף נאר איינפיהרען ענטשיידונגס־געריכטען אויף אויסצוגלייכען שטרייטיגקייטען צווישען פארשיידענע מלוכות, אפשאפען די געהיי־מע דיפלאמאטיע און דורכפיהרען די ענטוואפנונג. צוערשט מעג דאס זיין אפילו דורך באגרעניצען די באוואפענונג א. אז. וו. — און אלץ וועט שוין געהן אין בעסטער ארדנונג.

דער גרונט־טעות פונ'ם פאציפיזם (פון דער רודף־שלום־אידעע) באשטעהט אין דעם, וואס די בורזשואזיע, וועט ניט איינגעהן אויף אזעלכע גוטע זאכען, ווי צ. ב. ענטוואפנונג א. אז. וו. ס'איז דאך א נארישקייט און אן אומזין צו פריידיגען ענטוואפענונג אין דער עפאכע פון אימפעריאליזם און בירגער־קריג. די בורזשואזיע וועט זיך באוואפענען אויפ'ן בעסטען אופן. און אויב דער פראלעטאריאט וועט זיך ענטוואפענען, אדער, ריכטיגער, ער וועט זיך ניט באוואפענען, וועט ער גאנץ פשוט ברענגען דערצו, אז מען זאל איהם פארניכטען. אין דעם באשטעהט טאקע די נארעריי, וועלכע ליגט אין די פאציפיסטישע לאזונגען פאר'ן פראלעטאריאט. זייער צוועק איז —

אַפּצוציהען די אויפמערקזאמקייט פונ'ם ארבייטער־קלאס פון א באוואפענטען קאמף פאר'ן קאָמוניזם.

אַלס בעסטער ביישפּיל פון דער פאַלשקייט פונ'ם פּאַסיפיזם קאָן דינען ווילסאָן'ס פּאָליטיק און די 14 פּונקטען, וואו אונטער אַ שלייער פון יושר און גערעכטיגקייט ווערען דורכגעפיהרט די **וועלט־רויבעריי** און דער בירגער־קריג געגען דעם פּראָלעטאַריאַט. צו וואָס פאַר אַ געמיינהייט עס קאָנען דערגעהן די פּאַסיפיסטען, איז צו זעהן צ. ב., פון אַזעלכע ביישפּילען: דער געוועזענער פּרעזידענט פון די פאַר־איניגטע שטאַטען, **טאַפט**, איז איינער פון די גרינדער פון דער אַמעריקאַנער פרידענס־ליגע און גלייכצייטיג איז ער אַ פאַרביסענער אימפּעריאַליסט; דער באַוואוסטער אַמעריקאַנער אויטאָמאָביל־פאַברי־קאַנט, פאָרד, האָט איינגעאָרדענט גאַנצע עקספּעדיציעס קיין אייראָפּע, כדי צו פאַרהילכען די וועלט מיט זיין פּאַסיפיזם. אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך אָנגעשטאָפּט מיט הונדערטער מיליאָנען דאָלאר פון מלחמה־פּראָפיטען, ווייל אַלע זיינע אונטערנעמונגען האָבען געאַרבייט פאַר'ן קריג. איינער פון די העכסט אויטאָריטעטע פּאַסיפיסטען **א. פריד**, אין זיין „האַנדבוך פון פּאַסיפיזם" (באַנד 2, זייט 149), זעהט די „ברידערליכקייט פון די פעלקער" אגב אין דער געמיינזאַמער קריגס־עקספּעדיציע פון די אימפּעריאַליסטען געגען כינא אין יאָהר 1900. אָט וואָס ער שרייבט וועגען דעם: „דער מאַרש געגען כינע האָט באַוויזען דעם איינפלוס פון די שלום־אידעען אויף די איצטיגע געשעה־נישען. ער האָט דעמאָנסטרירט דעם אינטערנאַציאָנאַלען פאַרבאַנד פון אַרמייען. די פאַראייניגטע אַרמייען טרעטען אַרויס ווי אַ וועלט־קראַפט, אונטער דער קאָמאַנדע פון איין אייראָפּעאישען גענעראַליסמוס. מיר, די פריינד פון פרידען, זעהען אין אָט דעם וועלט־גענעראַליסמוס (דאָס איז געווען דער באַשטימטער פון ווילהעלם דעם צווייטען גראַף וואַלדערזעע) אַ פאָרגעהער פון יענעם אַלזוועלטליכען מלוכה־טוער, וועלכער וועט זיין אימשטאַנד צו פאַרווירקליכען אונזער אידעאַל מיט פרידליכע מיט־לען".

אַן אָפענע **געמיינזאַמע רויבעריי** גיט מען דאָ אַרויס פאַר „פעלקער־ברידערליכקייט". דאָס איז אַלץ איינס, ווי אַרויס־טרעטען מיט'ן רויבערישען קאַפּיטאַליסטישען פאַרבאַנד אונטער'ן נאָ־מען „פעלקער ליג".

33. די סאָציאַל־שאָוויניסטען.

די פאַרפיהרערישע לאָזונגען, מיט וועלכע די בורזשואַזיע פלעגט טאָג־טעגליך פאַרוואַרפען די מאַסען דורך איהר פּרעסע —

זשורנאַלען, צייטונגען, בלעטלאַך א. אז. וו. — זיינען אויך געוואָרען די לאָזונגען פון די פארדעטער פון סאָציאַליזם.

די אַלטע סאָציאַליסטישע פאַרטייען האָבען זיך כמעט אין אַלע לענדער צושפּאַלטען אין דריי ריכטונגען — אָפענע און חוצפה'דיגע פאַררעטער, די סאָציאַל־שאָוויניסטען; באַהאַלטענע און וואקלענדיגע פאַררעטער — דער אזוי גערופענער „צענטער"; און ענדליך די, וועלכע האָבען דעם סאָציאַליזם ניט פאַרראַטען. פון אָט די לעצטע עלעמענטען האָבען זיך שפּעטער אָרגאַניזירט די קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

אַלס סאָציאַל־שאָוויניסטען, ד. ה. פריידיגער פון מענשענשנאה אונטער'ן שלייער פון סאָציאַליזם, אזעלכע, וואָס פריידיגען צו שטיצען די רויבערישע בורזשואזע מלוכות מיט'ן פאַרפיהרערישען לאָזונג צו פאַרטיידיגען דאָס פאָטערלאַנד, — אַלס אזעלכע האָבען זיך ארויסגעוויזען די פיהרער פון כמעט אַלע אַלטע סאָציאַליסטישע פאַרטייען: אין דייטשלאַנד — שיידעמאַן, נאָסקע, עבערט, דאַוויד, היינע א. אז. וו.; אין ענגלאַנד — הענדערסאָן; אין אַמעריקע — ראָסעל, סעמועל גאָמפּערס; אין פראַנקרייך — רענאַדעל, אַלבערט, טאָמאַ, דזשול געד, און דער פיהרער פון די פאַראייניגען, זשואָ; אין רוסלאַנד — פּלעכאַנאָוו, פּאָטרעסאָוו, די רעכטע עס־ער'ען (ברעשקאָווסקאַיאַ, קערענסקי, טשערנאָוו) און די רעכטע מענשעוויקעס (ליבער און ראָזאַנאָוו); אין עסטרייך — רענער, זייץ, וויקטאָר אַדלער; אין אונגאַרן — גאַראַמי, בוכינגער, א. אז. וו.

אָט די אַלע האָבען געהאַלטען, אז מען דאַרף „פאַרטיידיגען" דאָס בורזשואזע פאָטערלאַנד. נאָר א סך פון זיי זיינען געוועזען אָפען פאַר א רויבערישע פּאָליטיק, פאַר אנעקסיעס (זיי רו־״ מען געוועהנליך די סאָציאַל־אימפּעריאַליסטען). די גאַנצע צייט פון קריג האָבען זיי איהם געשטיצט ניט נאָר מיט שטימען פאַר קרעדיטען, נאָר אויך מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע. פּלעכאַנאָוו'ס מאַניפעסט האָט פאַרשפּרייט אין רוסלאַנד דער צארישער מיניסטער כוואָסטאָוו. דער גענעראַל קאָרנילאָוו האָט באַשטימט פּלעכאַנאָוו'ן פאַר א מיניסטער פון זיין קאַבינעט. קערענסקי (אַן עס־ער) און צערעטעלי (א מענשעוויק) פלעגען באַהאַלטען פונ'ם פאָלק דעם

צאר'ס געהיימע אָפּמאכען. אין די יולי טעג זיינען זיי מיט געוועהר ארויסגעטראָטען געגען דעם פּעטערבורגער פּראָלעטאריאט; די עס־ער'ען און רעכטע מענשעוויקעס זיינען אריין אין קאָלטשאַק'ס רעגירונג. ראָזאנאָוו איז געוועזן יודעניטש'עס אַ שפּיאָן. מיט איין וואָרט, זיי זיינען, ווי די גאנצע בורזשואזע רעגירונג, געווען דערפאר, אז מען זאָל שטיצען דאָס רויבערישע בורזשואזע פאָטערלאנד און אומברענגען דאָס פּראָלעטאַרישע סאָוועטען־רוסלאנד. די פראנצויזישע סאָציאַל־שאָוויניסטען זיינען אריין אין דאָס רויבערישע מיניסטעריום (געד, אַלבערט טאָמאַ) און האָבען געשטיצט אלע רויבערישע פּלענער פון די עלאַים. זיי זיינען געווען פאר דערשטיקען די רוסישע רעוואָלוציע און פאר שיקען מיליטער געגען די רוסישע ארבייטער; די דייטשע סאָציאַל־שאָוויניסטען זיינען נאָך אין ווילהעלמ'ס צייטען אריין אין מיניסטעריום (שיידעמאן), זיי האָבען אונטערשטיצט ווילהעלמ'ען, ווען ער האָט נעשטיקט די פינלענדער רעוואָלוציע, ווען ער האָט בארויבט אוקראינע און גרויס־רוסלאנד; מיטגלידער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער פּארטיי (וויניג און ריגע) האָבען אָנגעפיהרט די שלאכטען געגען די רוסישע און לעטישע ארבייטער; שפּעטער האָבען זיי דער'הרג'עט ליבקנעכט'ען און ראָזאַ לוקסעמבורג און דערשטיקט די אויפשטאַנדען פון די קאָמוניסטישע ארבייטער אין בערלין, לייפּציג, האמבורג, מינכען א. אז. וו. די אונגאַרישע סאָציאַל־שאָוויניסטען האָבען אין זייער צייט אונטערשטיצט די מאָנאַרכיסטישע רעגירונג און דערנאָך האָבען זיי פאררעטען די סאָוועטען־רעפּובליק. אין אלע לענדער, אַלזאָ, האָבען זיי זיך ארויסגעוויזען פאר די אמת'ע הענקער פונ'ם ארבייטער קלאַס.

ווען פּלעכאַנאָוו איז נאָך געווען אַ רעוואָלוציאָנער, האָט ער געשריבען אין דער אויסלענדישער צייטונג „איסקראַ", אַז דער צוואַנציגסטער יאָהרהונדערט, וועלכען עס וועט באַשערט זיין צו פאַרווירקליכען דעם סאָציאַליזם, וועט געוויס זעהן די גרעסטע צושפּאַלטונג צווישען די סאָציאַליסטען און דעם גרעסטען אכזריות'דיגען קאַמף צווישען זיי. פּונקט ווי אין די צייטען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789־1793 האָט די עקס־לינקע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי געפיהרט אַ בירגערקריג מיט דער מעסיגער, וואָס איז שפּעטער געוואָרען אַ קאָנטער־רעוואָ־

לוציאָנערע פּאַרטיי (די „זשיראָנדע") פּונקט אַזוי, — האָט געזאָגט פּלעכאַנאָוו, — וועלען וואַהרשיינליך, אין צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט שטעהן איינע אַנטקעגען די אַנדערע די פריהער גלייכדענקענדע, ווייל אַ טייל פון זיי וועט אַריבערגעהן אויף דער זייט פון דער בורזשואַזיע.

אָט די נבואה פון פּלעכאַנאָוו'ן איז אינגאַנצען מקוים געוואָרען. נאָר ער האָט דאַמאָלט ניט געוואוסט, אַז ער אַליין וועט זיך געפינען צווישען די פאַררעטער.

די סאָציאַל־שאָוויניסטען (מ'רופט זיי אויך אָן אָפּאָרטוניסטען, ד. ה. אמת'ע פּשרה־מאַכער) האָבען זיך אויף אַזאַ אופן פאַרוואַנדעלט אין אָפענע קלאַסען־שונאים פונ'ם פּראָלעטאַריאַט. אין דער צייט פון דער גרויסער וועלט־רעוואָלוציע קעמפען זיי אין די רייהען פון די ווייסע געגען די רויטע; זיי געהען צוזאַמען מיט גענעראַלען, מיט דער גרויס־בורזשואַזיע, מיט די פּריצים. ס'פאַרשטעהט זיך, אַז מען מוז מיט זיי אומ'ברחמנות'דיג קעמפען, מען מוז געגען זיי פיהרען פּונקט אַזאַ ענערגישען קאַמף, ווי מיט דער בורזשואַזיע, וועמעס אַגענטען זיי זיינען.

די רעשטלאַך פונ'ם צ ו ו י י ט ע ן א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל, וואָס פּרובירען אויפצולעבען די דאָזיגע פּאַרטייען, זיינען אייגענטליך ניט אַנדערש ווי אַ ביוראָ פונ'ם „פעלקער ליג", אַ געוועהר פאַר דער בורזשואַזיע אינ'ם קאַמף געגען פּראָלעטאַריאַט.

34. דער „צענטער."

אַ צווייטע גרופּע פון די פריהערדיגע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען בילדעט דעם אַזוי גערופענעם „צענטער". די דאָזיגע ריכטונג טראָגט אַזאַ נאָמען, ווייל זי וואַקעלט זיך צווישען די קאָמוניסטען, פון איין זייט, און די סאָציאַל־שאָוויניסטען, פון דער צווייטער זייט. צו דער דאָזיגער ריכטונג געהערען אין ר ו ס ־ ל אַ נ ד — די לינקע מענשעוויקעס מיט מאַרטאָוו'ן בראש; אין ד י י ט ש ל אַ נ ד — „די אומאָפּהענגיגע" (די אומאָפּהענגיגע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי) מיט קאַוטסקי'ן און לעדעבור'ן בראש; אין פ ר אַ נ ק ר י י ך — זשאַן לאָנגע'ס גרופּע; אין אַ מ ע ר י ק ע — די אמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מיט הילקוויט'ען אָן דער שפּיץ; אין ע נ ג ל אַ נ ד — אַ טייל פון

דער בריטישער לייבאָר פּאַרטיי און די אומאָפּהענגיגע ארבייטער פּאַרטיי, א. אז. וו.

אין אָנהויב מלחמה האָבען זיך די דאָזיגע לייט צוזאַמען מיט די סאָציאַל־פּאַררעטער ארויסגעזאָגט פאַר פאַרטיידיגען דאָס פאָטערלאַנד און געגען דער רעוואָלוציע. קאַאוטסקי האָט געשריבען, אַז דאָס שרעקליכסטע איז דער „אָנפאַל פון די שונאים", און אַז כלומרשט ערשט נ אָ ך דער מלחמה וועט מען זיך נעמען פאַר'ן קאַמף. אין דער צייט פון דער מלחמה האָט ניט געהאַט, לויט קאַוט־סקי'ס מיינונג, דער 2טער אינטערנאַציאָנאַל וואָס צו טאָן. נאָכדעם ווי עס איז געשלאָסען געוואָרען דער „פרידען", האָט קאַאוטסקי אָנגעפאַנגען שרייבען, אַז אַלץ איז איצט אויף אַזוי פיל צושטערט געוואָרען, אַז עס איז אפילו גאָר ניטאָ וואָס צו טראַכטען וועגען סאָציאַליזם. קומט, הייסט עס, אויס אַזוי: אין דער צייט פון דער מלחמה טאָר מען ניט קעמפען, ווייל עס וועט גאַרנישט העלפען און מען דאַרף אָפּלייגען דעם קאַמף ביז'ן שלום; אין דער צייט פון שלום טאָר מען ניט קעמפען, ווייל די מלחמה האָט אַלץ חרוב געמאַכט. יעדער איינער זעהט, אַז קאַאוטסקי'ס טעאָריע איז ניט מעהר ווי א פרעדיגען פון אבסאָלוטער אָנמעכטיגקייט, און וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט בלייבט ליגען א פּאַרפּאַלענער. נאָך ערגער איז וואָס קאַאוטסקי איז אין דער רעוואָלוציע־צייט ארויסגעטראָטען מיט א ווילדער אַטאַקע געגען די באָלשעוויקעס. ער, וואָס האָט מאַרקס'עס לעהרע פאַרגעסען, פיהרט איצט אָן א קאַמפּאַניע געגען דער דיקטאַטור פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, געגען דעם טעראָר א. אז. וו. נישט מערקענדיג אליין, אַז ער העלפט דערמיט דעם ווייסען טערראָר פון דער בורזשואַזיע. זיינע אייגענע אידעאַלען זיינען אידעאַלען פון א געוועהנליכען פּאַציפיסט, און אין דעם אונטער־שיידט ער זיך ניט פונ'ם ערשטען בעסטען בורזשואַזען פּאַציפיסט.

מיר האָבען אָפּגעגעבען אזוי פיל פּלאַץ קאַאוטסקי'ן, ווייל זיין טעאָריע גיט א באַגריף וועגען דעם גאַנצען צענטער, הגם קאַאוטסקי געפינט זיך אינ'ם רעכטען פליגעל פונ'ם „צענטער".

די פּאָליטיק פונ'ם „צענטער" באַשטעהט אין דעם, וואָס ער וואַרפט זיך אנמעכטיג צווישען דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלע־טאַריאַט, ער פּלאָנטערט זיך צווישען די פיס, וועלענדיג פאַראיי־

ניגען דאָס, וואָס קאָן פאר קיין פאַל ניט פאַראייניגט ווערען, און אין די ענטשיידענע מאָמענטען פ אַ ר ר אַ ט ער דעם פּראָלעטאַריאַט. אין דער רוסישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט דער רוסישער צענטער (מאַרטאָוו און קאָמפּאַניע) געשריען וועגען די גוואלדטאַטען פון די באָלשעוויקעס און האָט געשטרעבט אלץ „אויסצוגלייכען" — און אזוי ארום געגעבען דער ווייסער גוואַרדיע הילף און אָ פּ ג ע ש ו ו אַ כ ט די ענערגיע פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט אין דער צייט פון קאַמף. די מענשעוויסטישע פּאַרטיי האָט זאָגאַר ניט אויסגעשלאָסען יענע פון איהרע מיטגלידער, וועלכע האָבען געשפּילט א ראָלע פון גענעראַל־שפּיאָנען און פאַרשווערער. אין די שווערע טעג פאַר׳ן פּראָלעטאַריאַט פלעגט דער דאָזיגער צענטער ארויסטרעטען מיט אַגיטאַציאָנס־דרשות צו סטרייקען אין נאָמען פון א גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און געגען דער דיקטאַטור פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט. אין דער צייט פון קאָלטשאַק׳ס אנגריף פלעגען אייניגע פון אָט די מענשעוויקעס ארויסוואַרפען, אין פולער סאָלידאַריטעט מיט די בורזשואַזע פאַרשווערער, דעם לאָזונג פון אויפגעבען דעם בירגער־קריג (דער מענשעוויק פּלעסקאָוו). אין דייטשלאַנד האָבען די אומאָפּהענגיגע געשפּילט א ראָלע פון פאַררעטער אין דער צייט פון דעם ארבייטער אויפשטאַנד אין בערלין, ווען אויך זיי האָבען אין צייט פון שלאַכט גענומען זיך פאַר „מאַכען שלום" און דערמיט מיטגעהאָלפען דער מפּלה; צווישען די אומאָפּהענגיגע זיינען דאָ א סך אָנהענגער פון געמיינזאַמער ארבייט מיט די שיידעמאַנער. נאָר די הויפּטזאַך איז, וואָס זיי פּרעדיגען נ י ט ק י י ן מ אַ ס ע ן ־ אַ ו י פ ש ט אַ נ ד געגען דער בורזשואַזיע אין דער צייט, וואָס זיי שלעפּערען איין דעם פּראָלעטאַריאַט מיט פּאַסיפיסטישע האָפנונגען. אין פראַנקרייך און ענגלאַנד פאַראורטיילט כלומרשט דער „צענטער" די קאָנטר־רעוואָלוציע, „פּראָטעסטירט" געגען דערשטיקען די רעוואָלוציע, נאָר דאָס זיינען ניט מעהר ווי ווערטער, וועלכע ווייזען ארויס אַ פאָלשטענדיגע אומפעהיגקייט צו מ אַ ס ע ן ־ אַ ק צ י אָ ן.

היינט צו טאָג איז די „צענטער" גרופּע פּונקט אזוי שעדליך, ווי עס זיינען די סאָציאַליסטען־שאָוויניסטען. די „צענטריסטען", אָדער ווי מען רופט זיי נאָך אָן די קאַאוטסקיאַנער, פּרובירען אויך

אויפלעבען דעם אָפּגעשטאָרבענעם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל און „מאַכען שלום״ צווישען איהם און די קאָמוניסטען. ס'איז קלאָר, אַז אָהן אַן ענדגילטיגען אָפּרעכנען פון זיי און אָהן אַ קאַמף מיט זיי קאָן מען זיך גאָר דעם זיג איבער דער קאָנטר־רעוואָלוציע ניט פאָרשטעלען.

די פראַבעם צוריק אוועקצושטעלען אויף די פיס דעם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל זיינען געמאַכט געוואָרען אונטער דער צושטימונג פון דער רויבערישער „פעלקער ליג״. ווייל די סאָציאַל־שאָוויניסטען זיינען היינט פאַקטיש די ל ע צ ט ע שטיצע פון דער צופאַלענדיגער קאַפּיטאַליסטישע ר אָרדנונג. די אימפּעריאַליסטישע מלחמה האָט נ אָ ר דערפאַר געקענט בושעווען גאַנצע פינף יאָהר, ווייל די סאָציאַליסטישע פאַרטייען זיינען פאַלש געוואָרען און האָבען פולשטענדיג פאַרראַטען דעם סאָציאַליזם. און שפּעטער, ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די צייט פון רעוואָלוציעס, האָט די בורזשואַזיע אָנגעהויבען דירעקט זיך צו שטיצען אויף זיי, שטיקענדיג מיט ביידע הענט די באַוועגונג פונ'ם פראָלעטאַריאַט. די פריהערדיגע סאָציאַליסטישע פאַרטייען זיינען געוואָרען די ה ו י פּ ט שטערונג אינ'ם קאַמף פונ'ם ארבייטער־קלאַס אויף אראָפּצוואַרפען דעם קאַפּיטאַליזם. אין דער צייט פון מלחמה האָט יעדער איינער פון די סאָציאַל־פאַררעטערישע פאַרטייען איבערגע'חזר'ט דאָס, וואָס ס'פלעגט זאָגען די בורזשואַזיע. נאָכ'ן ווערסאַלער שלום, ווען ס'האָט זיך באַשאַפען די פעלקער־ליג, האָבען די רעשטלאָך פונ'ם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל (ד. ה. אי די סאָציאַל־שאָוויניסטען, אי די צ ע נ ט ר י ס ט ע ן), אנגעפאַנגען ווידערהאָלען אייגענטליך די זעלבע לאָזונגען, וועלכע די „פעלקער ליג״ שטעלט ארוים. די „פעלקער ליג״ באַשולדיגט די באָלשעוויקעס אין טעראָר, אין עובר זיין די דעמאָקראַטיע און „רויטען אימפּעריאַליזם״; דאָס זעלביגע טוט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, אַנשטאָט צו פיהרען אַן אָפענעם א נ ט ש י י ד ע נ ע ם קאַמף געגען די אימפּעריאַליסטען, שטיצט ער די לאָזונגען פון די אימפּעריאַליסטען. און פּונקט אַזוי ווי איינצעלנע סאָציאַל־פאַררעטערישע פאַרטייען האַלטען אונטער און שטיצען בורזשואַזע רע־

גירונגען אין איינצעלנע לענדער, פונקט אזוי האלט דער צווייטער אינטערנאציאָנאל אונטער די שענדליכסטע „פעלקער ליג".

35. דער 3טער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל

די סאָציאַליסטען שאָווענימטען און די צענטריסטען האָבען, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, ארויסגעשטעלט אין דער מלחמה־צייט דעם לאָזונג צו פארטיידיגען דאָס (בורזשואזע) פאָטערלאַנד, ד. ה. צו פארטיידיגען די מלוכה־אָרגאַניזאציע פון די שונאים פונ'ם פּראָלעטאריאט. פונ'ם דאָזיגען לאָזונג איז ארויסגעקומען א צווייטער לאָזונג, דער לאָזונג פון „בורג־פרידען", דאָס הייסט א לאָזונג אונטערצוואווארפען זיך אויף אלערליי אופנים אונטער דער בורזשואזער מלוכה. און דאָס איז טאקע פארשטענדליך. קוים האָבען פלעכאַנאָוו און שיידעמאַן געהאַלטען פאר נויטיג צו „פארטיידיגען" דאָס צארישע אָדער קייזערליכע פאָטערלאַנד, מוזען זיי, פארשטעהט זיך, זאָגען די ארבייטער, זיי זאָלען אויסמיידען טאָן עפעס אזוינס, וואָס קאָן ברענגען שאָדען דעם ענין פון פארטיידיגען די רויבערישע מלוכה. מען האָט ניט געטאָרט סטרייקען, אָבער נאָך וויניגער האָט מען צ. ב. ש. געמעגט מאכען אַן א ו י פ ש ט א נ ד געגען דער פארברעכערישער בורזשואזיע. די סאָציאַל־פאררעטער האָבען אזוי געטראַכט: מען מוז צום אלעם ערשטען פארטיג ווערען מיט'ן „אויסערליכען שונא", און דערנאָך וועלען מיר זעהן. פלעכאַנאָוו האָט אין זיין מאַניפעסט טאקע ערקלערט, אז מען טאָר ניט סטרייקען, כל זמן דאָס צארישע רוסלאַנד שטעהט אין געפאהר. אויף אזא אופן פלעגט מען אויך די ארבייטער פון די איבעריגע לענדער פארשקלאַפען צו דער בורזשואזיע. נאָר שוין פון אָנהויב מלחמה האָבען גרופעס ערליכע סאָציאַליסטען געזהן, אז דאָס „פארטיידיגען דאָס פאָטערלאַנד" און דער „בורג־פרידען" בינדען דעם פּראָלעטאַריאַט הענט און פיס; אז שטיצען די דאָזיגע לאָזונגען הייסט פארראַטען דעם פּראָלעטאריאט. דאָס האָט פון אָנהויב אָן איינגעזעהן די פארטיי פון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָט נאָך אין 1914 דערקלערט, אז ס'איז נויטיג ניט קיין „בורג־פרידען" מיט דער פארברעכערישער בורזשואזיע, נאָר א בירגער־קריג געגען איהר, דאָס

הייסט, א רעוואָלוציע. דער חוב פון פּראָלעטאַריאַט איז קודם כל אָראָפּצוּוואַרפֿען זיין בורזשואַזיע — אַט וואָס עס האָט געזאָגט אונזער פּאַרטיי נאָך גאָר פון אָנפאַנג מלחמה. אין דייטשלאַנד איז אויך אויפגעקומען א גרופּע חברים, בראש מיט קאַרל ליבקנעכט און ראָזא לוקסעמבורג. די דאָזיגע גרופּע האָט זיך אָנגערופען „אינ־טערנאַציאָנאַל" און האָט ערקלערט, אז די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלי־דאַריטעט פונ'ם פּראָלעטאַריאַט איז טייערער פון אַלץ. אין גיכען איז קאַרל ליבקנעכט אָפען אַרויסגעטראָטען מיט'ן לאָזונג פון ביר־גער־קריג און האָט אָנגעהויבען רופען דעם אַרבייטער קלאַס צו א באַוואָפענטען אויפשטאַנד געגען דער בורזשואַזיע. אזוי איז אויפ־געקומען די פּאַרטיי פון די דייטשע באָלשעוויקעס — די ספּאַרטאַ־קאָנער. אין די איבעריגע לענדער איז אויך פאָרגעקומען א שפּאַל־טונג אין די אַלטע פּאַרטייען. אין שוועדען זיינען אויפגעקומען איהרע באָלשעוויקעס (די אזוי גערופענע „לינקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי"); אין נאָרוועגיען האָבען די „לינקע" פאַרכאַפּט די גאַנצע פּאַרטיי. די איטאַליענער סאָציאַליסטען האָבען זיך די גאַנצע צייט זעהר גוט געהאַלטען. מיט איין וואָרט, ס'האָבען אָנ־געפאַנגען ביסלאַכוויי וואַקסען יענע פּאַרטייען, וועלכע זיינען גע־ווען פאַר א רעוואָלוציע. אויפ'ן דאָזיגען באָדען איז אין דער שווייץ פאָרגעקומען א פּראָבע זיך צו פאַראייניגען. אויף צוויי באַראַטונ־גען, אין צימערוואַלד און קענטאַל, איז געשאַפען געוואָרען דאָס קערענדעל פונ'ם דריטען אינטערנאַציאָנאַל. באַלד האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אז פאַרדעכטיגע פּערזאָנען פון די צענטריסטען זיי־נען אהער צוגעשטאַנען, וועלכע האָבען בלויז געשטערט די באַווע־גונג. אין דער „צימערוואַלדער" אינטערנאַציאָנאַלער פאַראייניגונג גופא האָט זיך אויסגעבילדעט די אזוי גערופענע „צימערוואַלדער לינקע" מיט חבר לענין בראש. די צימערוואַלדער לינקע האָ־בען זיך פעסט אַרויסגעזאָגט פאַר ענערגישע האַנדלונגען און האָבען שאַרף קריטיקירט דעם צענטער, וואָס איז אָנגעפיהרט געוואָרען פון קאַאוטסקי'ן.

נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע און נאָכדעם ווי ס'איז אין רוסלאַנד געגרינדעט געוואָרען די סאָוועטען־מאַכט, איז רוסלאַנד געוואָרען דער הויפּט פּלאַץ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג.

די באלשעוויסטישע פארטיי האט זיך אנגעהויבען רופען די קאמוניסטישע פארטיי, כדי אפצוטרייסלען פון זיך דעם נאמען פון די סאציאל־פאררעטער און כדי זיך אומצוקערען צו דעם אלטען בכבוד'יגען קאמפס־נאמען. אונטער דער ווירקונג פון דער רוסישער רעוואלוציע האבען זיך אנגעהויבען בילדען קאמוניסטישע פארטייען אויך אין די איבעריגע לענדער. דער ספארטאקיסטען־פארבאנד האט איבערגעביטען זיין נאמען אויף קאמוניסטישע פארטיי פון דייטשלאנד; ס'איז אויפגעקומען א קאמוניסטישע פארטיי אין אונגארן מיט חבר בעלא קון, דעם געוועזענעם רוסישען קריגס־געפאנגענעם, בראש, און עסטרייכישע, טשעכישע, סלאוואקישע, פינלענדישע א. אז. וו. קאמוניסטישע פארטייען. אין אמעריקע האבען די צענטריסטען אויסגעשלאסען דעם לינקען פליגעל פון דער פארטיי, און דאן האבען די אויסגעשלאסענע ארגאניזירט אן אייגענע קאמוניסטישע קאמפס־פארטיי; אין ענגלאנד איז די דאזיגע פארטיי געבארען געווארען אין הערבסט 1919. מיט איין ווארט, אומעטום האבען, נאך דער אפשפאלטונג פון די סאציאל־פאררעטער, אנגעהויבען וואקסען און זיך אנטוויקלען אמת רעוואלוציאנערע ארבייטער פארטייען. אין תוך גענומען, האט דאס אויפקומען פון די דאזיגע פארטייען באטייט אויך דאס אויפקומען פון א נייעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל. אין מארט 1919 איז אין מאסקווע, אין קרעמעל, פארגעקומען דער ערשטער אינטערנאציאנאלער קאמוניסטישער צוזאמענפאהר, אויף וועלכען עס איז פארמעל געגרינדעט געווארען דער דריטער, דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל. אויף דעם דאזיגען צוזאמענפאהר זיינען געוועזען פארשטעהער פון די דייטשע, רוסישע, עסטרייכישע, אונגארישע, שוועדישע, נארוועגישע, פינלענדישע און אנדערע קאמוניסטען, און אויך פון די פראנצויזישע, אמעריקאנישע און ענגלישע חברים.

דער צוזאמענפאהר האט איינשטימיג אנגענומען די פלאטפארם, וועלכע עס האבען פארגעלעגט די דייטשע און די רוסישע קאמוניסטען, און וועלכע האט באוויזען, אז דער פראלעטאריאט האט זיך געשטעלט פעסט און אנטשלאסען אונטער דער פאהן פון

דער ארבייטער דיקטאַטור, פון דער סאָוועטען־מאַכט און פונ׳ם קאָמוניזם.

דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך אַ נאָמען געגעבען קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, פּונקט ווי דער קאָמוניסטישער פאַרבאַנד, פון וועלכען ס׳איז נאָך געשטאַנען בראש קאַרל מאַרקס. מיט זיין גאַנצער ארבייט באַווייזט דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל, אַז ער געהט אין מאַרקס׳עס וועגען, ד. ה. אין רעוואָלוציאָנערען וועג אויף אראָפּצואווארפען מיט געוואַלד די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס דאָס לעבעדיגע, עהרליכע, רעוואָלוציאָנערע, וואָס איז נאָר פאַראַן אינ׳ם אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט, שליסט זיך אַלץ מעהר אָן דעם נייעם אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער פאַראייניגט די אַלע כוחות פון דעם אַרבייטער־אַוואַנגאַרד.

שוין מיט זיין נאָמען אַליין באַווייזט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, אַז ער האָט קיין שום שייכות ניט מיט די סאָציאַל־פאַררעטער.

מאַרקס און ענגעלס האָבען געהאַלטען, אַז דער נאָמען „סאָציאַל־דעמאָקראַט” איז ניט קיין ריכטיגער פאַר אַ פּאַרטיי פונ׳ם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט. „דעמאָקראַט” הייסט אַן אָנהענגער פון אַ באַשטימטער פאָרם פון מאַכט. און אין דער צוקונפטיגער געזעלשאַפט וועט, ווי מיר האָבען אויבען געזעהן, בכלל קיין שום מלוכה ניט זיין. אָבער אין דעם איבערגאַנגס פּעריאָד מוז זיין די דיקטאַטור פון די אַרבייטער. די פאַררעטער פונ׳ם אַרבייטער קלאַס געהען ניט ווייטער ווי די בורזשואַזע רעפאָרמער, מיר אָבער, געהען צום קאָמוניזם.

אינ׳ם פאָרוואָרט צום „קאָמוניסטישען מאַניפעסט” האָט ענגעלס געשריבען, אַז דער נאָמען „סאָציאַליסט” האָט אין זיין צייט באַדייט אַ באַוועגונג צווישען דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ, אין דער צייט ווען דער קאָמוניזם איז געוועזען אַ ריינע אַרבייטער באַוועגונג. פאַר אונזערע אויגען קומט איצט פאָר דאָס זעלבע. די קאָמוניסטען שטיצען זיך נאָר אויף די אַרבייטער, די סאָציאַל־פאַררעטער, — אויף דער אַרבייטער־אַריסטאָקראַטיע, אויף דער אינטעליגענץ, שענקער, קרעמער, בכלל אויף דער קליין־בורזשואַזיע.

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל פאַרווירקליכט אויף

אזא אופן פּאַקטיש די לעהרע פון מאַרקס'ן און רייניגט זי אָפּ פון יענעם ווילדען גראָז, מיט וועלכען זי איז פאַרוואַקסען געוואָרען אינ'ם משך פון דעם „פרידליכען פעריאָד" אין דער אַנטוויקלונג פונ'ם קאַפּיטאַליזם. דאָס, וואָס דער גרויסער לעהרער פון קאָמוניזם האָט געפּרעדיגט מיט 60 יאָהר צוריק, ווערט איצט פאַרווירקליכט אונטער דער אָנפיהרונג פונ'ם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל.

שלום.

ליטעראַטור פאַר קאַפּיטעל א.

(מיט שטערענדלאך * זיינען באצייכענט די ביכער, וואָס זיינען איבערזעצט אין אידיש.)

* א. באָגדאַנאָוו: „פּאָליטישע עקאָנאָמיע".
* ק. קאוטסקי: „די עקאָנאָמישע לערע פון קאַרל מאַרקס".
* ק. קאוטסקי: „דאָס ערפורטער פּראָגראַם".
* נ. לענין: „שטאַט און רעוואָלוציע".
* פ. ענגעלס: „פאַמיליע און שטאַט".

פ. ענגעלס: „פון אוטאָפּיע צו דער וויסענשאַפטליכער טעאָריע".

ליטעראַטור פאַר קאַפּיטעל ב.

א. באָגדאַנאָוו און א. סטעפּאַנאָוו: „אַ קורס פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע".

* מאַרקס און ענגעלס: „דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט".
* דזשעק לאָנדאָן: „דער אייזערנער קנאַפּעל".

ק. קאוטסקי: „די אגראַר פראַגע".

נ. לענין „די אגראַר־פראַגע און די קריטיקער פון מאַרקס'ן".

ק. קאוטסקי: סאָציאַליזם און לאַנדווירטשאַפט" (אַן ענטפער עדואַרד דאַוויד'ען).

וו. איליאין (לענין): „נייע פאַקטען וועגען דער אנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם און לאַנדווירטשאַפט (אין די פאַראייניגטע שטאַטען)".

וו. איליאין (לענין): „די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד".

ל. קרזשיוויצקי: „די אגראַר־פראַגע".

פּאַרוואוס: „דער וועלט־מאַרק און לאַנדווירטשאַפטליכער קריזיס".

ליטעראַטור פאַר קאַפּיטעל ג.

ג. פּלעכאַנאָוו: „צום יאָהרהונדערט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע".

* א. בעבעל: „די פרוי און סאָציאַליזם".

א. באָגדאַנאָוו: „דער רויטער שטערן" (אַן אוטאָפּיע).

ס. וואָלסקי: „די טעאָריע און פּראַקטיק פון אַנאַרכיזם".

י. פּרעאָבראַזשענסקי: „אַנאַרכיזם און קאָמוניזם".

ב. באַזאַראָוו: „אַנאַרכיסטישער קאָמוניזם און מאַרקסיזם".

* ק. קאוטסקי: „קלאַסען־אינטערעסען".
* ק. מאַרקס: „דער 18טער ברומער".
* ק. מאַרקס: „רעוואָלוציע און קאָנטר־רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד".
* ק. מאַרקס: „דער בירגער קריג אין פראַנקרייך".

ליטעראַטור פאַר קאַפּיטעל ד.

* ל. קאַמענעוו: ״דאָס עקאָנאָמישע סיסטעם פון אימפּעריאַליזם״.
* נ. לענין: „אימפּעריאַליזם אַלס דער נייעסטער עטאַפּ פון קאַפּיטאַליזם״.
נ. בוכאַרין: „די וועלט־ווירטשאַפט און אימפּעריאַליזם״.
נ. ציפּעראָוויטש: „סינדיקאַטען און טראַסטען אין רוסלאַנד״.
נ. לוקין (אַנטאָנאָוו): „מיליטאַריזם״.
פּאַוולאָוויטש: „וואָס איז אזוינס אימפּעריאַליזם״.
פּאַוולאָוויטש: „די גרויסע אייזענבאַנען״.
פּאַוולאָוויטש: „מיליטאַריזם און מאַריניזם״.
פּאַוולאָוויטש: „דער סך הכל פון דער וועלט־מלחמה״.
פּ. הילפערדינג: „דער פינאַנס־קאַפּיטאַל״.
* ק. קאַוטסקי: „דער וועג צו מאַכט״.
קערזשענצעוו: „דער ענגלישער אימפּעריאַליזם״.
לאַזאָווסקי: „אייזען און קוילען (דער קאַמף פאַר עלזאַס־לאָריען)״.
ג. זינאָוויעוו: „עסטרייך און די וועלט־מלחמה״.
פּאָקראָווסקי: „פראַנקרייך אין דער צייט פון דער מלחמה״.
בעראַסקאָוו: „ענגלאַנד אין דער צייט פון דער מלחמה״.
מ. לוריע (לאַרין): „דאָס זיגרייכע לאַנד״.
מ. לוריע (לאַרין): „די פאָלגען פון דער מלחמה״.
ג. זינאָוויעוו: „דער דריי־בונד און די דריי־אייניגקייט״.
א. לאָמאָוו: „דאָס צופאַלען פונ׳ם קאַפּיטאַליזם און די אָרגאַניזאַציע פון קאָמוניזם״.
נ. אָסינסקי: „דאָס אויפבויען פון סאָציאַליזם״.

ליטעראַטור פאַר קאַפּיטעל ה.

לענין און זינאָוויעוו: „סאָציאַליזם און מלחמה״.
לענין און זינאָוויעוו: „געגען דעם שטראָם״.
ג. זינאָוויעוו: „די מלחמה און דער קריזיס פון סאָציאַליזם״.
* נ. לענין: „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און דער רענעגאַט קאַוטסקי״.
ג. גאָרטער: „אימפּעריאַליזם״.

די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער ביבליאָטעק

פּאָליטישע עקאָנאָמיע און געשיכטע:

עקאָנאָמישע שריפטען פון קארל מארקס — — — — — — 2 בענד,
פּרייז 1 דאָלער פּאר א באנד.

היסטאָרישע שריפטען פון קארל מארקס, 1 באנד, פּרייז 1 דאָלער.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע פון באָגדאנאָוו — — — — פּרייז 60 סענט.

די פּאריזער קאָמונע, פון א. ש. זאקס — — — — פּרייז 75 סענט.

דער קאָמוניסטישער מאניפעסט, פון קארל מארקס און פ. ענגעלס,
פּרייז 30 סענט.

רעוואָלוציאָנערע פּובליציסטיק:

ניקאָלאי לענין, ביאָגראפיע — — — — — — — — פּרייז 90 סענט.

קולטור און רעוואָלוציע, פון מ. גאָרקי — — — — פּרייז 1 דאָלער.

שריפטען און ביאָגראפיע, פון ר. לוקסעמבורג — פּרייז 75 סענט.

סאָוויעט רוסלאנד, פון דר. א. גאָלדשמיט — — פּרייז 50 סענט.

אונזער רעוואָלוציע, פון לעאָן טראָצקי — — — — פּרייז 60 סענט.

אַרבייטער און פּרייהייט, פון ניקאָלאי לענין — פּרייז 60 סענט.

רעוואָלוציאָנערע דראַמעס:

מיט'ן ווילן פון פּאָלק, פון סערגעי סאבאטיעוו, איבערזעצט פון
שכנא עפּשטיין — — — — — — — — — — פּרייז 25 סענט.

די פּויסט, פון אנטאָניא סאָקאָליטש, איבערזעצט פון ח.
טויבענשלאָג — — — — — — — — — — פּרייז 10 סענט.

די

„פרייהייט"

טעגלאכע צייטונג

פון ארבעטער-לעבן און ארבעטער-קאמף.

צו באקומען ביי אלע צייטונגס-פארקויפער.

3 סענט א קאפּיע.

סובסקריפּשאן: 9 דאלער א יאר.

THE FREIHEIT

47 Chrystie Street, New York, N. Y.